הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

פארטראג

איבער

# טהרת־המשפחה

געהאלטן פון הרב הגאון הגדול פאר הדור כש"ת

מרן אברהם דובער כהנא שפירא שליט"א

אב"ד דק"ק קאונאס (קאוונא)

אויף דער ערשטער אלליטווישער קאנפערענץ פון די

רעליגיעזע פרויען־ארגאניזאציע

## „בית־יעקב"

יום א', ב' דחנוכה תרצ"ו אין קאונאס (קאוונא).

ארויסגעגעבן פון
„מרכז בנות אגודת ישראל ובית יעקב"
אין דייטשלאנד

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

**AUTHORIZED**
**by**
**UNITED NATIONS RELIEF AND REHABILITATION ASSOCIATION**
**U. S. ZONE, TEAM 503**

# פ א ר ט ר א ג

איבער

# טהרת־המשפחה

געהאלטן פון הרב הגאון הגדול פאר הדור כש״ת

מרן אברהם דובער כהנא שפירא שליט״א

אב״ד דק״ק קאונאס (קאוונא)

אויף דער ערשטער אלליטווישער קאנפערענץ פון די

רעליגיעזע פרויען־ארגאניזאציע

# „בית־יעקב"

יום א׳, ב׳ דחנוכה תרצ״ו אין קאונאס (קאוונא).


הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

**אמצעים להדפסת החוברת ניתנו ע"י**

**הרה"ג ר' הלל בישקא נ"י**

**(יו"ר הסתדרות „תפארת בחורים" העולמית)**

**לזכר נשמת האשה הצדיקת**

**מרת שרה עטיל פארטוגאל ע"ה.**

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

# פ א ר וו א ר ט

## פון די ארויסגעבער.

### (צו דער ערשטער אויפלאגע)

די פארלינגענדע בראשיור, וואס מיר גיבן איצט איבער צום דרוק, איז א סטענאגראפישע אפשריפט פון דער גלענצנדער רעדע איבער טהרת המשפחה, וואס דער קאונער רב הגאב״ד א. ב. שפירא שליט״א האט באוויליגט צו האלטן בא דער דערעפנונג פון דער ערשטער אלליטווישער קאנפערענץ פון דער רעליגיעזער פרויען ארגאניזאציע „בית יעקב״, וועלכע איז פארגעקומען אין קאונאס (קאוונא) ב׳ חנוכה תרצ״ו.

באגייסטערט פון דער טיפער און מייסטערהאפטער רעדע און פילענדיק דעם טיפן איינדרוק, וואס זי האט איבערגעלאזן אף יעדן איינער פון דער טויזנט-קעפיקער פרויען-אוידיטאריום, איז די קאנפערענץ געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אזא גרויסער און אויטאריטאטיווער ווארט, אפגעדרוקט און פארברייטערט אין די מאסן, וועט האבן א גרויסע ווירקונג אף דער אידישער פרויען-וועלט. פיל יונגע פרויען, וועלכע האבן פריער — ניט אפגעבנדיק זיך גענוג רעכנונג און ניט וויסנדיק ווי געהעריג אפצושאצן דעם ווערט און וויכטיקייט פון דער זאך — ניט אפגעהיט „טהרת המשפחה״, וועלן, דורכלייענענדיק גרינדליך די פארליגנדע בראשיור, זיך ערנסט פארטראכטן, פארטיפן און דערפילן אין צוקונפט די גרויסע מצוה און פארערונג, וועלכע פירט צו זייער גליק, צום גליק פון זייערע קינדער און פון גאנצן אידישן פאלק. דארום האט די קאנפערענץ באשלאסן בעטן דעם רב שליט״א צו דערלויבן די ארג. „בית-יעקב״ אפצודרוקן זיין רעדע אין א באזונדערע בראשיור און ברייט פארשפרייטן איר צווישן די אידישע פרויען, אף וואס דער רב שליט״א האט באוויליגט צו געבן זיין הסכמה.

ווי געזאגט, איז די בראשיור א סטענאגראפישע אפשריפט, א געטרייע איבערגאבע פון דאס גרויסע מוסטערהאפטע ווארט, ווי דער חשוב׳ער נואם האט אים פארגעטראגן. נור אין אייניקע שטעלן, ווו דער רב שליט״א האט, צוליב פארשטענדליכע טעמים פון צניעות, אין אנוועזנהייט פון דער גרויסער פרויען-אוידיטאריום, אין מינדליכן פארטראג שוין צ ו פ י ל מקצר געווען, האבן מיר אים געבעטן איצט, איבערגעבנדיק צום דרוק, ווי ווייט מעגליך צו דערגאנצן — וואס דער רב שליט״א האט אויך געטאן. דאבאי האט ער שוין נוהג געווען ווי „נותן בעין יפה נותן״ און מוסיף געווען אונטן באמערקונגן ספעציעל פאר די וואס זיינען מער באוואנדערט אין די זאכן. (ערטערווייז האט ער אויך פארגעצויג די הערות צו שרייבן העברייאיש).

מיר ווילן דא אויך איבערגעבן דעם רב׳ס שליט״א ווערטער, וואס ער האט אונז געזאגט, געבענדיק אונז די ערלויבנים צו דרוקן:

„א שאַר וואָס דער צדיק, דער „חפץ חיים" ז"ל, איז ניטאַ מער צווישן אונז; ער וואָלט געוויס האָבן גרויס נחת-רוח פון דעם — פון אייער אויפטו. איבעריגענס, האָט ער איצט אויך בעולם הנשמות דערפון נחת-רוח. באַזונדערס דאַרף ער האָבן נחת־רוח צוליב ד ע ם, וואָס ער מיט זיין ביישפּיל, וואָס ער האָט אין די לעצטע יאָרן געהאַלטן אין ווילניוס (ווילנא) א דרשה וועגן טהרת המשפחה ספּעציעל פאַר א פרויען-אודיטאָריום, איז געווען דער גורם. אז איך זאָל דערפילן אייער בקשה צו האַלטן איבער די טעמע א פּאָרטראַג אין אייער פרויען-קאָנפערענץ. עס איז, אלזא, די פּירות פון ז י י ן ווערק און ער האָט פון דעם ש כ ר און נ ח ת - ר ו ח.

און אזוי ווי די חז"ל זאָגן, אז ווען מען זאָגט איבער פון א צדיק'ס נאָמען א תורה-וואָרט איז „שפתותיו דובבות בקבר" (זיינע ליפּן ליספּעלן אין קבר), אזוי ליספּעלן אויך די ליפּן פון הגאון הצדיק „חפץ חיים" זצ"ל צו אייך מיטנלידערינען פון „בית־יעקב" אַ דאַנק און א ברכה פון הימל אייד אלעמען פאַר אייער הייליקער אַרבייט.

פאַר מיין אָננעמען אייער בקשה קומט אויך א דאַנק דעם מאַריאַמפּאָלער רב, וועלכער האָט מיר פאַרזיכערט אז ממני יראו וכן יעשו פיל רבנים, באופן אז זכות הרבים, אין ברייטן זין, תלוי בזה".

צום שלוס דריקן מיר אויס אונזער טיפן דאַנק דעם רב שליט"א פאַרן כבוד וואָס ער האָט אונז באַוויזן, האַלטנדיק ביי אונז דעם טייערן פּאָרטראַג, און פאַר די דערלויבעניש צו דרוקן אים. זאָל דער עווינער אים מאריך ימים זיין און שטאַרקן אין די הייליגע אַרבייט — אויפשטעלן די גאַנצקייט און ריינקייט פון בית-ישראל!

רעליגיעזע פרויען אָרגאַניזאַציע
„בית-יעקב" אין ליעטווואַ.

# פון די ארויסגעבער

(צו דער צווייטער אויפלאגע.)

נאכדעם ווי די ערשטע אויפלאגע איז אויספארקויפט געווארן זיינען מיר צו־געטראטן ארויסצוגעבן א צווייטע אויפלאגע, וועלכע ליגט איצט פאר אייך. געערטע לעזערינען. דאס איז אבער נים איינפאך אנ׳אפדרוק פון דער ערשטער אויפלאגע. אין דער נייער אויפלאגע זיינען, ערשטענס, אויסגעבעסערט געווארן פארשיידענע אומפינקטליכקייטן, וואס זיינען פארגעקומען אין דער ערשטער אויפלאגע; צווייטענס, זיינען אריינגעאנגען מערערע שטעלן, וואס זיינען אין דער ערשטער אויפלאגע דורכגעלאזן געווארן; דריטענס, זיינען צוגעקומען נייע תורה׳דיקע און וויסנש. דערגאנצונגען דורך הרב שליט״א.

די בראשיורע, באזונדערס אין דער נייער פארגרעסערטער אויפלאגע, קען דינען אלס א אויסגעצייכנעטער מאטעריאל פאר נואמים ומטיפים אפן דאזיקן געביט, וועלכער איז, ליידער, נים קוקענדיק אף זיין גרויסער וויכטיקייט, שטארק פארנאכלעסיגט. פאר געוואוינליכע לעזערינס אבער אין זי אין גרעסטן טייל צוליב איר טיפקייט צו שווער. דעריבער ווערט זי אין איניגע ערטער דורך מער געלערנטע חברות אדער דורך אנדערע פאסיקע פערזאנען פארגעלעזן פאר די פרויען־גרופעס מיט געהעריקע דערקלערונגען. ס׳איז כדאי אזוי איינצופירן אין מערערע ערטער.

אגב דערלויבן מיר אונז דא צו דערמאנען, אז מיר האבן באמערקט פון רב שליט״א אנעוויסע אומצופרידנקייט דערמיט, וואס די הבטחה, אז „ממנו יראו וכן יעשו פיל רבנים באופן אז זכות הרבים אין ברייטן זין תלוי בזה״ *) איז פארלויפיק נים אין אגעניגענדער מאס מקוים געווארן.

„עס איז באזונדערס צו באמערקן — האט דער רב שליט״א דערביי־געזאגט — וואס דאס ריידן אין אזא פארם איבער „טהרת המשפחה״ איז דער ערשטער פראוו און קען דורך אנ׳איינמאליקע רעדע און דורך א איינציגע פערזאן בשום אופן נים גענוג באארבעט ווערן. דעריבער איז נויטיג, אז עס זאל דורך ווייטערע ארבעט פון מערערע דערצו געאייגנעטע מענשן געהעריק אנטוויקעלט און דערגאנצט ווערן״.

---

*) זע פארווארט צו ערשטע אויפלאגע.

מיר האפן שטארק, אז אין צוקונפט ו:עט די הייליגע ארבייט בעז"ה נעוויס ווערן פארשטארקט און פארגרעסערט, פארברייטערט און פארטיפט. מיר מאכן דערביי אויפמערקזאם צו בעאכטן די העברעאישע הערה פון הרב שליט"א אויף זייטע 16.

אויך איז צו דער דאזיקער צווייטער אויפלאגע צוגעגעבן געווארן א באזונ־דערע ביילאגע פון די נויטיקע דינים.

די ארויסגעבער:
'עריגיעזע פרויען ארגאניזאציע
„בית 'עקב" אין ליעטויוא.

חַזְּקוּ יָדַיִם רָפוֹת וּבִרְכַּיִם כּוֹשְׁלוֹת אַמֵּצוּ.

(ישעי׳ ל״ה, ג׳).

שטארקט די שלאפע, קרעפטיגט די אפגעשוואכטע.

קנקן חדש
מלא ישן מיושן
ימעלי ספי׳

*  *
*

די פּראָשיורע איז אַ פּרווו איינצוווירקן — אף די „שלאָפּע״ און „אָפּגעשוואַכטע״ — צו אָפּהיטונג פון טהרת המשפחה אין אַ סגנון, וואָס איז ביז אַהער גאָר ניט אָדער ווייניג פּראַקטיצירט געוואָרן, ולא המדרש הוא העיקר אלא המעשה — די געוואונשענע רעזולטאַטן קרוינען די רייד

זרוק עלינו מים טהורים וטהרנו, כמה שכתוב: וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מכל ט ו מ א ו ת י כ ם ומכל גלוליכם אטהר אתכם.

(יחזקאל, ל"ו, כ"ה).

אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם — אביכם שבשמים, שנאמר: וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם, ואומר: מקוה ישראל ה'.

(יומא, פ"ה:).

## געערטע קאנפערענץ!

„כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל" 1). „כה תאמר לבית יעקב" — אלו הנשים. „ותגיד לבני ישראל" — אלו האנשים. „כה תאמר" — אמור בלשון רכה. ראשי הדברים לנשים. „ותגיד לבני ישראל" — ותדקדק עמהם 2). ד. ה. אזוי זאָלסטו זאָגן צו יעקב'ס הויז און רײדן צו ישראל'ס זיהן. „יעקב'ס הויז" — מיינט די פרויען, „ישראל'ס זיהן" — די מענער. לבית יעקב, צו די פרויען — לייכטעס, די הויפטזאכן, לבני ישראל — הארבערעס.

מיין רעפעראט וועט פיליכט ערטערווייז אנטהאלטן שווערליכע ענינים פאר מאנכע הערערינס. איך האָב אָבער אין אויסזיכט אויך די מער פארבארייטעטע הערערינס און אויך די אָנוועזנדע מענער, אונטער זיי תלמידי־חכמים, אין בעצוג צו וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרן „ותגיד לבני ישראל".

דער סיוושעט פון מיין רעפעראט דערמאָנט מיר די משנה וועגן די זאכן וואס „נקראין ולא מתרגמין" 3). וואָס ווערן פארגעלעזן אין טעקסט און נ י ט איבערזעצט (אין אומגאנגס שפראך). *) דארום בין איך געצוואונגען שטעלנווייז צו זיין קורץ און געבונדן אין דער שפראך, צוקלייבן די באזונדערס פאסיקע ווערטער און אויסמיידן מאנכע אויסדריקע, שוינענדיק געוויסע געפיהלן.

נאָך די פאר אריינפיהר־ווערטער באגריס איך אייך, געעהרטע קאָנפערענץ, און ווינש אייך דערפאָלג אין אייער ארבייט.

און דערפאָלג מיין איך ניט נ אָ ר אין די רעדעס, אין די דרשות, זונדערן אויך אין די מעשים. ווייל „לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה" 4). און אז מ'זאָגט צו א פאראיין „מ ע ש ה" מיינט עס ניט מעשים פון יעדער י ח י ד, — אין געגנעבענעם פאל פון יעדער י ח י ד ה — דען דאס קען דאָך יעדע יחידה טאָן פאר זיך אליין אָן א פאראייניגונג אין א חברה. דאָס מיינט אלזא געמיינזאמע, בשותפות'דיקע ארבייט אלס חברה. דען דאס איז דאָך טאקי דער גאנצער יסוד און זינען פון חברה, אז דאס, וואס יעדער יחיד ויחיד — און מענן זיי אפילו זיין טויזענטער, אָבער פאראיינצעלטע — קענען נ י ט אויפטאָן, דאס קען י ע אויפטאן א פאראייניגטער ציבור, א חברה. נפישא זכותיה

---

אנמערקונג.

*) איבערגעבנדיק צום דרוק האבן מיר דיזע שטעלן אויך איבערזעצט. ארויסגעבער.

---

1) שמות, י"ט, ג'. 2) מכילתא, שם. 3) מגילה, כ"ה. 4) אבות, פ"א, מ"ז.

דצובור 1). דארום ווינש איך אייך דערפאלג אין קומענדיקע מעשים מיט פאראייניגטע כחות אלס־גאנצע חברה, וואס קען פיל, פיל אויפטאן.

און וואס צו טאן האט איר זעהר זעהר פיל. און וועגן איינע פון אייערע וויכטיגסטע אויפגאבן וויל איך דא היינט ריידן.

„אמר ר׳ יוסי: מעולם לא עברתי על דברי חברי. יודע אני בעצמי שאיני כהן, אם אומרים לי חברי עלה לדוכן אני עולה" 2). ד. ה. ר׳ יוסי האט געזאגט: איך ווייס בײ זיך, אז איך בין ניט קיין כהן, דאך אויב מיינע חברים הייסן מיר גיין צום דוכן וועל איך גיין.

א י ך בין געווארען יע א כהן און זועו מ׳הייסט מיר ארופגיין צום דוכן בין איך גערן עולה, אבער דאס, וואס מיינע חברים רבנים און אייערע אויסגע־ווײלטע פירערינס האבן מיר איינגעלאדען דא צו טאן, דא צו ריידן, איז מיר באמת זעהר שווער, צוליב פארשטענדליכע טעמים.

אין פסוק שטייט: „ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך" 3). ד. ה. די מצריים (עגיפטער) האבן געארבעט מיט די אידן בפרך. „ר"א אומר: בפה רך. ר׳ שמואל בר נחמני אומר: בפריכה וכו׳ שהיו מחליפין מלאכת אנשים לנשים ומלאכת נשים לאנשים" 4). ר׳ אלעזר טייטשט דעם ווארט „בפרך"—בפה רך. ד. ה. מיט ווייכע לייכטע רייד. ר׳ שמואל בר נחמני טייטשט: בפריכה. ד. ה. מיט שווע־רע צוקנירשענדיקע ארבייט, ווייל זיי פלעגן פארבייטן די ארבייט פון מענער און פרויען. די ארבעט וואס געהערט צו מענער פלעגן זיי ארויפלייגן אויף פרויען, די ארבייט וואס געהערט צו פרויען פלעגן זיי ארויפלייגן אויף מענער. אין דאזיקען זינען איז דאס, וואס מ׳האט אויף מיר ארויפגילייגט דא צו ריידן (אדער וואס איך האב אויף מיר זעלבסט ארויפגענומען) אנ׳עבודת־פרך, ווייל דאס איז אי׳ארט מלאכת נשים לאנשים דאס וואס עס איז לייכט דא צו ריידן פאר א פרוי איז שווער פאר א מאנספערזאן. און אויב דארט איז א פלונתא (שטרייטיג) וואס איז „בפרך" אויב ב פ ה ר ך אדער ב פ ר י כ ה, צי מיט לייכטע רייד אדער מיט שווערע ארבייט, איז דא בײ אונזער פאל אלץ איינס, ווייל אפילו מיט לייכטע רייד און האלבע ווערטער, אפילו ברמיזה און מיט א וואונק איז עס אויך עבודת פרך...

אבער וואס זאל איך טאן? אויפן גרונד פון ר׳ יוסי׳ס ווערטער: „אם אומרים לי חברי עלה לדוכן אני עולה" מוז איך מקיים זיין דעם וואונש פון די וואס האבן מיר געבעטן, בפרט אז עס האנדלט זיך וועגן אזא גרויסן ענין, אזא מצוה רבה. איך וועל אבער דארום ערטערווייז זיין זעהר קורץ, טיילווייז ריידן מער ברמז, אויפ׳ן וואונק.

„הנסתרות לה׳ אלהינו והנגלות לנו ולבנינו עד עולם" 5). ד. ה. דאס פארבארגענע איז בײ ג־ט, דאס אפנעדעקטע — פאר אונז און אונזערע קינדער ביז אין די אייביקייט. שטייט אויף דעם פסוק פינטעלאך דאס איז א רמז, אז

1) ע"ז, ד׳. 2) שבת, קי"ח 3) שמות, א׳, י"ג. 4) סוטה, י"א:
5) דברים, כ"ט, כ"ח.

אגאר דעם נגלות־טייל פון נסתרות (ד. ה. דעם אפענעם טייל פון דאָ פאַרבאָרגענע) קען מען ריידן נאָר ברמז.

און די זאַך, וועגן וועלכע איך דאַרף ריידן איז זעהר אַ וויכטיגע, דאָס איז:

## טהרת המשפחה

די ריינקייט פון אידישער משפחה. מ ש פ ח ה אין ברייטן זינן.

און מערקווירדיג, אז אלע ווערטער פון אונזער אומה הקדושה זיינען הייליג און וואונדערבאַר.

„אפילו ש י ח ת ן של ישראל — זאָגן חז"ל — תורה היא" 1). אויף פאַרשיידענע מנהגי ישראל, וואָס איז ניט באַקאַנט זייער טעם, זאָגן זיי ווייטער: „הנח להם לישראל, אם אין נביאים הם בני נביאים הם" 2). אויב זיי זיינען ניט קיין נביאים, זיינען זיי אבער קינדער פון נביאים. און אויך דאָ, אין דער בלויזן אויסדרוק־פאָרם „טהרת המשפחה" געפינען מיר — געמיינט אָדער ניט געמיינט — אַ טיפן אינהאַלט. דער אויסדרוק „טהרת המשפחה" איז אייגנטליך געקומען נאָר בכדי צו ריידן בלשון נקיה, צוליב צניעות. אין דער תורה שטייט דינים פון נדה, דם, זיבה. און אונזער הייליג פאָלק האָט עס צוליב צ נ י ע ו ת אָנגערופן פ אַ ר ש ט ע ל ט: „ט ה ר ת ה מ ש פ ח ה". אבער אגב (נעבנביי) געפינען מיר אין די צוויי ווערטער אַ גרויסן אינהאַלט, און דאָס איז:

טהרת המשפחה, די ריינקייט פון דער אידישער משפחה אין ב ר י י ט ן זינען, ד. ה. די ריינקייט פון ג אַ נ צ ן פאָלק, ווי עס וועט זיך אויפקלערן פון אונזערע ווייטערדיקע אויספירונגן.

אין דער תורה שטייט:

„בעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו" 3). ד. ה. עס זאָל זיין יראת־שמים אויף אייער פנים בכדי איר זאָלט ניט זינדיגן. זאָגן אף דעם די חז"ל: „בעבור תהיה יראתו על פניכם" — זו בושה, „לבלתי תחטאו" — מלמד שהבושה מביאה לידי יראת חטא" 4). ד. ה. עס זאָל זיין יראת־שמים אויף אייער פנים — דאָס מיינט: בושה (שעמעוודיקייט). „בכדי איר זאָלט ניט זינדיקן" — דאָס באַלעהרט אונז, אז בושה ברייננגט צו יראת חטא (מורא האבן צו טאָן אַן עבירה)".

עס פרעגט זיך, ווי פאַרטייטשן דאָ עפּיס חז"ל דאָס וואָרט „יראה" מיט „בושה"? זייער כוונה (מיין) איז קלאָר: וואָס הייסט עס „יראת שמים אף א י י ע ר פ נ י ם"? פאַר יראת־שמים איז דאָך דער אָרט אין הארצן? עס מיינט דאָ אלזא: די מדה (זיטע) פון בושה, שעמען זיך צו טאָן שלעכץ, אומגערעכטעס, עולה'דיקעס. און ד אָ ס ליגט טאַקי אויפ'ן געזיכט (ווי די חז"ל רופן עס „כיסופא" — בלאַס (רויט נאָכהער בלאַס) ווערן, ווי זילבער־קאָליר, כסף") ווער עס האָט די מדה פון בושה וועט מורא האָבן פאַר עבירות.

היינטיקע צייטן אָבער טוט מען אַלץ פאַרקערט ווי עס שטייט אין דער תורה.

---

1) מדרש תהלים, ק"ד. 2) פסחים, ס"ו. 3) שמות כ', י"ז. 4) נדרים, כ'.

שטייט אין דער תורה צו האבן בושה, צו האבן צניעות, טוט מען דוקא פארקערט. ניט קיין בושה, ניט קיין צניעות, ניט אין קליידונג ניט אין האלטונג, ניט אין גאנצער אויפפירונג... ניטא דער אמאליקער ריינער אידעעלער אידישער לעבן.

מיט דעם אליין וואלט מען אבער, ווי ס'שיינט, נאך ניט מקיים געווען ווי עס באדארף צו זיין די מאדע־מצוה צו טאן פארקערט ווי ס'שטייט אין דער תורה.

מ'דארף טאן עקסטרעם־קאפויער, ווי עס שטייט אין וידוי הגדול לרבינו נסים: „את אשר טהרת טמאתי ואשר טמאת טהרתי, את אשר התרת אסרתי ואשר אסרת התרתי, את אשר אהבת שנאתי ואשר שנאת אהבתי, את אשר הקלת החמרתי ואשר החמרת הקלתי, את אשר קרבת רחקתי ואשר רחקת קרבתי” ד. ה. וואס דו (רבונו של עולם) האסט געמאכט ריין (גערופן ריין) האב איך פאראומריייניקט (אדער אומריין גערופן), וואס דו האסט פאר אומריין (טמא) דערקלערט האב איך ערקלערט פאר ריין, וואס דו האסט דערלויבט האב איך פארבאטן, וואס דו האסט פארבאטן האב איך ערלויבט, וואס דו האסט ליב האב איך פיינט געהאט, וואס דו האסט פיינט האב איך געליבט, וואס דו האסט דערקלערט פאר לייכט האב איך פארשווערט, וואס דו האסט פארשווערט האב איך פארלייכטערט, וואס דו האסט דערנעענטערט האב איך דערווייטערט, וואס דו האסט דערווייטערט האב איך דערנעענטערט...

אט, דאס הייסט קאפויער שבקאפויער!

אט וואו די תורה הייסט זיך יע שעמען, שעמען זיך פאר אייסנלאסנקייט, פאר פרעכהייט, אומאנשטענדיקייט אין קליידונג, אין פיהרונג און ווייטער און ברייטער — איז דוקא ניט. דוקא ניט קיין בושה, דוקא ניט געשעמט זיך. דא פאסט אלץ, דא איז אלץ שיין. וואו די תורה אבער הייבט: „ניט שעמען זיך”, ווי עס שטייט אין ערשטען סעיף (פאראגראף) פון שלחן־ערוך: „ולא יתבייש מפני בני אדם המלעיגים עליו בעבודת ה'” 1). ד. ה. ניט שעמען זיך פאר די מענשן, וואס שפאטן איבער אים וועגן קיום־המצות — אט דא, פארקערט, שעמט מען זיך דוקא יע.

אם שווערסטן ווערט פון געוויסע עלעמענטן איגנארירט און פארשפאט די גרויסע מצוה פון „טהרת־המשפחה” און די גרויסע עבירה פון עובר זיין אפן ראזיקן דין, אן'עבירה וואס ציהט־נאך זיך די זעהר שטרייגנע שטראף „כרת” פארן מאן און פרוי, וואס ציהט א רוח־הטומאה און שווערע רעזולטאטן אף די פרוכט און קומענדיקע דורות...

און פאר וועמען שעמט איר זיך? פאר א ניט שעמעדיקער סביבה? פאר מענשן וואס שעמען זיך ניט צו טאן כל דבר איסור זאלט איר, ערליכע אידישע טעכטער, זיך שעמען צו טאן אזא גרויסע מצוה?

און די ביישנות אויף דעם געביט האט זיך שוין אזוי ווייט פארברי-

---

1) שו"ע, או"ח, סי' א'.

טערט, אז די מטיפים און רבנים מיידן שוין זאגאר אויס צו ריידן וועגן דעם. *) עס גילט שוין כמעט אלס ניט קיין „באן טאן"...

איינער האט גוט געזאגט:-

„האי צורבא מרבנן דמרחמין ליה בני מתא לאו משום דמעלי טפי אלא משום דלא מוכח להו במילי דשמיא". 1), ד. ה. א תלמיד־חכם וואס די שטאט־לייט ליבן אים איז עס ניט דערפאר ווייל ער איז זעהר ערהאבן, נייערט ווייל ער שטראפט זיי נים איבער מילי דשמיא, ווייל ער רעדט ניט וועגן ענינים וואס צווישן מענשן און הימל, נאר וועגן ענינים וואס בין אדם לחברו, צווישן מענש און מענש, וועגן געזעלשאפטליכע פראגן, און ווען מען רעדט שוין יע וועגן מ י ל י ד ש מ י א , ווי שבת אדער טאקי טהרת המשפחה, וויל מען עס נאר הערן אין א סאציאלער באגריגדונג, נאציאנאלער באלויכטונג, אין תיגיע־נישער דערקלערונג, ניט נאר גרונדזעצליך, פרינציפעל, נאר אין אלע איינצעל־דינים פיזיקאליש דעטייל באארבעט, אז אלץ זאל זיין פולשטענדיס פאפולער פארשטענדליך פאר אלעמען.

עס איז פון שטענדיק אן ביי אונז געווען געוויסע שולן, וואס זיינען געווען באשטרעבט צו דערקלערן די דיני התורה אין איינקלאנג מיטן מצב פון דער וויסנשאפט און אירע אויספיהרן אין דער נעגעבענער צייט. אזא צוגאנג אויפ־צוקלערן א ל ע דיני התורה אויפן דאזיקן וועג איז, באקאנטליך, שטרייטבאר און קען באזונדערס ניט אנגעווענדעט ווערן אויף געוויסע דינים. ווי באקאנט, זיינען אין דער תורה פאראן צוויי הויפטטיילן: די מצות השכליות און מצות השמעיות, ד. ה. מצות וואס זיינען צוגייננליך פאר'ן שכל און מצות וואס זיינען ווי חוקים תורה־געבאטן, וואס מיר זעהען ניט מיט אונזער שכל זייערע טעמים. זיי זיינען בוודאי הויפטזעכליך פארוארצלט אין דערהויבענע גייסט־וועלטן א י ב ע ר קערפערליכע באגריפן, ווען אויך זיי רופן זיך ממילא אפ אויך אף די ענינים פון קערפער־וועלכער איז דאך סוף כל סוף פארבונדן מיטן גייסט אין א וואונדערבארער, רעטזעלהאפטער איינהייט. דער לעצטער טייל פון די מצוות התורה לאזט זיך דארום שווערליך און נאר מיט ריזיקע **) דערקלערן דורך די אויספיהרן פון דער וויסנשאפט א י ן ד ע ר ג ע נ ע ב ע נ ע ר צ י י ט , ערשטענס ווייל זיי זיינען מייסטענס אויסער איר בארייך, און צווייטענס ווייל די וויסנשאפטס־טעאריען בייטן זיך איבערהויפט זעהר אפט, די תורה אבער — ניט. פלעגט טאקי שטענדיק דער איד מקיים זיין ד י ז ע מצוות אלס ח ו ק י ־ ה ת ו ר ה מיט פולער זיכערקייט, אז ס'זיינען דאריף

---

*) עיי' בפירוש רבינו יונה למשלי א' פסוק ד' מה שכתב בתוכחת הכסיל. אבל אין לכייל בביילא רבתא.

**) כל אמרת אלוק צרופה... אל תוסף על דבריו פן יוכיח בך ונכזבת. (משלי, ל', ה', ו'.).

---

1) כתובות, ק"ה.

פאראן גרויסע טעמים, ווען אויך זיי זיינען פון אים פארבארגן (זעה ז. 115).

איך ווייס אבער די שטימונג פון יונגן דור, איך ווייס אז ביי א נשויסן טייל האבן די מיינונגן פון דער אויסן־וועלט, ליידער, א גרעסערע באדייטונג... איך ווייס אויך, אז ווען דער בראשיזר, וואס אגודת־הרבנים האט מיט אייניגע יאר צוריק ארויסגעגעבן וועגן „טהרת־המשפחה", זאגן א גרויסער טייל פרויען, אז דערהויפט האט אויף זיי נעווירקט די רייד פון ד"ר סמיטליין, וואס ווייזט־אויף וויסנשאפטליך די וויכטיקייט פון טהרת־המשפחה היגיעניש א. ז. וו., דארום וועל איך דא זאגן איינינע ווערטער אין דער דאזיקער ריכטונג און דא און דארט פארבייגייענדיק אנפירן אויך מיינונגען פון אויסן, ווי ווייט עס איז מיר געקומען צום האנט און ווי ווייט עס איז מעגליך אין א פאפוליארן פארטראג. *) **).

* * *

---

*) אין זיין מינדליבער רעדע איז דער רב שליט"א — צוליב פארשטענד־ליכע צניעות־טעמים אין אנוועזנהייט פון א צאלרייכער פרויען־אודיטאריום — אין דיזער שטעלע און אנדערע נעווען זעהר קורץ, נערעדט שוין מיט צו קורצע רמזים. שריפטליך אבער, ווען עס לאזט זיך שוין זיין דייטליכער, איז ער איינ־נעגאנגען אויף אונזער ביטע צו זיין אויספיהרליכער און דייטליכער.

די ארויסגעבער.

**) השיטה להתאמת דיני התורה וחוקיה והנמקתם עם מסקנות המדע החילוני שבזמן החי צמחה לראשונה בזמן פריחת חכמת יונית באלכסנדריא של מצרים ואח"כ בזמן ידוע בספרד, וכבר צווחו ע"ז רבים מקמאי שהתורה והיהדות דרך אחרת להן, ובתשובות הגאונים סי' ה' באה תשובה מרב האי גאון ז"ל בענין זה (בנתינת טעם לדיני נדה) וכתב כי לא זה הדרך והלא כתיב כגבות שמים מארץ כן גבהו דרכי מדרכיכם ומחשבותי ממחשבותיכם כו'. ומאידך גיסא ידוע שהרמב"ם ז"ל במו"נ ח"ג פל"א חולק על דעה זו ומרחיקה, ובחלק ההוא הוא עוסק בנתינת טעמים לכל מצות התורה לחלקיהן ובכמה מקומות מהלכותיו. אמנם לדברי הכל נראה דזהו רק כשנותנים טעם לקרא ועושים הטעם לעיקר שישתנה הדין על פיו במקרים ובמצבים שאין אותו הטעם שייך בהם, כמו למ"ד דרשינן טעמא דקרא שמשתנה הדין על פיו, אבל לומר טעם להערפה בעלמא כבדרך האגדה או לצורך השעה כיהודא ועוד לקרא שפיר דמי. ועיין גיטין מ"ט: תוד"ה ור"ש. וכבר מצינו גם לחז"ל, שאמרו טעמים טבעיים וחברתיים לדינים חוקיים כמו: מפני מה אמרה תורה מילה לשמונה שלא יהו כולם שמחים ואביו ואמו עצבים. מפני מה אמרה תורה נדה לשבעה, מתוך שרגיל בה קץ בה כו' (נדה, ל"א:) ועוד הרבה. (עיי' מ"ש להלן בהערה לצד 54). כמו"כ גדולי הראשונים ז"ל הרמב"ן בפירושו עה"ת (ויקרא, י"ב, ד'. ט"ו, י"א. י"ח, י"ט), החינוך (מצוה קס"ו) ועוד הרבה כתבו טעמים טבעיים ליולדת, זב וזבה וכו' למנוע מחלות שונות. ולכן מפני הטעם האמור בפנים אני מוצא לצרהזמן וממילא לחו קדוש, שכל מי שרוצה להשפיע על בנות ישראל לשמור טהרת המשפחה (ומי הוא

## א׳ היגיעניש׳

שוין די קדמונים אונזערע, ווי דער רמב״ן 1), חינוך 2) א. א. פיל, האבן איינגעזעהן אין „טהרת המשפחה״, אונטער אנדערן, גרויסע היגיענישע מעלות צו פארהיטונג פון פארשיידענע קראנקייטן. אין אונזערע צייטן פארשטייען שוין אלע וויסענדע מענשן די וויכטיקייט פון „טהרת־המשפחה״, וועייניגסטענס אין אירע גרונטלאגן. זיי ווייסן, אז די ב א ט ר ע פ נ ד י ק ע ארגאנען זיינען אין דער ג ע ו ו י ס ע ר צ י י ט אין א אומנארמאלן, קראנקהאפטן צושטאנד. דער „פארקער״ אין יענער צייט איז עלול צו ברייגנן פארשידענע קראנקהייטן.

---

זה בן חורין להפטר מזה כשהוא יכול?), צריך להשתדל לבאר להן ולהבינן גם — ואולי: בעיקר — בכיוון האמור. וראי׳ חזקה לזה ולתועלת היוצאת ממנו — הוא מהמאמר הנ״ל „הי׳ ר״מ אומר כו׳״ שלא אמרו „ר״מ אומר״ או „אמר ר״מ״ אלא „ה י ה ר״מ אומר״, דהיינו שהי׳ המאמר רגיל על לשונו בתדירות, מרגלא בפומי׳. והנה אין ספק בדבר דלא סבר ר״מ שזהו הטעם העיקרי, כמ״ש החינוך שם (קס״ו) על מאמר זה וז״ל ורז״ל אמרו בנדה ע״צ הפשט ר״ל שכיוונו לגלות א׳ מן התועלת הגדול שיש במצוה מלבד רוב העיקרים הגדולים וחזקים שבה עכ״ל, אלא שהי׳ זה בדרך שאמרנו להעדפה וכו׳. (ועיי׳ מה שכתבנו להלן בהערה לצד 54). וכאן יש לשאול, מה ראה ר״מ על ככה לסלסל בטעם־העדפה זה ולחבבו כ״כ עדי הרימו למעלת מרגלא בפומי׳, בה בשעה שיש בזה גם צד חשש וגם צד בקורת, כאמור. הוא הדבר אשר דברנו, שמצא ר״מ בו תועלת וצורך השעה להשפיע לקיום המצוה, ולכן הי׳ רגיל על לשונו ומחבבו כמרגלית טובה. כמדומה שכל מי שדעתו ישרה ולבו עמו יודה על זה.

מתוך השקפה יסודית זו ובשים אל לב את המטרה המעשית הרצויה והטעם המיוחד של קהל השומעות נבנתה ההרצאה (כמעט כולה) באופי ותואר המתאימים לזה. על דעתי. (אע״פ שבחלקם אינם ממקצועי וממלאכתי, אבל עניני הוא והוא דורש את תיקונו. עיי׳ שמואל ב׳, קאפ׳ ו׳, כ״ב). כמו כן הושם לב לזה: א) שאין דעותיהם של בני אדם שוות. יש מושפע (מושפעה) מנקודה זו ויש — מאחרת. ב) שלא הרי כל חלק וחלק בפ״ע כהרי ההרצאה ב כ ל ל ו ת ה, בצבעיה וגווניה השונים י ח ד לגרמת ההפעלה, התעוררות המחשבה והעיון וקביעת ההכרה. אגב, גם ביחס אל המרציא, השומעים והקוראים בודאי קיים ג״כ אותו הכלל: אין דעותיהם של בני אדם שוות. טעמים, הרגשים והכרות כאלה בודאי אינדיבידואליים הם למאוד, ולבר־דעת מטעם ושיטת־הפעלה אחרים יש לשים לב לזה. ולא המדרש הוא העיקר.

חוץ מזה זהו רק נסיון במדת „מקופיא״ ולא עיבוד גמור „מקיבעא״, ומקום רחב הוגח לאחהים לבוא למלא ולהרחיב בטעם זה או אחר ובלבד שתתקיים המטרה הרצויה.

---

1) ויקרא, י״ב, ד׳, י״ח, י״ט. 2) החינוך, קס״ו.

הויפטזעכליך פאר דער פרוי, אבער נים זעלטן אויך פאר'ן מאן. הויפטזעכליך צוליב פאלגענדעם:

מיר זיינען שטענדיג ארומגערינגעלט מיט אוננעהויערע מחנות פון מיקרא־ארגאניזמן, אונטער זיי פיל פאטאגענע (קראנקייט־ברייננגענדיקע). דער הויפט שומר נעגן זיי איז אונזער הויט, וועלכע לאזט זיי ניט ארייננדרינגן אין אונזער קערפער. דאגעגן די אינערליכע ארגאנען מיט זייער שיטערער שליים־הויט זיינען דורך איהר ניט געשיצט. וואלט אייגנטליך דורכ'ן פארקער שטענדיק דרויען א נעפאהר פון צופיהרונג אין די דורך דער שליים־הויט אינגעשיצטע ארגאנען פאטאגענע מיקרא־ארגאניזמן. האט אבער דער בורא דא געשטעלט א ספעציעלן שומר דערמיט, וואס אין דער „שיידע" (וואגינא) געפינט זיך שטענדיג א געוויסער סעקרעט (פליסיקייט) פון זויערער רעאקציאן, און דאס דינט אלס דעזאינפעצירנדער מיטל צו פארניכטן די שעדליכע מיקראבן. אין דער מענסטרואציאנס־צייט אבער פארשווינדעט די זויערע רעאקציאן און אנשטאט איר קומט אלקאלישע רעאקציאן, וועלכע שיצט ניט נעגן די מיקראבן, זונדערן פארקערט באגינסטיגט זיי. און ווען דער שומר איז ניטא דרויט ממילא דער פארקער מיט א נעפאהר פון פארשיידענע קראנקייטן־אנשטעקונג 1): פראפ. א קיסטנער ראט איבערהויפט אין יענער צייט זיך באזונדערס צו היטן נעגן איינדרינגן פון מיקראבן 2). גאנץ נארמאל ווערן די ארגאנען, נאך פראפ. שראעדער, ערשט נאך אונגעפעהר 10 — 11 טעג 3).

דערביי וויל איך נאך באמערקן, אז אויסער דער ריין היגיענישער זייט מוזן דאך אפילו די „נאטור־מענשן" צוגעבן, אז די נאטור אליין מיט דעם פאקט פון איר צונעהמן אין דיזער צייט דעם אינפעקציאן־שומר צייגט שוין דייטליך אן און דיקטירט דעם פארבאט פון „פארקער" אין דער דאזיקער צייט.

דערצו איז אין יענער צייט די שליים־הויט פון אוטערוס (נעבויר־מוטער) און צום טייל אויך פון די איר בשכנות'דיקע ארגאנען פארוואונדעט. דאס געוועב צושטערט *) די דינע בלוט־געפעס אפען און זייענדיק (דיזע שליים הויט) פון נאטור ווי שוואם־ארטיג איינצווויגן נאענט־קומענדיקע קערפערס, (ווארשיינליך צוליב דעם העכערן ציל, לויט איר באשטימונג, צוצוציהען און איינ־געסטן אין זיך די באפרוכטעטע איי), איז זי נאך מער עלול איינצווויגן די צופעליג איינדרינגנדיקע מיקראבן, און אין געוויסע פאלן (ווי ביי גאנארע) אנשטעקן דעם מאן. **).

---

*) ואמרו ז"ל „דם נדה זיהום" 4) — שהוא מעורב עם חלקי הממוה הבלואים או נשחתים.

**) עיי' במ"ר ויקרא פט"ו ותנחומא, שהתשמיש בזמן ההוא קשור עם צרעת. עיי"ש לשון עושה בנית כו', ולכאורה משמעו מצד הטבעיות בדרך שאמרו

1) Kuestner, Gynaekologie S. 30. 2) דארט. 3) Jahrbuch f. Geburtsh. u. Gynaek. 1909 S. 59. 4) נדה, ס"ה:

עס איז כדאי צו באמערקן איינינע סטאטיסטישע דאטען איבער א געוויסע קראנקייט ביי אידישע און ניט־אידישע פרויען.

ד"ר י. סמיטליין א. א. ברייננן איסצונן פון די ארבייטן פון ד"ר ה. מ. וויינבערג, לייטער פון דער אפטיילונג פאר געשלעכטליכע קראנקייטן פון פרויען אין מאונט סיני שפיטאל, נויארק, איבער די געפערליכע קרעבס־קראנקייט אין דער געבויר־מוטער 1). לויט ד ע ם האט ער אונטערזוכט 19.800 פרויען, דערפון 18.800 אידישע און 990 ניט־אידישע. פאלען פון געבויר־מוטער־קרעבס (ראק) זיינען געווען 18, דערפון 9 ביי אידישע און 9 ביי ניט־אידישע פרויען. אלזא ביי אידישע פרויען 1 פאל אויף 2090, ביי ניט־אידישע — 1 פאל אויף 110, ד. ה. ביי ניט־אידישע 20 מאל מער. ווייטערע ציפערן פון זעלבן שפיטאל דורך ד"ר י. ח. רובין: אונטערזוכט 30.000 פרויען, דערפון אידישע 28.000, ניט־אידישע — 2.000. ביי אידישע פרויען זיינען געווען 32 פאלן פון געבויר־מוטער־קרעבס, אלזא 1 אויף 999, ביי ניט־איד. — 33 פאלען, אלזא 1 אויף 61. ד"ר וויינבערג דערקלערט די פארהעלטנים-מעסינע אימוניטעט פון איד. פרויען נעגן דער דאזיקער בייזער קראנקייט מיט זייער אפהיטן די דינים פון טהרת־המשפחה. *)

איבער דער זעלבער פראגע שרייבט ד"ר פ. א. טהיילהאבער, מינכען־יענא, 2):

„עס איז אלס פענאמען אויפפאלענד די צוערשט פון א. טהיילהאבער פובליקירטע טאטזאך, וועלכע איז שפעטער מערפאך באשטעטיגט געווארן, אז די אידישע פרויען ווערן זעלטן באפאלן פון געבויר־מוטער־האלז־קרעבס. פארשונגן אן דער האנד פון זעהר ברייטע מאטעריאלן פון בייערישע און אונגארישע א מ ט ל י כ ע סטאטיסטיקען האבן באוויזן, אז דער קרעבס, וואס קומט צווישן דער איבריגער ווייבליכער באפעלקערונג הויפיג פאר, קומט פאר ביי אידישע פרויען גאר זעלטן". אויך ב. באנעטה 3) ברייננט עס אלס א באקאנטע

---

(כתובות ע"ז:) הקיז דם ושימש הוין לי' בנים ותקין כו', אך כפי שמבואר אצלנו להלן אין אשה מתעברת בימים אלו. וצ"ל דכוונתם א ם תתעבר במקרה רחוק. ואולי הכוונה היא לבנים שיולדו אח"כ והוא כבר לא מהטבעיות אלא בדרך עונש. (ואם בכ"ז נפשנו לקיים מצד הטבעיות, אולי יש לדחוק שהוא משום שהמעשים הללו הם שטוף־זימה ואי־שמירת חוקי הטבע והבריאות במדה נפרזה ומושכים גם אח"כ את הצרעת שהיתה שכיחה ואין פירכא ממציאות אחרת. אח"ז ראיתי שהרמב"ן עה"ת ויקרא י"ח, י"ט תפס שהוא מטבעיות).

*) זעה „Izraelit", Feuil. Beil 1931 № 28 „Neue Buecher" Dr. F. עס איז ריכטיק, ווי דער רעצענזענט פארמוטעט, אז ס'זיינען אין יענער בראשיור אריינגעפאלן דרוק־פעלער. ביי אונז איז עס פארריכט.

---

1) The relative rarenes of cancer in the Jew. women. 2) Hyglenie d. Juden, S. 297. 3) Hyg. d. J. S. 100.

מאטזאך, אז ביי איר. פרויען איז דער קרעבס אויף די דאזיקע ארגאנען א זעלטענהייט. (וויטערע אפהאנדלונגן איבער דער פראגע געפינען זיך אין „צייטשריפט פיר סטאט. ד. י."באנד 6, „צייטונג פיר קרעבספארשונג" 1909, 1910, „מינכענער מעד. וואכענשר." 1909,1910).

די געלעהרטע גאוטיע און בורסע [1] האבן געפונען, אז אין די מענסטרואציאן־בלוט געפינט זיך אין גרעסערע מענגן גיפטיגע סובסטאנצן, ארזען און יאד.

דער דערמאנטער ד"ר י. סמיטליין אין זיין בראשיור „געשל. רייניגונג" (גויארק, 1930) ברייננט פון פראפ. ב. שיק'ס ארטיקל „דאס נדה בלוט", אז ער האט באמערקט ביי א מענסטרואירענדיקע פרוי, מיטארבעטערין אין זיין לאבאראטאריום, אז די בלומען וואס זי נעמט אין האנט ווערן שנעל פארוועלקט (פאוויאנעט). פראפ. שיק האט זיך מיט דעם פאראינטערעסירט און דורכגעפירט א ריי עקספערימענטן, פון וועלכע ער האט זיך איבערציינט, אז עס איז דא א גיפט אדער טאקסין אין אויסשייד פון מענסטרואירענדיקע פרויען, וואס פאר־שנעלערט דעם טויט פון בלומען. דער זעלבער ד"ר סמיטליין ברייננט ווייטער, אז פראפ. מאכט פון דזשאהנס האפקינס אוניווערסיטעט האט אבסאלוט באוויזן, אז דער מענסטרואציאנס־גיפט („מענאטאקסין") געפינט זיך אין בלוט, דערהויפט אין סערום פון בלוט אין די רויטע בלוט־קערפערלאך, אין שוויס, מילך און אנדערע אויסשיידונגן פון פרויען אין מענסטרואציאנס־צייט, וועלכער ווייזט ארויס געוויסע אייגענע רעאקציעס.

אויך פראפ. ב. זאנדעק ברייננט דאסזעלבע אין קורצן אין נאמען פון שיף [2]. (איך וויים ניט אויב דאס איז די זעלבע פערזאן און ביי פראפ. זאנדעק איז עס א דרוק־פעהלער און דאס דארף הייסן „שיק". אדער דאס איז אנ'אנדערע פערזאן וואס האט אויך אויסגעפונען ווי פראפ. שיק *)).

---

*) אין דער ערשטער אויסגאבע, ווען איך האב ניט געפונען די אריגינאל־ארבעט פון פראפ. שיק, האב איך געמיינט אז ריכטיג איז ווי ביי פראפ. זאנדעק און ביי ד"ר סמיטליין איז עס געווים א דרוק־פעהלער און עס דארף הייסן „שיף". שפעטער אבער בין איך דערגאנגן, אז דער ריכטיגער נאמען איז טאקע ווי ביי ד"ר סמיטלין: „שיק". זיין קורצע ארבעט געפינט זיך אין Wiener Klinische Wochenschrift. S. 395 דער באקאנטער פיזיאלאג פראפ. ד. י. מאכט, באלטימארע, האט עס שפעטער ברייטער באארבעט און פארעפענטליכט אין Proc. Soc. Exp. Biol. and Med., 1923 XX 265, 1925 XXII 208 דורך סיסטעמאטישע עקספערימענטאלע אונטערזוכונגען

---

1) Gautier, Bourcet. C. r. Acad. Sci. Paris 1900. 2) Hormone des Ovariums, Berlin, 1931 S. 72.

ב. באנעטה 1) נעפינט נאך איין, אז די דיני טהרת־המשפחה און די אפטע „אונטערזוכונגן" ערווייזן א גרויסן היגיענישן דינסט אלס קאנטראלע און רעכט־צייטינער אנצייגער פון פארשיידענע פרויען־קראנקייטן, וואס זיינען פארבונדן מיט בלוטגאנג. אדאנק וואס עס לאזט זיך אין פריהצייטיקן צושטאנד אויסצוקו־רירן. *) אזעלכע זיינען, צ. ב. ש., ענדאמעטריטיס, מעטריטיס, פעלוועאפערע־טאניטיס, פערשיידענע געשיואולסטן, מיאמע און צולעצט דער פורכטבארסטער קרעבס.

צולעצט וויל איך נאך אנפירן איינינע ווערטער פון ב. באנעטה: „די היגיעניע פון געשלעכטס־לעבן איז נעבן דער שפייז־היגיעניע ניט נאר גלייך־בארעכטיגט אין איר וויכטיקייט, זונדערן שטייט נאך העכער פאר איר אלס פאקטאר אין דער פאלקס־געזונטהייט און פאלקס־קראפט. ווייל ניט נאר דער איצטינער דור האט דארונטער צו ליידן, ניט נאר דער קומענדיקער דור, זונדערן אויך פיל שפעטער־דיקע דורות. מיר ברויכן נאר א קוק טאן אויף היינטינע געזעלשאפט בכדי זיך צו איבערצייגן פון די רואינירענדיקע ווירקונגען אין עטישער און פסיכישער באציהונג. וואס האט געבראכט די אונמעגליכקייט צו צווינגן די דאזיקע ליידנ־שאפט (תאוה), אז זי זאל זיך האלטן אין היגיענישע ראהמען. ווי גוט מוז עס שטיין מיט דער היגיעניע פון א פאלק, (ישראל), וואס צוויטויזענט יאר פון אונפרייהייט און באדריקונג — וועלכע ברייננן געוואוינליך צו די נידריגסטע ליידנשאפטן — האבן אים ניט נעקענט ברייננן צו דעגענעראציאן" 2). **).

פראפ. סענאטאר, ברלין, זאגט: „תורת משה אנטהאלט די ווייטגיי־ענדסטע, אלע לעבענס־פארהעלטניסע באריקזיכטיגענדע היגיענישע פאר־שריפטן" 3).

אף א אינטערנאציאנאלן געזונדהייט־קאנגרעס אין האאג אין יאר 1884

---

האט ער באוויזן דעם דערמאנטן גיפט־שטאף, וועלכער האט א כעמישע קרובה'־שאפט מיט אקסיכאלאסטארין. זעה Dr. J. Levy, „Ueber Menstrualgift", Jeschurun XII Jahrg. S. 628.

*) וכך מרומז אצל חז"ל (ויק"ר פי"ט): „בעצלתים ימך המקרה ובשפלות ידים ידלף הבית" כו', „ובשפלות ידים" — ע"י שהאשה הזו משתפלת (מתעצלת) מלבדוק עצמה בעונתה „ידלף הבית", הרי היא מתרבה ברמים.

**) אויך ווענן נאך אידישע דינים אף דעמזעלבן געביט שרייבט ד"ר אייזנשטאדט (אפילו ניט קיין ארטאדאקס) ווענן מערב־אידן פאלגענדעס: „איין טראגישעם געשיק איזט עס, דאסס די יודען לערינליך אויס ד ע ם גרונדע איהרעם א ו נ ט ע ר נ א נ ג ע נ ט נ ע נ ע נ א י י ל ע ן, וויל זיע איהר רעליגיעזעס סעקסואלגעזעץ פערווערפן". 4).

---

1) Hyg d. J. S. 100. 2) Hyg. d. Juden, S. 89. 3) „Krankheiten u. Ehe", S. 8. 4) Dr. J. Levy, „Die sexuelle Not in judischer Schau" Frankfurt — Main, 1932, S. 40.

האָט דער באַריהמטער ד"ר קאַרפּיעלה, לאָנדאָן, געזאָגט: „די מאָזאאישע געזעצ־געבונג האָט געדאַרפט פון יעדער איצטיגער קריסטליכער נאַציאָן אין ברויך גענומען ווערן" 1).

(דאָס זאָגן וויסנשאַפטס־לייט. אונטער זיי אויך ניט־אידן, מיט'ן גאַנצן ערנסט. מסיחים לפי תומם און וואָס טוען מיר? וואָס טוט א טייל פון אונזערע יונגנטליכע? אויסגעלאַכט... אָפּגעשפּאָט... אונלויבליכער זעלבסט־בטול. און נאָך מער אונלויבליכע נאַכאַהמונג. פאַרשטייט איר, ווי טיף נידריג דאָס אַטעמטירט אונז? פאַרשטייט איר, ווי טיף מיר דאַרפן זיך שעמען? אָדער: אַנשטאָט זיך צו שעמען — פילייכט בעסער אַ נ ד ע ר ש ז י ך פ י ר ן?).

## ב׳ מאָראַליש.

דער גאַנצער „פּראָצעס" איז איינגעשטעלט געוואָרן פון בורא־עולם בשום אופן ניט אַלס בלויזע פּאַרנגינגן־זאַך, זונדערן מיט דעם העכערן רצון און ציל צו ישוב־העולם און זיין וויטערדיקע ענטוויקלונג מיט דעם פון אונז פאָרבאַרגענעם ענד־ציל. „לא תהו בראה לשבת יצרה" 2) ד. ה. ניט צו פוסטקייט און ציל־לאָזיקייט האָט ע ר באַשאַפן די וועלט, זונדערן צו ישוב. צו פאַרטפלאַנצונג און קולטי־ווירונג. אַזוי לייכט עס א י י ן פון דער תורה און חז"ל 3). און ווי די חז"ל זאָגן: „ואהית אצלו אמון" התורה אומרת אני הייתי כלי אומנתו של הקב"ה, בנוהג שבעולם, מלך בשר ודם בונה פלטין אינו בונה אותה מדעת עצמו אלא מדעת אומן, והאומן אינו בונה אותה מדעת עצמו אלא דיפתראות ופנקסאות יש לו לדעת היאך הוא עישה חדרים היאך הוא עושה פשפשין, כך היה הקב"ה מביט בתורה ובורא את העולם" 4). ד. ה. די תורה האָט געדינט אַלס בוי־פּלאַן צו דער וועלט־באַשאַפונג. דאָס מיינט, אַ די נאַטור־געזעצן זיינען איינגעשטעלט געוואָרן איינשטימיק מיט די פּרינציפּן פון דער תורה — לייכט עס אַזוי אויך א י י ן פון דער נאַטור זעלבסט און אַזוי דיקטירט זי מיט איר אונצווייידייטיקער שטומער שפּראַך. דאָס איז אַזוי צו זאָגן, די צווייטע שפּראַכן פון הקב"ה צום מענטשן. איינע איז „קול ה' בכח". מיט קלאָרע ווערטער, מיט קולות וברקים פון באַרג סיני. די אַנדערע — „קול דממה דקה" א י ן און ד ו ר ך דער גאַנצער נאַטור. *)

כמעט ביי אַלע בעלי־חיים איז פאַרן דאָזיקן פּראָצעס באַשטימט נאָר אַ געוויסע ברונסט־צייט. ווערט די בעלת־חי נתעבר — נעמט זי מער ניט אויף. ביי מאַנכע בעלי חיים ווערט דער איינגאַנג דאַן דורך פאַרהאַרנונג און קלעפּיגע

*) ונראה דעל דרך זו אמרו (סוכה כ"ח.) בריב"ז שהי' יודע שיחת דקלים. עיין ברש"י שם וברשב"ם ב"ב (קל"ד.) ובערוך ערך סח. ועיין בס' נפש החיים שער ג' פי"א.

1) Hyg d J S 301

2) ישעיה, מ"ה, י"ט. זעה דאָרט דעם גאַנצן קאַפּיטל.

3) זעה רמב"ם הל' דעות פ"ג ה"ב, חל' אי"ב פכ"א ה"ט, רמב"ן ויקרא י"ח י"ט א. א. פיל. 4) ב"ר, פ"א.

פליסיקייטס־מאסע פון בעל־חי פשוט פארפראפט. דאס הייסט אלזא מיט קלארע דיבורים: דער צוועק איז דערגרייכט — ענדע! (שוין ניט ריידנדיק פון יענע בעלי־חיים ווי בינען, מוראשקעס (אמייזען) און געוויסער סארט שמעטערלינגען (Bombyx) וואס נאך דעם איינציגן פארמערונגס־פראצעס ענדיגט זיך גאר זייער לעבן 1), ד. ה. אז זייער גאנצע עקסיזטענץ איז נאר צוליב דעם דאזיקן פראצעס). ביי דעם מענשן איז אזא נאטירליכע באשריינקונג ניטא, וואהרשיינליך צוליב דעם, כדי ער זאל קענען בלייבן א בעל־בחירה. (שיוכל לעשות ע"פ ציווי ה'), ווייל דורך זיין פארשטעלונגס־כח קען ער זיך שטענדיק ברינגען (ברייננגען אין מצב פון ליידנשאפטליכקייט) און מיט זיין ווילענס־קראפט קען ער זיך איינשריינקן, צוריקהאלטן. (און ס'ליגט אין דעם, פילייכט, נאך א טיפער ענין, ווייל די מאמענטאנע שטימונג פון די עלטערן האט א גרויסן איינפלוס אויף די פרוכט, און ווען עס וואלט זיין נאר נאטור־טריעב וואלט עס געווען גאנץ פון טהירישן כאראקטער). און אזוי ווי אין אלץ, חאטש (אבוואהל) דער מענש איז א בעל־בחירה פונדעסטוועגן מוז ער האבן אין האט א אונטערשטיצונג פון הקב"ה, ווי די הז"ל זאגן: „יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום... ואלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו" 2), ד. ה. דער יצר־הרע און די נייגונג צו שלעכץ שטארקט זיך ביים מענשן יעדן טאג און ווען הקב"ה וואלט אים ניט צוהעלפן וואלט ער ניט קענען בייקומען, אזוי איך אין ד ע ר ד א ז י ק ע ר אנגעלעגנהייט באקומט ער הילף און צורעכטווייזונג פון הקב"ה ווי אויסצופירן די דורך אים אוועקגע־שטעלטע אויפגאבע און ציל פון דער בריאה — פון איין זייט, און מעסיגונג און אויסמיידונג פון מיסברויכן און אויסארטונג — פון דער אנדערער זייט; הילף און צורעכטווייזונג פון הקב"ה אין ביידע שפראכן. אין דער קלארער שפראך פון דער תורה: דורך דעם פאזיטיון געבאט „פרו ורבו" — פון איין זייט, און די נעגאטיווע פארבאטן: ווי איסורי נדה זיבה, עריות א. ז. וו. — פון דער אנדערער זייט; און אין דער שטומער שפראך און דיקטאט פון זיין שליח, דער נאטור: פון איין זייט — דורך דער נאטירליכער אנשפארנונג און רייץ אויסצופירן דעם רצון הבורא צו ישובו של עולם, ווי די חז"ל זאגן: „הוא אמר ויהי" — זו אשה, „הוא צוה ויעמוד" — אלו בנים" 3), *) ד. ה. דורך דעם שטארקן אימפעראטיוו

---

אנמערקונג.

*) א שטיקל איינבליק אין די נאטור־סודות אין בארירונג מיט א פאר מאמרי חז"ל.

ווי באקאנט באשטייען די קערפער פון אלע בעלי־חיים פון אומצייליקע קליינע צעלן (קעמערלאך). דעם מענשענס קערפער, למשל, ענטהאלט טויזנטער ביליאנען צעלן. די קליינעקע צעלע האט אין זיך א קערענדל, וועלכער ענטהאלט נאך קלענערע טיילכעלאך, אזוי גערופענע „כראמאזאמן" די כראמאזאמן ווידער

---

1) Fabre, Souvenir entomologiques. 3) שבת, קנ"ב. 2) קדושין ל'.

## פון יעם שליח של הקב"ה, די נאטור. (עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש להט 1))

אנטהאלטן אין זיך טויזנטער נאך קלענערע טיילכעלאך, וועלכע מ'רופט „גענעם". די צאָל כראָמאָזאָמן אין די צעלן איז ניט ביי אלע בעלי־חיים גלייך, אזוי אז ווען מען געפינט א שטיקל פלייש קען מען לויט די צאל כראמאזאמן דערקענען פון וועלכן בעל־חי אדער פון וועלכער גרופע בעלי־חיים דאָס איז. דעם מענשנס צעלע אנטהאלט 48 כראָמאָזאָמן. אַנדערע בעלי־חיים — פארשידענע אנדערע צאָלן. אין איין זאך אָבער זיינען אלע בעלי־חיים, איינשליסליך דער מענש, גלייך, דאָס איז אין דעם וואונדערבארן פאקט, וואָס די זאָמען־צעלן (תאי־הזרע) סיי ביים זכר סיי ביי דער נקבה אנטהאלטן נ א ר א ה ע ל פ ט כראָמאָזאָמן ווי די אנדערע צעלן פון באטרעפנדיקן קערפער. צ. ב. ש., דעם מענשענס צעלע אנטהאלט 48 כראָמאָזאָמן, די צעלע אבער פון זיינע (אדער אירע) זאמען (זרע) אנטהאלט נאר 24, און אזוי ביי אלע בעלי־חיים 2). אנדערש געזאָגט: די זאמען־צעלן, ריכטיגער די צעלן־קערנדלאך, זיינען אייגנטליך נ א ר ה א ל ב ע צ ע ל ן , ה א ל ב ע ק ע ר ע נ ד ל א ך , א האלבע ביים מאן, א האלבע ביי דער פרוי, (אזוי רופט עס טאקי אן פראפ. א. הערטוויג: „האלב־קערן"), און ווען די צוויי האלבע וואקסן־צוזאמען ווערט עס ערשט די גאנצע מענשליכע צעלע מיט 48 כראָמאָזאָמן און דאן בילדעט זיך פון דעם דאָס נייע קומענדיקע ווען, און די קלייניקע „גענעם" מיינט מען, דעצידירן וועגן דעם תאראקטער און אייגנטימליכקייטן פון נייעם באשעפעניש. (די געשטאל־טונג פון דער דאָזיקער קליינער צעלע אין קאָמפליצירטן אָרגאניזם רעכנט מען פאר דעם וואונדערבארסטן פענאָמען אין דער נאטור). וואָלטן די זאמען־קערן אויך געהאט 48 כראָמאָזאָמן, וואָלט דאך די זאמען פוןביידע געשלעכטער, פאראייניגנדיק זיך, אויסגעמאכט א 96־כראָמאָזאָמישע צעלע און אזוי וואָלטן זיין אלע צעלן פון געבאָרענעם ווען און דער צווייטער דור 192־כראָמאָזאָמישע א. א. וו. ביז אומענדליכקייט, דערום מוזן זיי זיין האלבע 3).

נעבן דער מעכאנישער אָנווייזונג, ו ו י עס בילדעט זיך די האלב־צעלע אפן וועג פון אבערמאליגער טיילונג 4) לאָזט זיך פיליכט נאך זאָגן א היפּאָטעזע, פאראויסשיקנדיק פאָלגנדעס: א) ווען די גאנצע נאטור איז פול סודות, איז דער פראָצעס פון אנטשטייאונג (יצירה) פון א נייעם ווען, תאטש ניט א „יש מאין" אָבער פון אזא נישטיקער מיניאטור און נאָענטער לויט אונזערע באגריף־דימענ־סיאנען צו ראשית־היצירה — ס ו ד ש ב ס ו ד . (וכך אמרו חז"ל (נדה, ל"א) שע"ז נאמר עושה גדולות עד אין חקר ונפלאות עד אין מספר, אודך על כי נוראות נפליתי נפלאים מעשיך ונפשי יודעת מאד). ב) ווי די חכמי הקבלה זאָגן, האָט יעדער חומר (מאטעריע) א צוזאמענבונד מיט זיין גייסטיגן שורש

1) תהלים, ק"ד, ד'. 2) Painter, The y Chromosome in Mamals. Sci u. s. X

3) O. Hertwig. Bumm, Geburtsh. S. 31. 4) O. Hertwig u. A. Bumm Gh. S. 28:

נעמט ייער מענש אויף זיך ארויף די שווערע לאסט פון פאמיליע. (ניט קוקנדיק

---

אויבן, ד. ה. אז הינטער דעם מהות און באגריפס־וואהרנעמונג פון יעדער מאַטעריע געפינט זיך עטוואס אזוינס גייסטיגעס. אַן דער דאָזיקער מיינונג שליסט זיך אן א ריי געלעהרטע אויך פון דער נייער פילאָזאָפיע, אין פערזאָן פון האַנס דריעש א. א., קוואליפיצירנדיק אַט דאס דערמאָנטע „עטוואָס גייסטיגעס" אַלס צעלן־זעעלע אָדער באוואוסטזיין־טענדענץ א. ד. גל. (עס קומט, זעלבספארשטענדליך ניט אָן אָפן נאָמען נאָר אָפן פרינציפּ). אויף די דאָזיקע הנחות לאָזט זיך פיליכט זאָגן היפּאָטעטיש, אז ענליך צו דעם, ווי ביי יצירת האדם איז געווען „ויבן את הצלע", די פרוי געבויט פון מאַנס ריפּ, (געראָדע א וואָרט־שפּיל: „צלע" און „צעלע"), דערפון דער מושג „די צוויי העלפטן". אזוי אויך שטענדיק — איין צעלע געשפּאָלטן אין צווייען, האלב ביים מאַן האלב ביי דער פרוי („המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית"). און ניט קיין צוויי באַזונדערע העלפטן אָדער ה א ל ב־גאַנצהייטן, זונדערן א י י ן געשפּאָלטענע ג א נ צ ה י י ט. איבעריגענס, ווען די מאַטעריע איז רוים־באַגריפליך געשפּאָלטן, איז אפשר דאָס דאַהינטערשטייענדיקע „עטוואָס גייסטיגעס", אַלס אומבאַשריינקט פון די גרעניץ־באגריפן פון רוים — עס ניט. דאָס איז אפשר דער סוד פון „הוא אמר ויהי" זו אשה, דער סוד פון די צובינדליכקייט פון די געשלעכטער ווייל יעדע האלבע צעלע שטרעבט צו נ א נ צ ה י י ט, איין האלבע צו דער אנדערער. (דער סוד פון דער ראַשער שטרעמונג פון די ספּערמאַזאָאידן זיך איינצובויערן אין דער איי.) און ווען די חז"ל האָבן זיך ביי דיזער געלעגנהייט אויסגעדריקט „בעל אבידה מחזר על אבידתו" 1) איז עס אפשר ניט נאָר א מליצה, זונדערן מיט א טיפן אינהאַלט. ענליך צו דעם, ווי א ביאָלאָגישער אָרגאַניזם שטרעבט מיט אַלע זיינע באַשטאַנד־טיילן צום לעבן (צום עקסיזטירן), חאָטש זיינע באשטאַנד־טיילן בלייבן נאכ'ן טויט פון אָרגאַניזם אויך לעבן אין אַנ'אַנדער פאָרם, ווייל דאָס לעצטע איז נאר א ט יי ל־לעבן (א צ ע ל ן־לעבן) און ניט קיין סומארישעס, גאַנצעס לעבן פון אָרגאַ־ניזם 2) —אזוי איז דא אפשר אויך לעבהאפט דאס שטרעבן צו גאַנצהייט. דארום נאָך אויסדריקליכער דער נוסח הברכה „והתקין לו ממנו בנין עדי עד", ווייל „בנין" הייסט פון טיילן א געשאפענעם גאנצעס, *) און דאָן אין העברעאיש

---

הערת.

*) כ"כ הרמב"ם (פ"ז משבת ה"ו) ואם גבנו ועשהו גבינה חייב משום בונה, שכל המקבץ חלק אל חלק ודבק הכל עד שיעשו גוף אחד הרי זה דומה לבנין. אגב גרגיר קטן של הלבה. בשבת (צ"ה.) מגבן חייב משום בונה, וכתבו התוס'

---

1) קידושין, ב'. 2) ענליך צו דעם ביי D. Mahnke, „Eine neue Monadologie"

„בנים" פון שורש „בנה" (בויען), ווייל אין קינד איז איינגעבויט צ ו ז א מ ע ן די צוויי האלבהייטן פון זיינע ביידע עלטערן, ווייל דאס קינד איז די גאנצהייט פון ביידע עלטערן, עס איז אבער די האלבהייט פון זיין פארטפלאנצענדן „איך". דאס דערמאנט אונז מערקווירדיג דעם אויסדרוק „פלג־גוף" 1), ווייל עס איז פאקטיש א האלב־קערפער, א האלב־פערזאן. (שהזרע הוא מיץ מכל הגוף, מהברור שבו, כמ"ש הרמב"ם פ"ד מדעות הי"ט: „ש"ז היא כח הגוף וחייו ומאור העינים וכל שתצא ביותר הגוף כלה וכחו כלה וחייו אובדים כו'". ואעפ"כ מתעבד בו רק חצי־תא, ונמצא ש ב כ ח הוא כולו רק פלג).

ובזה הי' מקום לבאר מה שאמרו ז"ל (מו"ק י"ח:): ארבעים יום קודם יצירת הולד בת קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני. וקשה הרי יש נושא ומגרש ויש מקדים ברחמים (בסוגיא שם), ועוד דאם יצא הכרוז ע"י הב"ק הרי ניטלה הבחירה בענין חשוב כזה בחיי האדם. (ואין זה שייך לשאלת ידיעה ובחירה, דהכא גרע דהא ג ז י ר ה היא שהוכרזה). ויונח בהקדם שני דברים. א) האדם

---

תימת לר"י כיון דמותר לגבן ביו"ט מן התורה כו' א"כ נפל ביתו בי"ט יהא מותר לבנותו בי"ט ומתוך שהותר בנין לצורך דמגבן הוי משום בונה כו' הותר נמי שלא לצורך כו' וי"ל דאסור מדרבנן דהוי עובדא דחול עכ"ל. ויש לתמוה קצת, כיון דעיקר הבנין דמגבן הוא קיבוץ החלקים של הגבינה לגוש אחד, לתמונת חריץ, א"כ מאי צורך אוכל נפש יש בזה דלישתרי ביו"ט הרי כמו כן יכול לאכול פתיתי הגבינה כמו שהם ואין הבנין מוסיף כלום לצורך האוכל נפש, ואיזה מתוך יש כאן. ויותר קשה להלן (קל"ד.) מהו לגבן א"ל אסור, מ"ש מלישה, א"ל התם לא אפשר הכא אפשר והא אמרי נהרדעי גבינה בת יומא מעליא כו'. ומאי לא אפשר הוא והבנין שנעשה להעמיד ימים רבים מאי מוסיף הוא לאוכל בו ביום. ואולי י"ל להר"י דהבנין אינו מצד קיבוץ פתיתי הגבינה לחריץ אחד, אלא דעיקר הקפאת הגבינה מן החלב הוי בגדר בונה שמהפך חלקי הגביניות (קעזאאין) שמובלע בחלב לגוף גבינתיו, וזהו גם בגבינה רכה כבמקובץ לחריץ. ועיי' בערוך שב' המקפה גבינה ומקבץ פתיתי החלב הקפוי לעשותם (חביין) חריץ של גבינה, והוא לכאורה כארבבא אתרי רכשי, דלהרמב"ם נראה שאפי' קפוי כבר כגבינה והוא מקבץ הפתיתים לגוש אחד נמי הוי בונה. ואם מקפה לחוד הוי בונה למה צריך עוד בחיובו לעשיית החריץ. ואפשר דכוונתו דשניהם הוו מגבן בפ"ע. ולהרמב"ם (אם אין כוונתו להקפאת החלב) י"ל דהשאלה מהו לגבן אינה רק על ענין הבונה שבקיבוץ החלקים שבאחרונה אלא על כל מעשה הגבינה מתחלתו עד סופו, שבזה יש גם בורר, ולפי שאפשר מעיו"ם אסור מדרבנן.

---

1) זהר, קדושים

הוא בעל בחירה במעשיו אבל אינו חפשי בעולם המציאות. למשל. אם יחפוץ שלא להיות — אי אפשר הוא ואינו תלוי בו. כלומר: עצמותו ומציאותו אינן תלויות בבחירתו. „בעל כרחך אתה חי". ב) יש שחותכים מן האדם אבר ונותנים תחתיו אבר של אדם אחר והוא נקלט וחי — אין זה אבר שלו. אבל לכה"פ הרי זה אבר מבן-מינו ויש שנותנים תחתיו אבר של בע"ח אחר והוא גם כן נקלט וחי — אין זה אפילו אבר של בן-מינו. ואף על פי כן הוא נקלט ונעשה לבשר אחד (כמו אחד) וחי. כן גם הענין הזה. החצי מתאי־הזרע של הולד הזכר ניטל ממנו וניתן בנקבה. החצי שלו שואף ומחזר על אבידתו. ובאה הב"ק לא לגזור גזירה שזו תהיה לזה. אלא הודעה היא שהב"ק מכרזת ומודיעה שאבדתו של זה נמצאה אצל פלונית. ואין זה מגרע כח בחירתו. שהרי זו חלק מעצמותו ואינו תלוי בבחירתו להפקע מעצמותו. והי' אם מוצא הוא את אבידתו — מוטב. ואם לאו מתלכד חצי־התא שלו עם אחרת ממינו. כאותו הניתוח האמור. (ובית ושדה שבמאמר הוא ענין אחר).

כמו כן תעלה בעקב זה על הרעת הסוגיא דעירובין (י"ח.) דיו פרצוף פנים היו לאדה"ר כו' בשלמא למ"ד פרצוף היינו דכתיב זכר ונקבה בראם כו' אלא למ"ד זנב מאי זכר ונקבה בראם לכדר' אבהו כו' בתחלה עלתה במחשבה לבראות שנים ולבסוף לא נברא אלא אחד. וקשה מאי תירצו בזה והרי סו"ם מקרא עומד וצווח „זכר ונקבה ב ר א ם " — בפועל — ואתה אומר ח ש ב לבראות? ולהנ"ל יש ליישב ו ל ר מ ו ז דכשנברא האדם יחידי טרם שנבנית חוה מצלעו בע"כ הרי היו גם תאי הזרע שלו שלמים בני מ"ח חרומוזומים. (אם כעין אנדרוגינוס „הערמאפראדיטען". בנוגע לתאי־הזרע בפנים. אם כעין „פארטהענאָ־גענעס". (עיין א. פישעל „איינפירונג אין די פערערבונגסלעהרע" הרצאה י'). שלא הי' למי לחלקם וגם לא הי' הצורך. בנפול הטעם האמור למעלה צד 24 משם החוקר הערטוויג. ורק בבנין הצלע נתחלקו לשני חצאים. ונמצא דבאמת בבריאת אדם בלבד כבר היו בו ב כ ח זכר ונקבה. שגם תאי־הזרע של הנקבה היו בו (והזרע לבנין ערי עד הוא העיקר). ושפיר כתיב זכר ונקבה בראם ביצירה אחת. אלא דשינה הכתוב ממאי דכתיב קמי' ברא אותו לכדר' אבהו ללמד דמתחלה עלתה במחשבה לבראות שנים מיוחדים (במובן שאין שיתוף ביניהם) והיו כאו"א בפ"ע בחצאי תאיו שלא בתאים משותפים-חלוקים. ולבסוף היתה יצירה אחת לחילוק התאים הנ"ל אח"כ. (ועיי' בב"ר פ"ח בשעה שברא הקב"ה את אדם הראשון אנדרוגינוס בראו הה"ד זכר ונקבה בראם). וקשה לעמוד ע"ז ולהערה באה.

ובתחרי לגלות צפונות חז"ל ולדחות דברי מבקריהם. לא אמנע מלהזכיר בזה מה שיעלה על דעתי לביאור דבריהם ז"ל במה שאמרו (נדה, ל"א.) אשה מזרעת תחלה יולדת זכר איש מזריע תחלה יולדת נקבה. שעמדו ע"ז המבקרים לשאול. מהו ענין „תחלה" וגרמתו. איזה תחלה וסוף יש כאן והרי אין כאן אלא הזרעה הדדית אחת זב"ז?

ראשונה אומר. שעלינו להתפלא הפלא ופלא על שני דברים. א) עד כמה

יאך פון פאמיליע. זיי מיינען עס אפילו צו טאן פון זייער פריען ווילן. אין

---

נפלאה צפית חז"ל בכתבי הקדש לספור האותיות ולהרגיש כל נקודה וכל תנועה בהם. כמו שאמרו ז"ל (קידושין ל'.) לפיכך נקראו ראשונים סופרים שהיו סופרים כל האותיות שבתורה. רזה לשון המאמר: בראשונה אמרו אשה מזרעת תחלה יולדת זכר איש מזריע תחלה יולדת נקבה ולא פירשו חכמים את הדבר עד שבא רבי צדוק ופירש: „אלה ב נ י ל א ה אשר ילדה ליעקב בפדן ארם ואת דינה ב ת ו " — תלה הזכרים בנקבות ונקבות בזכרים. ב) שלפי ההגיון האנושי הפשוט היה מחויב, שאם האשה כחה יפה להזריע תחלה הרי היא הבריאה או הזריזה יותר בענין זה באותה שעה והיתה צריכה היא ליתן ההשפעה שיולד כמינה, וכן בנוגע להאיש שאם הוא מזריע תחלה יוליד זכר. וחז"ל הפכו את הסדר. דבר מהופך אין אומרים ע"פ השערה. וזה מעיד על יסוד מוצק שיש לדבר בדעת האומרו.

ועל שאלת המבקרים אשיב:

סדר ההזרעה הוא: בקן־הביצים (אווריום) מתבכרות ביצים ובכל חדש (של לבנה) אחת מהן מתנתקת ובאה לתוך שפופרת (טובא). בזרע הזכר ישנם קוים (ספערמא) שהם ג"כ מתפרצים בעוז ועולים עד לתוך שפופרת זו, ששם ע"פ הרוב מקום הפגישה, ובהתנגש יחד הקו עם הביצה והתלכדם יחד מתקיימת ההזרעה. *) (ומה נפלא הוא אמרם ז"ל (נדה, ל"א.) „שלא נוצר אדם מן כל הטפה אלא מן ה ב ר ו ר שבה. תדבר"י משל לאדם שזורה בבית הגרנות נוטל את האוכל ומניח את הפסולת". שכל זה נתברר עתה בבירור גמור, שבטפה נמצאים הרבה מליונים קוים וכולם יחד הם החלק האחד משמונה מאות אלף בטפה, ומן מליוני הקוים רק מועטים הזריזים עולים לתוך השפופרת ורק אחד מהם מוריע ולא יותר, ונמצא שזה הזריז והברור וכל הטפה והשאר נסרחים ואובדים. אכנם מה נפלאו דברי חז"ל מלפני אלפי שנה). יש שהביצה באה תחלה להשפופרת

---

*) ד"ר־מילר חשוב העיר את אזני, שבאמרי שמקום־הפגישה ע"פ הרוב הוא בשפופרת טעות הוא: מקום־הפגישה ברחם, ואדרבא הריון בשפופרת הוא דבר מסוכן מאד. אבל הד"ר החשוב טעה בערבבו הפגישה וההפראה עם ההריון והם נפרדים. מקום־הפגישה וההפראה אמנם הוא ע"פ הרוב בשפופרת. עיי' „געבורטסהילפע" להפרופ. ע. בום, הוצאה י"ב, צד 45 וצד 294, וב„קורצ. לעהרב. ד. גינעקאלאגיע" להפרופ. קיסטנער, הוצאה ו', צד 331 ועוד. (וכך מחויב ע"פ הרוב, שהביצה שוהה בשפופרת ימים מספר עד שבוע, ולדעת בישוף 8 — 12 יום, והקוים מתפרצים לשם בשעות אחדות. עיי' קיסטנער, שם, 333, בום, שם, 45). אבל כשם שהבוצה האי־מופראת משתרבבת לאם ויורדת לרחם, כך גם הביצה המופראת משתרבבת ויורדת לשם, שם היא מתאחזת ושם מתפתחת ונגמל ההריון. ואמנם התאחזות או קינון (איינניסטונג) בשפופרת והתפתחות הריון שם היא סכנה גדולה, אבל אינו ענין לכאן.

ומחכה לקו ויש שהקו בא תחלה ומחכה לביצה. וע"ז כבר שייך לומר „תחלה", כלומר: מי בא תחלה. שמא תאמר: והרי עדיין אין זו הזרעה ולמה קראו לזה „מזרעת" ו„מזריע"? הרי התשובה פשוטה, שהפעל „זרע" אין עיקרו כלל מובן „הרכבה" משני ה„מינים", אלא עיקר מובנו הוא: פזר, הפץ (אחי זרה, מיסוד זר (שטרייען באשכנזית)), פזר גרגרי זרע להצמיח („משפט האורים") ושייך ממש על הפצת הביצה או הקו למקום הראוי במטרת נטיעה, הרכבה — להצמיח. שמא תאמר: מה יתרון בהקדמת בוא הביצה או הקו בשפופרת לגרמת המין מכיון שעדיין לא נתקיימה ההפראה עד ההתנגשות? אף אני אשיב לך, שרק במאה התשע עשרה נגלה ע"י פרעבוסט ודומס ענין הקוים להפראת ועד העת ההיא היו תיאורות שונות ומשונות בעיקר אופן ההפראה עד שבדקו ומצאו שבסוף המאה הי"ז היו 300 תיאורות בזה (אלפרד פישל, בספרו „ענטוויקלונג דעם מענשן" צד 48). ומכ"ש בשאלת גרמת המין, שעד היום אין דבר ברור לגמרי וממששים כבאפלה בהשערות שונות. ובאמת בין השאר ישנה גם השערה של הד"ר פ. וו. זיענעל (בספרו „געוואללטע אונד אונגעוואללטע שוואנקונגען דער ווייבליכען פרוכטבאר-קייט", ברלין 1917), שאם הביצה זה אך נתבכרה (יונגרייף) יולדת נקבה, ואם מבוכרת מזמן (איבעררייף) יולדת זכר. ואם השערתו כנה י"ל שאם היא באה תחלה לשפופרת היא מתבכרה יותר ויולדת זכר. (ועד"ז אולי י"ל עוד, דמזרעת תחלה פירושו שהותחל אצלה עיבוד הביצה תחלה (קודם לעיבוד הקוים) והיא איפוא מבוכרת יותר. (אך לזה צריכין לדעת אם זמן עיבודם שוה) ).

אח"ז ראיתי שהפרופ. מ. טיורי מג'יניבה כתב מפורש כן, שכל שהביצה שוהה יותר בשפופרת היא מבראת ומתבכרת יותר יולדת זכר וכשאינה מבוכרת יולדת נקבה. (וו. זשוק, „האם והילד" ( В. Жукъ, Мать и Дитя ) צד 285), והוא מתאים עם חז"ל. כמו"כ מובאה שם שיטה אחת, שכל שהנקבה מתחממת יותר יולדת זכר, וכל שהזכר מתחמם יותר יולדת נקבה, ממש כדברי חז"ל.

אולם החכם פעינטער ואחרים שעברו הרבה במקצוע זה בעת האחרונה מצאו שבתאי־הזרע של הנקבה ישנם תמיד 24 חרומוזומים שלמים, ובתאי־הזרע של הזכר יש בני 24 שלמים ויש בני 23 שלמים ואחד קטן שיכנוהו „אי־חרומוזום" והשלם יכנו „איקס־חרומוזום", (y-chromosome x-chromosome) ולדעתם אם יתחברו שני הצאי־תאים שלמים של הזכר ושל הנקבה תולד נקבה, ואם יתחבר חצי־התא השלם של הנקבה עם חצי־התא החסר (היינו שיש בו החרומוזום „אי" הקטן) של הזכר יולד זכר 1). על תיאורה זו יש לשאול: א) הן צריך לתפוס לכאורה, שהחרומוזום השלם (הגדול) כחו ובריאותו יפים יותר משל

1) Painter, The y chromosome in Mamals, Sci u, s. X Alfred Fischel, Entwicklng des Menschen, S. S, 661—65,

זה החסר. *) ב) בכל מקום אנו רואים שכחו של הזכר מכריע. וגם בהפראה גופה אנו רואים (כפי שמתואר בספרי החוקרים הנ"ל) שכחו של הקו יפה יותר, שהוא כח־הפועל והכובש („איש דרכו לכבוש") והביצה פסיבית כ„קרקע עולם". ולמה כשמתחבר תא הזכר השלם — ודוקא השלם! — עם תא הנקבה תולד נקבה, כמינה ת מ י ד, דהיינו שכחה יפה תמיד מכחו, אפילו כשכחות החרומוזומים שוים (בחצוניותם). ואם תחת התא השלם שלו יבוא החסר יולד, להיפוך, זכר כמינו, ת מ י ד? היפוך זה מה משמעו? ועל יסוד זה יש לבנות היפותיזא שתאי־הזרע של המינים הם מהופכים במיניהם. שעפי"ז יוכרח כדעת חז"ל. (ואל תהא השערת תערובות זו מוזרה לגמרי, בחשוב למוכרח שכל מין מעבד בקרבו רק חומר למינהו, שקצת דמיון של תערובות מצינו במיצי־שקדי־המין (געשלעכטס־דריזן־הארמאנען), שהחוקרים בזמן הכי אחרון מצאו בשקדי־המין של הזכרים מיץ שקדי־המין של נקבה, ולהיפוך בנקבה מיץ של זכר, במיוחד בחדשי העיבור הראשונים. ולא עוד אלא שה„הרמונים" הזכרניים מתהפכים — כמו שפרסם זה מקרוב הפרופ. שטיינאך בישיבת האקדמיה למדעים בווין — לפרקים בגוף הזכר לנקבניים). אבל מפני שיארכו הדברים יותר מדאי ומפני שלא מצאתי יסוד בספרי החוקרים להיפותיזה זו (זולת הפרופ. טיורי וזיעגעל כמובא למעלה, ולהיפוך — רבים) נמנעתי. אבל כבר נראה שבשאלה זו מגששים כבאפלה, כמו שיאמרו בעצמם, (החכם פישעל, שם), ושהשקפת חז"ל היא ישנה־חדשה.

אחר כתבי ראיתי שבזמן הכי אחרון פרסם הד"ר פינקוס באמריקה מנסיונותיו להפרה הביצה של בעלת־חי ע"י חמרים חימיים לבד. אבל מזה נולדו רק נקבות. ועדיין אין הדברים ברורים.

חושבני לא למותר להזכיר כאן דבר נפלא שיש לו איזה יחס להדברים האמורים. הפרופ. Franceschetti מנהל המחלקה למחלות העינים בקליניקה של האוניברסיטה בגנף כותב בהעתון Schweizerische Medizinische Wochenschrift ע"ד נתוח נפלא שעל ידו הצליח לו להשיב אור עיניו לאיש שנסתמא מכמה שנים בעקב חולי בעור־הקרן. הוא הסיר את עור הקרן של הסומא ותחתיו הטליא עור הקרן שהסיר מעל עין נערה שזה עתה מתה. עור זה נקלט והסומא שב לראות אור. ומה שמפליא ביותר הוא, שבנסיונותיו הכיר הפרופ. הנ"ל, שעור־הקרן של איש נקלט יותר יפה בעין אשה ועור הקרן של אשה נקלט יותר יפה בעין איש.

עוד דבר אחר נראה, שחז"ל (ברכות, ס'.) אמרו: משלשה ועד ארבעים יבקש רחמים שיהא זכר כו' ומי מהני רחמי והאר"י ברי' דר"א איש מזריע תחלה כו' הבא במאי עסקינן כגון שתזריעו שניהם בבת אחת (כלומר שמא היה המקרה

*) הד"ר י. לעווי, ברלין, העירני ע"ז, שלדעתו אין מיעוט החרומוזומים מעיד על חלישות התא, ועדיין צריך בירור.

וואָרנונג צו מעסיגן זיך  ב כ ל ל  און צוריקהאַלטן זיך וויינינגסטענס אין געוויסע ציימן. א וואָרנונג, וואָס קומט צום דייטליכן אויסדרוק דורכן אָפּרופן אין יענער צייט דעם אינפעקציאָן־שומר · אין באַשטראָפונג מיט קראַנקייט־אַנשטעקונג, דורכן אָפּהאַלטן (אין דער רעגל) די פּאַליקל־בערשטונג. וואָס ציינט, אז דאן איז ניט צו דערוואַרטן קיינע „פאָלגן", ווייל קיין איי קומט דאן (אין דער רעגל) אין דער „טובא" ניט 1). *) און אין נאָך שווערערע באַשטראָפונג פאַר איבערמעסיגקייט...

---

כך ואז מהני רחמי). כמזה נראה דעתם דבראשית ההפראה (באופן זה) עדיין לא נקבע המין עד זמן ידוע, והוא מתאים עם דעת החוקרים בזה"ז הבנו ה על נסיונות. עיי' בס' „ענטוויקלונג דעם מענשען". שם. (ועיי' ויק"ר ס"פ כ"ג כל ארבעים יום הקב"ה עוסק בצורת הולד כו').

ואין סוף למחקרים אלו אף לא זה המקום ובאתי רק בתור נסיון להצדיק סדש — ונצדק!

אָנמערקונג.

*) מיר איז באקאנט געוואָרן, אז צוויי ערצטע, צו וועמען קינדערלאָזע פרויען האָבן זיך געווענדעט נאָך א רפואה, האָבן זיי געראַטן עובר צו זיין אויפן הארבן איסור נדה. מיינענדיק אז דאַן, געראדע אין די ערשטע טעג, איז די גינסטיגע צייט פאַר עיבור. אָבער, אויסערדעם וואָס דאָס איז א שרעקליכע עבירה, איז עס אויך, ווי אויבן געזאָגט, א טעות. אזוי איז עס טאַקי געוועזן אין געוויסע קרייזן אנ'אַלטער המונ'ישער אבערגלויבן, ווענן וועלכן ד"ר גאסטאַן קאָט זאָגט, אז עס איז גאָר ניט כדאי צו ריידן, און עס איז א שאנדע און אומ־נאָרמאַל צו פארקערן אין אזא צייט 2). (די פאראיינצלטע אויפפאסונג פון ד"ר פלעש (Flesch, Arch. Frauenkde u Konstit.—Forschung, 12, S 122) איז היינט וויסנשאפטליך ניט האלטבאר. דער איינציגער פון אים ,אנגעפיהרטער פאל פון א סטערילער פרוי איז קיין באווייז, ווייל עס גיט דאך אף אלע געביטן אבנארמאליטעטן. (זעה Dr. J Levy, Deut. Med. Woch. 1932, № 44) באזונדערס ביי א סטערילער פרוי. וועלכע איז שוין דורך די סטעריליטעט אליין סיי ווי סיי אבנארם. אויב מ'זאל אויסרעכנען אף אזעלכע זעלטנהייטן ווי דער פאַל ד"ר פלעש, דארף מען אויך פיל מער שטענדיק רעכענען און שרעקן זיך פאר. די ווייט אָפטערע פאלן פון פארזעעניש־געבורטן (מיסביל־דונגען). ביי פארלייננערטן בלוט־פלוס ווידער קען מען בעסער מעדיציניש נעהיילט ווערן דורך געוויסע הארמאנען־פרעפאראטן.

Dr. Veil, Med. Wochenschr. 1935, Nr 1; Dr. Tietze. ibid. № 13

---

1) Bumm, Geburtsh. S. 40, Knaus, Die Periodische Fruchtbarkeit, Wien 1934. Georg, Eheleben u. Geburten—Regelung, Prag, 1933  2) Trouble Func. de la appareil gen. de la femme, p 178; זע אויך Dr. J. Levy, „Periodische Enthalt. in der Ehe u. die jüd. Sexualg." Deut. Med. Wschr. 1932, № 44.

די שטומע נאטור באשטעמינט אזוי אויך ביים מענשן דעם פעסטן יסוד, דעם אויסשליכן צוועק „לשבת יצרה". ווייל אין אלטער ווען די פראדוקטיווקייט הערט אויף פארשווינדעט בישלאכוויז אויך דער נאטירליכער, פריער־דערמאנטער אינפעקציאן־שומר. די זויערע סעקרעציאן. און ס'קומט זאגאר צו א פאראיינגונג 1). אלץ צייגט אלזא אויף צוועקמעסיקייט.

---

זעה ד"ר י. לעווי צייטונג דער ראב.־הירש־געזעלש. „נחלת צבי", 5־טער יארגאנג, העפט 11־12, אב־אלול, תרצ"ה.

עס איז ממש א וואונדער, אז ערצטע זאלן אזוינס ערשט ראטן, און עס איז איבריג צו זאגן אז מ'טאר עס בשום אופן גיט פאלגן. דאס איז אי אסור אי גיט צוועקמעסיג. די גינסטיגסטע צייט צו עיבור איז די צווייטע וואך נאך אנפאנג נדות. אזוי איז אויך דער אידישער דין אלס מצוה. שצריך כו' 2).

ועיי' בנדה (ל"א:) אין אשה מתעברת אלא כו' סמוך לטבילתה, והיינו שבוע שני אחר התחלת הנדות. וכדמות ראי' דהכי נקטינן, דאליבי' איבעיא לן בסוטה (כ"ז.) בפרוצה ביותר. ואם תאמר שמא לדידי' בימי הנדות נמי מתעברת אלא שאסור, אין הדבר כן, דבסוטה שם אמרינן כי תיבעי לך אליבא דמ"ד סמוך לטבילתה מאי כיון דידע בה נטורי מנטר לה כו' ואי תימא דמתעברת בימי נדות אכתי לא ידע בה לנטורי דזמן ארוך הוא כבו ועל זמן ארוך לא שייך לנטור דאל"כ מצי נמי למינטר לה לעולם, ווז שפרוצה ביותר לעבור על איסור א"א ק"ו שפרוצה לעבור על איסור נדה, אלא ודאי דסבר דאינה מתעברת אז כמ"ש.

• אח"ז ראיתי להרמב"ן, ויקרא י"ח, י"ט שכתב נמי שלא תתעבר בשעה ששופעת דם נדות (לסבות אחרות שהזכיר), וזהו לדעתו טעם האיסור שלא התירה תורה המשכב אלא לקיום הזרע וכששופעת דם לא תתעבר. ועד"ז אני מבאר מאמר תמוה לחז"ל (סנהדרין, פ"א.): מאי דכתיב אל ההרים לא אכל שלא אכל בזכות אבותיו כו' ואת אשת רעהו לא טימא שלא ירד לאומנות חבירו ואל אשה נדה לא יקרב שלא נהנה מקופה של צדקה. והוא פלא מה ענין קופה של צדקה לאשה נדה, והמהרש"א בח"א נדחק בזה ולא עלה לו דבר מרווח. ולי נראה בביאורו פשוט. שכל המתפרנס מאיזה משלח־יד ומשתכר הרי הוא בגדר עושה ואוכל, עושה פירות ומכניסן לעולם תמור הנאתו, (או כמו שיאמר עתה: פרודוקטיבי). אבל הנהנה מקופה של צדקה הרי הוא רק נהנה לגרמי' ואינו עושה פירות תמור זה, וזהו בגדר ביאת הנדה, דכל מטרת האישות היא כאמור להקים זרע, ואז הנהו כנהנה ועושה פירות תמור הנאתו, משא"כ בביאת נדה שאינו מקיים עי"ז זרע כמש"ל נשארה רק הנאה גרידתא בלי עשיית פירות, והיינו ממש הדמיון לנהנה מקופה של צדקה. ובזה דברי חז"ל מאירים כספירים ב"ה.

---

1) Kuestner, Gynaekologie, S. 31.

2) שו"ע או"ח, ר"מ.

אזוי פאַרשטייען אויך אַלע בעסערע (אפילו ניט רעליגעזע) מענשן, און מאָראַליסטן. אויך דער איצט זעהר פּאָפּולערער און ווייט ניט־חשוד׳ער אף רעליגיעזיטעט פּראָפ. פרויד זאָגט: וויר נעננען איינע סעקסואלבעטעטיגונג פער־ווערז (פאַרדרייט, אומנאטירליך), ווענן זי אויף דאס פאָרטפפלאַנצונגסציעל פער־ציכטעט אונד די לוסטגעווינננונג אַלס דאַפאָן אונאַבהענגיגעס ציעל פערפאָלגט 1).

אזוי זאגן פיל סעקסואל־פאָרשער, ווי פּראָפ. א. פאָרעל א. א., אז די אידישע טהרה־דינים און די דורך זיי געבאָטענע רעלאַטיווע געשלעכטליכע אבסטינענץ (ענטהאלטונג) פירן צו א הויכער מדרגה פון זיטליכער פולקאָמנהייט פאַר די עהליכע געמיינשאַפט, דורך וועלכע די פּראָבלעמען, וואָס היינגן צוזאמען מיטן סעקסואל־לעבן פון מענשן, ג ע פ י נ ע ן ד י ב ע ס ט ע ל י י ז ו נ ג 2). *).

ווען עלטערן, וואָס האָפן צו בויען א נייעם דור, וואָלטן זיין געגוג באוואוסט־זיניק, וואלטן זיך אָפּגעבן רעכנונג איבער אלץ וואָס מיר האָבן געזאָגט און וואָלטן ווערן נעענטער צום געדאַנק וואָס איז אויסגעדריקט אין מאמר חז״ל: „שלשה שותפין יש באדם: הקב״ה ואביו ואמו״ 3). ד. ה. דריי שותפים זיינען פאראַן אין מענשן: הקב״ה און פאטער און מוטער — וואלטן זיי ווערן אָנגעפילט מיט געפיהלן פון קדושה וטהרה צו זיין שותפים פון הקב״ה אין דעם אייביגן, אומאָפּשאַצבאַרן בנין פון א קומענדיקן דור, דאָס וואָס איז דער איינציגער אמת׳ער אייגנטום פון מענשן, וואָס בלייבט אים ביי זיין אוועקגיין פון דער וועלט און פון זיינע צייטווייליגע, שיינבאַרע אייגנטימער **). דאס וואס איז די גאַנצע מית און האָפנונג פון מענשן — „ועמלנו אלו הבנים״. אונזער גאַנצע מיהזאמקייט איז צוליב אונזערע קינדער, און דאַן וואלט געווען גאַנץ איבריק צו ריידן וועגן „טהרת־המשפחה״...

דער מאַן און די פרוי מוזן נעהמן דעם רעכט שנעל פאַראיבערגייענדיקן לעבן מיטן גאַנצן ערנסט און ניט ד ע ר נ י ד ע ר י ק ן איינער דעם אַנדערן.

---

*) דרך אגב איז כדאי דאָ צו דערמאָנען אויך א נעבן־זאַך, אז לויט די סטאַטיסטיקעס פון ד״ר י. לעווי (ברלין) איז דער פּראָצענט פון אינגלאַך־געבורטן ביי אידן וואָס היטן אָפּ די דינים פון „טהרת־המשפחה״ א זעהר באַדייטענד גרעסערער ווי ביי די וואָס היטן עס ניט אָפּ 4).

**) כמ״ש הנה נ ח ל ת ה׳ בנים 5) וכמ״ש לא אוכל לגאל ליפן אשחית את נחלתי 6). היינו הדורות הבאים אחריו שהם הם הנחלה האמיתית ובנין עדי עד.

---

1) Dr. J. Levy, „Die Sexuelle Not in jüd. Schau", Frankfurt—Main S 42, 2) J Lex B IV, Sp. 484

3) נדה ל״א. ועיי׳ זוהר פ׳ אמור אשכחנא בספרא דשלמא מלכא כו׳.

4) Dr. J. Levy „der Knabenüberschuss bei den Juden", Zeitschrift für Sexualwissenschaft, 7 Bd. 11 Heft, 1921.

5) תהלים קכ״ז ג׳. 6) רות ד׳ ו׳.

פאַרוואַנדלענדיק בלויז אין אַ וואַל־לוסט־אָביעקט. דער לעבן באַטייט פיל מער און ווי איז ד ע ם וועך עס געפינט אין אים ניט מער!

אין דאָ קעהרן מיר זיך צוריק צו אונזערע פריערדיקע באַטראַכטונגען.

* * *

ווי געזאָגט, פאַרשטייען שוין היינט אַלע וויסענדע מענשן די וויכטיקייט פון טהרת־המשפחה אין אירע גרונטלאַגן, די וויכטיקייט פון ט ה ר ה דורך וואַסער. מאַנכע שטרויבן זיך אָבער געגן ט ב י ל ־ דינים, צ. ב. ש. וועגן דינים פון חציצה א. ד. גל. און הויפּטזעכליך געגן דעם הבדל בין מים למים *). זיי מיינען, אַז וואַסער איז וואַסער און אַלע גלייך.

עס פרעגט זיך אָבער, פאַרוואָס ווען אַנ'אַרצט פאַראָרדענט אייך טרינקען געוויסע קוועלען־וואַסער אָדער באָדן זיך דרינען, פרעגט איר גאָר ניט: „פאַר וואָס איז עס אַ הבדל בין מים למים?" האָטש איר פאַרשטייט אין דעם ניט מער און ניט ווייניגער, און ווי עס קומט צו די פאַראָרדנונגען פון דער תורה ווערט איר אַלע גרויסע ידענים און פרעגט: „מה בין מים למים?".

אמת, עס האָט שוין אַ מאָל געטראָפן, אַז אויך ביים פאַראָרדנען אַ הייל־מיטל צו אַ לעפּראַ־קראַנקן (מצורע) האָט ער געפרעגט די ענליכע שאלה. דאָס איז ניט קיין אַנדערער, ווי דער מצורע „נעמן", דער פעלד־מאַרשאַל פון ארם. ווען אלישע האָט אים פאַראָרדנט צו באָדן זיך מערערע מאָל אין ירדן וועט ער ווערן געזונט, האָט נעמן געזאָגט: „הלא טוב אבנה ופרפר נהרות דמשק מכל מימי ישראל, הלא ארחץ בהם וטהרתי"?, ד. ה. די טייכן פון דמשק „אבנה" און „פרפר" זיינען דאָך בעסער פאַר אַלע אי ד י ש ע וו א ס ע ר ן, וועל איך באָדן דאָרט און ווערן ר י י ן? אָבער דאָס איז טאַקי אויך ניט געווען אין באַציהונג צו אַ פּשוט'ן בשר־ודם נאָר צו ג־טס אַ שליח, צום נ ב י א אלישע. צו אַ פּשוט'ן שטערבליכן שטעלט מען טאַקי ניט ד י שאלה... און וואָס איז דאָרט אויך געווען דער סוף? ענדליך האָט „נעמן" געפאָלגט אלישע'ן, געבאָדן זיך אין ירדן און — געוואָרן געזונט... 1).

און דער זעלבער נביא אלישע, ווען שטאָט־לייט האָבן זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז דאָס וואַסער איז שלעכט האָט ער עס סאַנירט דורך אריינוואַרפן אַ גלעזל זאַלץ 2). זאָגן אויף דעם די חז"ל 3), אַז דאַ איז געוויזן געוואָרן אַ „נס בתוך נס",

---

*) דעם אונטערשייד צווישן וואַסער און וואַסער . . .

1) מלכים ב', ה', א—י"ד. 2) מלכים כ', ב', י"ט—כ"א. 3) מכילתא, בשלח.

ווייל זאלץ פארדארבט גענוואוינליך דאס וואסער, פאַרוואָס זשע און ו ו י איז דאָס? — ווייל „לא על הלחם לבדו יחיה האדם כי על כל מוצא פי ה׳ יחיה האדם" 1), ד. ה. ניט אויף ברויט א ל י י ן לעבט דער מענש, זונדערן אויף אַלץ וואָס ג־ט הייסט לעבט דער מענש, און זאָגאַר ניט פ ו ן דעם ברויט ז ע ל ב ס ט , אָן און פיר זיך („לבדו"), לעבט דער מענש, זונדערן פון ג־ט׳ס וואָרט וואָס איז אין אים (אין ברויט). ווייל אַזוי ווי די וועלט איז באשאפן געוואָרן במאמרו של הקב"ה, אזוי רעגירט ש ט ע נ ד י ק א י ן אַליין און האלט אַלץ אויף ג־ט׳ס וואָרט און זיין באפעהל, און אַלע כחות זיינען על פי ה׳ ובמאמרו. 2) ווייל — ווי פריער געזאָגט — שטייט הינטער יעדעם מאטעריעלעם דאָס אונזיכטבארע „עטוואָס גייסטיגעס", און ווען ג־ט הייסט דעם ברויט צו זיין נאָהרהאפט — איז ער נאָהרהאפט, קריגט ער די קראפט און אייגנשאפט צו זיין נאָהרהאפט, עבען אזוי ווען ג־ט באפעהלט דעם זאַלץ צו פארזיסן דאָס וואסער קריגט ער שוין דורך דעם צ י ו ו י א ל י י ן די אייגנשאפט צו פארזיסן, ווען ג־ט באפעהלט דאָס ירדן־וואסער צו הייבן „לעפרא" קריגט עס שוין דורך ד ע ם א ל י י ן די אייגנשאפט דאצו — ווען ג־ט באפעהלט דער מקוה־טהרה צו זיין א ט ה ר ה , א ריייניגונגס־קוואל, ווערט זי שוין דורך דעם צ י ו ו י א ל י י ן א ט ה ר ה , באקומט זי שוין די דאָזיקע אייגנשאפט, אונאָפהייננגיק דערפון וואָס זי זאָל ניט געוועזן זיין אָן און פיר זיך. און אזוי זאָגן חז"ל מיט זייער קלאסישן קיצור: „מי שאמר לשמן וידלוק יאמר לחומץ וידלוק" 3), ד. ה. ווער ס׳האָט געהייסן דעם בוימאייל — און ער ברענט, דער וועט הייסן דעם עסיג — און ער וועט ברענען, ווייל דער גאנצער פראָצעס פון „ברענען" באזירט, ווי געזאָגט, אפן באפעל פון בורא. *)

---

הערת

*) להאמור יש להמתיק דקדוק קל, שהי׳ מדויק יותר לומר מי שאמר לשמן שידלוק (או: דלוק) יאמר לחומץ שידלוק (או: דלוק) ולפי האמור שיעורו: מי שאמר לשמן (מה שאמר) — וידלוק, פירוש: והוא דולק, יאמר לחומץ (מה שיאמר) — וידלוק, פירוש: ויהא דולק, לפי שכל מעשה הדליקה מיוסד, כאמור, על ציווי ה׳.

ועד"ז יתבאר לי מ"ש ז"ל: ראה אנכי נותן לפניכם היום כו׳ א"ר חני ולא: ע״ר שנתתי לכם שני דרכים אלא שנכנסתי לפנים משורת הדין ואמרתי לכם ובחרת בחיים 4). וצריך ביאור מאי לפנים משורת הדין יש באמירה זו לתועלתם, והרי בל"ז נמי כבר אמור שזו דרך החיים וזו דרך המות ואם רצונם לבחור ה"ו במות מה תוסיף אמירה זו להועיל? ולפי האמור הוא מבואר יפה. שבאמרו אנכי נותן לפניכם כו׳ יש לפניהם שני דרכים שקולים, אבל מכיון שצוה ה׳ ובחרת בחיים נוטעה עי"ז במעמקי נפשם נטיה יתרה לבחירת

---

1) דברים, ח ג. 2) מדרש תהלים, קי"ט. נפש החיים שער א פ"ב. לקוטי אמרים, שער היחוד והאמונה, פ"א. 3) תענית, כ"ה. 4) ד"ר, פ"ד.

* * *

איך פאַרשטיי, אַז מיט אייערע פראַגעס רעדט איר נ אָ ך אַנדערע, וועלכע האַלטן זיך פאַר חכמי הדור און מיינען — אָדער איר מיינט וועגן זיי — אַז זיי האָבן שוין דערגרייכט דעם העכסטן שפּיץ פון חכמה און זייערע אויספירונגן זיינעם דאָס ל ע צ ט ע ו ו אָ ר ט פון וויסנשאַפט.

איך וויל אָבער איר זאָלט פאַרשטיין, אַז ניט בלויז א ו נ ז ע ר דור נאָר י ע ד ע ר דור מיינט, אַז ער שטייט אויף דער העכסטער שטופע פון וויסנשאַפט און זיין וואָרט איז דאָס לעצטע וואָרט. און פונדעסטוועגן האָבן הונדערטער דורות פון אַ גרויסן טייל פון דער ניט־אידישער וועלט מיט 3000 יאָר צוריק, מיט 2000 יאָר צוריק, מיט 1500 יאָר צוריק, מיט 1000 יאָר צוריק, מיט 500 יאָר צוריק און נאָך שפּעטער, האַלטנדיק זיך פאַר די גרעסטע חכמים, ניט געהאַט קיין אהנונג פון היגיענע און ריינליכקייט, פולשטענדיק איגנאָרירט די אידישע דינים פון טהרת־המשפחה אפילו אין די מענסטרואַציאָן־צייט מ מ ש און אויסגעזעצט זיך דערמיט ־דער מעגליכקייט פון מאַנכע קראַנקייטן.

ווי ווייט די וויסנשאַפט פון די גרויסע פראָפעסאָרן פון יענע דורות האָבן דערלאַנגט קענען מיר האָבן אַ קראַסען ביישפּילטאַקי פון געביט פון גינעקאָלאָגיע:

אין גמרא געפינט זיך: „עבר רבה תוספאה עובדא באשה שהלך בעלה למדינת הים ואשתהי עד תריסר ירחי שתא ואכשריה" 1), ד. ה. רבה תוספאה האָט גע׳פסק׳נט אַ דין להיתר אָפן גרונט פון דער באַהויפּטונג, אַז אַ געבורט קען אַמאָל אין אַ זעלטענעם פאַל ווערן פאַרשפּעטיגט ביז 12 מאָנאַט. די דאָזיקע באַהויפּטונג איז זעהר אויפפאַלנד ביי די גינעקאָלאָגן, וועלכע ווייסן פון געבורט־פאַרשפּעטיגונג נאָר ביז 300 טעג. *) דאָסזעלבע איז אויך געווען אויפפאַלנד

---

החיים והטוב.\ (עיי׳ רמב״ם הל׳ גירושין פ״ב ה״כ בכופין להוציא דמהני משום דבעצם הוא רוצה בקיום המצוה ורק רצון חיצוני מעכב, כמ״ש רצוננו לעשות רצונך כו׳) 2). וזהו לפנים משורת הדין, שהי׳ לאדם להיות בעל בחירה במאזנים שקולות ובאה נטיית הכרעה לבחור בחיים. וזהו שנאמר בבה״ת אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו, והרי התורה גלויה לכל ונכתבה בשבעים לשון 3) וכל מי שרוצה יוכל לקחתה, ולהאמור היתרון הוא שנתן לנו, היינו שהשליט עלינו את הציווי שלו ועי״ז נטע בנו, בנשמתנו, טבע ונטיה לקיומה („וחיי עולם נ ט ע ב ת ו כ נ ו "), לא כן האינם־מצווים. ואפשר שזהו גם ביאור אמרם ז״ל יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום .. ואלמלא הקב״ה עוזרו אינו יכול לו 4), היינו שציווי׳ ה׳ נוטע בו הכרעה לטובה.

הערה.

*) ולפי דהך דינא דרבה תוספאה שנפסק אצלנו להלכה (רמב״ם פט״ו מהל׳ אי״ב, טוש״ע אה״ע סי׳ ד׳) עורר עקשות פה ולהג מבקרים בנוסח ידוע, רואה אני שלא לעבור ע״ז בשתיקה ואומר דברים אחדים.

---

1) יבמות, פ׳. 2) ברכות, י״ז. 3) סוטה, ל״ו, עיי״ש. 4) קידושין, ל׳.

הנה עוד בשנת תרס"ד יצא ד"ר אחד ברפוס בבקרת עזה נגד הלכה זו, באמרו שתורת המילדות יודעת משיהוי הלידה רק עד 300 יום, אבל כי תשהה עד י"ב חדש הוא דבר שלא נשמע. בתוך דבריו התריז נגד המהר"ם מרוטנבורג ז"ל בדברי בלע שאין להוציא מן הפה. קנא קנאתי אז לכבוד המהר"ם מרוטנבורג ז"ל וטרחתי להמבקר עז־הפנים כמרתו, הראיתי לי את טעיותיו והוכחתיו על פניו וסיימתי, שתורת המילדות שבימינו עדיין אינה המלה האחרונה של הכידע ואפשר שדור יבוא אחרינו יסתור את אשר בנינו ויבנה חרשות, ואשר יחשב אצלנו כנמנע יתברר לדבר אפשר, וצדקת המאמרים הנראים כזרים שבד' חז"ל תצא כנגה, ובדרך כלל „לא ראינו אינה ראיה". דור הולך ודור בא, שיטות נובלות ושיטות צצות, ודבר חכמינו יקום.

זאת היתה תשובה בעיקר על הטחת דברי עזות נגד קדוש ה' המהר"ם מרוטנבורג ז"ל, ובגוף הענין של הלכה זו לא נגעתי, אולם לרגל הדברים הנ"ל עיינתי בגוף הדבר ונוכחתי שנבואתי נתקיימה יותר מהר מאשר פללתי.

הן אמנם מקובל בתורת המילדות ליסוד מוסד לחשוב את זמן העיבור, ע"פ הרגיל, מן 270 עד 280 יום מן הוסת האחרון שנתקיים, (וכך אמרו רז"ל (נדה ל"ח:) הריון בגימטריא מאתן וארבעים וחד הוו), אלא שידוע גם משיהויים עד 300 יום (מן הוסת האחרון) ועל יסודות אלו נבנה גם חוק המדיני לחשוב את הולד לכשר (כלומר של הבעל החוקי) עד זמן האמור. חוק האזרחים האשכנזי, למשל, קובע את הזמן האחרון 302 ימים (אם לא שנתברר בבירור גמור ההיפוך), וכעין זה הוא גם בשאר מדינות. אמנם יצאו מבקרים נגד החוק מצד הרופאים באמרם שכבר נודע משיהויים יותר ארוכים. (החכם צאנגמייסטער). וכשהתלו לעבוד יותר בכיוון זה נודע מהר משיהויים עד 334 יום, ואח"כ עד 342 יום ולאחרונה נודע בשנת תר"ף משיהוי עד 355 יום. (בס' „ביאלאגיע אונד פאטאלאגיע דעס ווייבעס" להפרופ. האלבאן וזייץ, כרך שביעי, צד 391, ובס' „לעהרבוך ד. געבורטסהילפע" להפרופ. יאשקא ופאנקוב, צד 91). הרי שבזמן קצר כזה (מן תרס"ד עד תר"פ) כבר נתקיימו דברי, שנודע כבר השיהוי עד 355 יום, והיינו ממש תריסר ירחי שתא בחדשי הלבנה.

אך החשבון הזה נעשה בחשוב מן הוסת האחרון שנתקיים, ולפי"ז אפשר שנתעברה רק סמוך לוסת שאחריו שהי' צריך לבוא, וא"כ צריך לנכות הזמן שבין וסת לוסת כרגיל 28 יום, ולא נתבררה התארכות זמן העיבור בפועל אלא עד 330 יום בערך, באופן שבעובדא דרבה תוספאה שהלך בעלה למדינת הים לפני תריסר ירחי שתא ובע"כ לומר שנתעברה כבר לפני 355 יום, חסרים לנו עוד 20 — 27 ימים, האומנם שמכיון שראינו כבר התארכות העיבור לכה"פ עד 330 יום, בודאי כבר נוכל לומר בצדק ובבטחה שלא ראינו אינה ראיה ואפשר שיתארך יותר, אבל מלבד זה נראה לי, שאפילו תימא שאין התארכות העיבור בפועל יותר מבמקרה האחרון שנודע לנו, היינו עד 330 יום, ר"ל שזמן התעבר הולד הוא לכל היותר

הזמן הנ"ל ואז הוא נדחף לצאת מרחם אמו ואין שיהוי יותר. אעפ"כ דברי חכמינו ז"ל קיימים, כמו שיבואר.

אברי ההולדה וסדר ההפראה הוא כך: בקן־הביצים (אוֹואריום) של האשה מתעבדות ביצים. בכל חדש (של לבנה). ע"פ הרגיל, מתנתקת ביצה אחת, ניקבת את דופן קן־הבצים, נופלת ל"שק" ומשם באה לתוך שפופרת (טובא), והשפופרת הזאת היא ע"פ הרוב מקום הפגישה של זרע הזכר עם זרע (כלומר ביצת) הנקבה ושם ע"פ הרוב מתקיימת ההפראה. *) זרע הזכר הוא ליחה רירית שבה נמצאים מליונים קוים (ספערמאזאאידן), הנראים, כמובן, רק בזכוכית מגדלת הרבה, המתנועעים ומתנודדים בזריזות ומהירות רבה, לפי הערך, והם הם המפרים, היינו שכל קו וקו בר הפראה הוא כל זמן שלא ניטלה "חיותו". ורק ע"י קו אחד ולא יותר הנוקב ויורד לתוך הביצת באה ההפראה. הקוים האלה שואפים וחותרים לעבור דרך רחוקה, לפי ערכם, ולהכנס לתוך השפופרת האמורה ורק מעט מהם מגיעים לשם. יש שהביצה באה תחלה לתוך השפופרת ומחכה לקו ויש שהקו בא תחלה ומחכה לביצה. (מה נפלאו וגדלו מעשי ה', עד שנראה שהזעירים (מיניאטורן) הללו יש להם מעין דעת והכרה, והוא משום שנטע בהם הבורא כך והם כמו בדעת, כמצווים ועושים, ששים ושמחים לעשות רצון קונם". עיי' מה שנכתוב אי"ה להלן בהערה לצד 68). הקוים הללו כח "חיותם" מרובה עד שברקו ומצאו שמתקיימים בתוך השפופרת וראוים להזריע גם שלשה שבועות. (בס' "געבורטסהילפע. להפרופ. ע. בום, צד 48). וא"כ בעובדא דרבה תוספאה ששימש בעלה לפני הליכתו למדה"י אפשר שנשארו קוים מונחים בתוך השפופרת בערך 20 — 27 ימים וחכו לבוא הביצה וכשבאה נקלטו ונתקיימה אז ההפראה ומני אז ארך זמן העיבור ערך 330 יום עד התבשל הולד (מתאים עם הזמן הוודאי שנודע כנ"ל) ועולה בס"ה תריסר ירחי שתא. וכ"ת שלדברי חכמי תורת המילדות יכולים הקוים "לחיות" רק שלשה שבועות ואתה מאפשר להמשיך "חיותם" גם עד כ"ז ימים, אף אני אומר דיש לקבל דבריהם בהחלט רק מה שמצאו ע"פ נסיונותיהם ב ח י ו ב, דהיינו שנתקיימו ג' שבועות, שעובדא היא ואין להכחישה. אבל מה שיחשבו על יסוד זה לשער ב ש ל י ל ה שלא יחיו יותר ע"ז בודאי נאמר לא ראינו אינה ראיה. ואם בשיהוי הלידות, שהן (הלידות בכלל) מעשים בכל יום, יש פנים להתעקש ולומר דגם לא ראינו הוי ראיה בדבר הרגיל, כידוע, הנה בנסיונות הללו אין שום מקום לומר כן, לפי שנסיונות הללו רחוקים וקשים מאד לעשותם ורק בזמנים רחוקים יבוא המקרה לידם, לפי שא"א לעשות נסיונות בתוך שפופרת של גוף אשה חיה אלא נעשים הם בגופי שאר בע"ח או בכלים ומכונות בתנאים מתאימים, ובדרך רחוקה בבני אדם במקרי נתוח שהם מעטים ורחוקים, ולא שייך להסתייע מ"לא ראינו", ולא עוד אלא שיש בע"ח שבמעיהם הקוים מתקיימים ו"חיים" וראויים להזריע עוד הרבה הרבה יותר, למשל בעטלף כמה חדשים ובדבורה

*) עיי' בהערה לצד 28.

צוריק, שיינט, איז עס אויך געווען קשה און שרייבט דאריבער, אז ער האט געפונען

---

4 — 5 ש נ י ם (בס' „ענטוויקלונג דעס מענשן" להפרופ א. פישעל, צד 46). וא"כ אפשר שגם בשפופרת של האשה משתמרים קצת יותר מג' שבועות, ולכה"פ במקרים רחוקים יכול להיות כן, ושפיר אכשריה רבה תוספאה עד תריסר ירחי שתא.

אח"ז ראיתי שמסקנת החוקרים היא, שבמשך אחד עשר יום שלפני הוסת אין האשה יכולה להתעבר (קגוים בס' „די פעריאָדישע פראָבטבאַ־סייט", וויען, 1934; נעאָרג, „עהעלעבן און געבורטן־רעגעלונג", פראג 1933; ד"ר י. לעווי, ברלין, במאמרו „אין אשה מתעברת אלא...", צייט. דער ראבינער הירש געזעלש. „נחלת צבי" V העפט 11־12, אב־אלול תרצ"ה) וא"כ כשמצאו החוקרים שיהוי עד 355 יום מן הוסת האחרון שנתקיים ע"כ היתה התארכות זמן העיבור לכה"פ 341 יום, אחרי שבי"א יום האחרונים שלפני הוסת שהי' צריך לבוא א"א הי' לה להתעבר, וכיון שכן בעובדא דרבה תוספאה הי' די אם קוי זרע הבעל נתקיימו ב„חיותם" רק י"ד יום ואין אנו זקוקים לחדש שחיים יותר מכ"א יום.

אך לכאורה כל הדברים הנ"ל נסתרים מהלכה רווחת, דכל היסוד הוא שהקוים ראויים להזריע עד ג' שבועות וגם יותר, והרי מבואר בשבת (דף פ"ו) וש"ד דהפולטת שכבת זרע לאחר שלשה טהורה לפי שאחר ג' מסרחת ואינה ראויה להזריע, ונפלו כל הדברים. אלא שבאמת זוהי קושיא עצומה על הש"ס מן המציאות שראינו שהקוים עדיין „חיים" וראוים להזריע זמן יותר, ובדוחק י"ל שזהו רק מיעוטא ולא חיישינן להו. אבל נראה לי ליישב בדרך מרווחת וברורה ומזה יבואר שלא זו בלבד שאין סתירה לדברי חז"ל אלא שהתוצאות של חקירות המדע בזמן האחרון ומסקנותיהן מקיימות כל ההלכה בריוס. והענין הוא שכל השכבה, הליחה ורוב בכל הקוים נמצאים ונשארים זמן ידוע רק בחלק הרחם למטה („וואגינא", „שיידע") ורק מעטים מהקוים יצליחו לעלות למעלה ולהכנס לתוך הרחם והשפופרת, האברים הללו מוציאים תמיד מיץ ידוע (סעקרעציאָן). המיץ שבשפופרת ושברחם הוא בן הפעלה אלקלית (אלקאלישע רעאקציאָן) והמיץ שבאבר דלמטה הוא בן הפעלה חומצית (זויערע רעאקציאָן). המיץ בן ההפעלה האלקלית מסוגל לקיים את היצורים הזעירים (מיקראָבן) והקוים בכלל, והמיץ בן ההפעלה החומצית, להיפוך, משחית וממית את היצורים הזעירים. הנסיונות האמורים, שהוכיחו כח „חיותם" של הקוים עד ג' שבועות, נעשו בקוים הנמצאים בתוך השפופרת ששם המיץ בן ההפעלה האלקלית מסייע לקיומם, אבל למטה ששם נמצאה כל הש"ז ושם המיץ בן ההפעלה החומצית באמת אין היצורים הקטנים ובכללם גם הקוים מתקיימים הרבה זמן ורובם ככולם נשחתים ונסרחים שם במיץ ההוא (ס' „געבורטסהילפע" להפרופ. בום, צד 43). פליטת הש"ז תבוא רק מהחלק דלמטה, ששם כל השכבה עם הליחה, אבל מהשפופרת לא תבוא פליטה (ואם תבוא פליטה ע"י וביחד עם זרם דם הוסת, הרי אין נ"מ, שהיא בלא"ה טמאה נדה). וכיון שכן אתי שפיר, דהפולטת ש"ז שהיא רק מהשכבה שנמצאה למטה טהורה אחר שלשה ששם הקוים בודאי כבר נשחתו והסריחו מחמת המיץ

הנ"ל ואינם ראוים עיד להזריע. ואם לקוים שבשפופרת שהם מתקיימים וראוים להזריע יותר. אין לחוש להם שהם אינם נפלטים ואינם נמצאים בשכבה זו שנפלטה. וראה זה נפלא שבאחרונה בדקו ומצאו שהקוים הנמצאים למטה בתוך ה„שיידע" אינם מתקיימים יותר מן 36 שעות. („געבורטסהילפע" להפרופ. יאשקא ופאנקאוו. צד 6). והיינו ממש שלש עונות כדנקטינן להלכה (רמב"ם פ"ה מאה"ט הל' י"א). ועד כמה נפלא הדבר נבין מזה. שהידיעות הללו הושגו ע"י החוקרים רק בעת האחרונה בעזרת זכוכיות-מגדלות ומכונות שונות. בעוד שלחז"ל נודעה האמת הזאת לפני אלפים שנה בלי שום מכונות ומכשירים ובלי שום אפשרות לבדיקות כאלה. אכן רוח ה' דובר בם.

ומה שיש להעיר בדרבה תוספאה. שבכל אופן מקרה דאישתהי הוא רחוק מאד מיעוטא דמיעוטא ולמה אנו מכשירין נגד הרוב ומה שי"ל סמוך מיעוטא לחזקת כשרות ולגבי האם והולד כו' אכ"מ.

אח"ז מצאתי בחי' המאירי ליבמות שם שכ' וז"ל ואף בימינו אירע מעשה באשה ששהתה ט"ו חדשים וילדה והיה עיבורה ניכר כל ימי העיבור שלא היה בה שום חשד והיו כל בני המחוז תמהים עליה וסבורים שהי' חולי הקרוי רחיים וילדה בן והיו שערו וצפרניו גדולים כאלו נתגדל. וגדולי המחברים ז"ל כתבו שאין העובר משתהא במעי אמו יותר מיב"ח ואף רבותינו ז"ל העידו לו כן בשם ספרי רפואה לבעלי החכמים שבה אלא שמעשה שהי' כך הי' עכ"ל. הרי לך מכבר שיהוי גדול כל כך. אלא דלא איתפריש אם הי' הולד חי. ואילו במת אין רבותא כבר שבזה יקרה גם לזמן יותר מרובה. אך מלשונו משמע שהי' חי ונתגדל במעי אמו יותר מאשר עוברים. עוד כתב שם וז"ל מעשה לאשה שהלך בעלה למ"ה ולסוף י"ב חדש ילדה והכשירוהו ולא דנוהו בממזר כי אפשר שמשתהא ואחר שאפשר כן שרינן לה בתר רוב נשים שאינן מזנות עכ"ל. ובזה מיושב נמי בעובדא דאבוה דשמואל (קדושין ע"ג. תוד"ה מאי). ועיין בתשו' רעק"א סוס"י צ"ט.

אח"ז בא לידי ספר Biblisch Talmudische Medizin, Dr. Julius Preuss, Berlin 1921 וראיתי בצד 444 שכתב. דאם נתפוס שילדה ולד מת האפשרות דאישתהי פשוטה. ואפילו הי' חי אין הדבר מוזר כ"כ לפי שלתריסר ירחי שתא נוכל לומר שהי' רק יום אחד האחרון מחודש הראשון ויום אחד הראשון מחדש השנים עשר. ואז יהי' החשבון לפי חדש מלא וחדש חסר רק 297 יום. ודבריו אינם. דהא אמרינן ואכשריה (רבה תוספאה). והיינו שהכשיר את הולד מחשש ממזרות. ואלו הי' מת לא הי' את מי להכשיר. ואם יאמר לגרוס ואכשרה (בלא יו"ד) דהיינו שהתירה לבעלה. אין נופל ע"ז לשון ואכשרה אלא והתירה לבעלה. ומה שכ' שהי' רק יום א' מחדשי א' וי"ב נ"כ אינו נכון. דזה לא מיקרי תריסר ירחי שתא. וכן נקטינן להלכה להתיר שיהיו עד י"ב חדש מלאים ממש. (רמב"ם ושו"ע כנסמן בפנים).

עוד ראיתי עתה בהערות של הד"ר א. מ. גרשוני לס' „מדרש הרפואה"

ופנעה בסוס זכר תחלה אינה יולדת עד י"ב חודש 1). ד. ה. א פרוי וואס האט פארשוואנגערט און אנגעטראפן צוערשט א פערד מעג. געשל. ווערט די געבורט פארשפעטיגט ביז 12 מאנאט.

איר פארשטייט. היינט לאכען מיר פון דעם א ז י ס ווי פון אנ'אבסורד. אבער יענע פראפעסארן פון ראב"ן'ס צייט האבן זיך דאן אויך געהאלטן פאר די גרעסטע חכמים. געמיינט אז זייער ווארט איז דאס ל ע צ ט ע ווארט פון וויסנשאפט און האבן דאמאלס מסתמא אויך געלאכט פון אונזער תורת־המשפחה. און היינט זעהען מיר אלע, אז די דאזיקע חכמים זיינען גאנץ לעכערליך און דער אלטער אידישער דין טריומפירט — וויינינסטענס אין זיינע גרונטלאגן.

איז וואס זאלן מיר זיך איינריידן, אז דער גורל פון די חכמים פון א ו נ ז ע ר ד ו ר איז פון גרונט־אויס אנדערש ווי דער גורל פון יענע?

און אט טאקי אפן זעלבן געביט האבן אמאל „וויסנשאפטלער" געמיינט, אז דער גינסטיגער מצב צו עיבור איז אין מענסטרואציאן־צייט. אזוי אז אונזערע בעלנים צו געפינען דערקלערונגען אויף דיני התורה אין די רעזולטאטן פון דער „וויסנשאפט" אין דער געגעבענער צייט זיינען ארויפגעפאלן אויף דער מציאה און געזאגט, אז די תורה האט דא געמיינט אנטקעגנצווירקן דעם צוגרויסן צווואוקס פון דער באפעלקערונג. (וואס ס'איז, באמת, נעגן דעם גאנצן גייסט פון דער תורה). ביז מ'וויים איצט קלאר געראדע פארקערט, אז יענע צייט איז גאר אוממעגליך צו עיבור 2).

איינער א אידישער שרייבער זאגט: 3) עס איז העכסט מערקווירדיק, אז ווערענד דער בארימטעסטער צווישן די דאמאלסדיקע רוימישע ערצטע גאלען, וועלכער איז שפעטער געווארן דער פאטער פון מעדיציניש וויסנשאפט אין אירופא, האט ניט געהאט קיין ריכטיקע פארשטעלונג וועגן דער שפייזונג פון דעם עמבריא (עובר) אין מוטער־לייב, זאגענדיק אין זיין בוך „suspecta originus" אז דאס צים די י ניקה פון די זאמן־קערנער (cotyledones) וואס געפינט זיך אין דער שליא (נאכגעבורט) (א זאך וואס קלינגט היינט ווי א משונה־דיקע פאנטאזיע) — האבן שוין די חכמי התלמוד ריכטיג געוואוסט, זאגנדיק: „למה הולד דומה במעי אמו?... ופיו סתום וטבורו פתוח ואוכל ממה שאמו אוכלת ושותה ממה שאמו שותה... וכיון שיצא לאויר העולם נפתח הסתום ונסתם

---

לגיסי הרה"ג ר' משה פרלמן ז"ל ח"ג, פ"ג, ז', שב': „על מאמר זה כבר כתבו בעתונים לפני כמה שנים ומאד תמהו עליו, כי עפ"י הטבע לא נשמע מעולם שהילד ישהה בבטן אמו יותר מעשרה חדשים". ואני תמה על הד"ר גרשוני, שהס' נדפס בשנת תרצ"ד ועדיין לא ידע מכל מה שחזכרנו, שכבר שמעו ושמעו שישהה הילד יותר.

---

1) ספר הראב"ן הנקרא אבן העזר ליבמות שם קכ"ב. 2) זעה אויבן זייטע 31.
3) התלמוד ומדעי התבל, צד פ', בשם סופר אחד.

הפתוח שאלמלא כן אינו יכול להחיות" 1). *).

עס לוינט צו הערן איבער דעם עטליכע ווערטער פון באוואוסטע געלעהרטע: פראפ. שיללער פון אקספארד אוניווערזיטעט האט געזאגט: ס'איז ניטא קיין וויסנשאפטליכע היפאטעזע אדער טעאריע פון די וויסנשאפטס־לייט, וואס מ'זאל אויף איר קענען זאגן, אז זי איז געוויס אמת און ריכטיג און וועט אין צוקונפט ניט ווידערלייגט ווערן. אין די לעצטע 30 יאר האט מען אפגעווארפן פיל וויסנשאפטליכע טעאריען, וואס מ'האט זיי גערעכנט פאר זעהר ריכטיג און געמיינט, אז זיי זיינען פעסט אויף אייביג. דאס ל ע צ ט ע  ו ו א ר ט  פון דער וויסנשאפט איז היינט אלזא, אז מיר האבן ניט קיין באוויז, אז וואס מיר ווייסן היינט איז שוין א קלארע זאך, ווייל עס איז דאך מעגליך, אז עס וועט נאך קומען א צייט ווען די זאך וועט גאר באקומען  א גרונטליכע ענדערונג 2). קורץ געפאסט הייסט עס: דאס לעצטע ווארט פון דער וויסנשאפט איז, אז עס איז ניטא קיין ל ע צ ט ע  ו ו א ר ט! **)

דער באוואוסטער געלעהרטער רענע דעקארט:

ווען איך באטראכט  ו ו י  פ י ל  פארשידענע השקפות עס קען געבן איבער איין און דערזעלבער זאך, וואס יעדע איינציגע (השקפה) פון זיי געפינט א פארטיידיגער צווישן די געלעהרטע, און דאך קען נאר איין  א י י נ צ י ג ע  פון זיי זיין אמת — שטייט ביי מיר פעסט: אלץ וואס איז נאר  ו ו א ר ש י י נ ל י ך, איז ווארשיינליך  פ א ל ש! 3)

---

הערה.

*) האומנם נראה לי שהכרונולוגיא איננה מדויקת כ"כ והסופר ההוא, כנראה, אינו מומחה לדברי הימים. כי הרופא המפורסם קלודיוס גלינוס נולד בשנת 131 לספה"נ ומת בערך 200. שהוא ג"א תת"צ — תתס"ס. וזה מתאים עם מ"ש היוחסין שחי בימי רבי. ור' שמלאי (בעל המאמר הנ"ל) הי' שמעיה דר' יהודה נשיאה (ע"ז, ל"ז.) הראשון והוא נכדו של רבי, בן רבי גמליאל בנו. וא"כ חי ר' שמלאי כמה זמן אחרי גלינוס. (לפי סה"ד ערך מאה שנה ולדעת אחרים פחות מזה), ואעפ"כ יש להערה זו של הסופר ערך חשוב.

אנמערקונג

**) איך רעכן פאר אנגעבראכט צו ציטירן אפן דאזיקן פלאץ א פאר בארימטע ווערטער פון צוויי בארימטע געלעהרטע. דער פילאזאף פראנסיס בעיקאן (Bacon) האט געזאגט: „א ביסל פילאזאפיע דערווייטערט דעם מענשן פון אמונה, א סך פילאזאפיע קערט דעם מענשן אום צו דער אמונה".

סיר אליווער לאדזש ( Lodge ) האט געזאגט: „די אמת'ע וויסנשאפט איז א פארהאלט צו אמונה, ווייל די נייע ענטדעקונגען פון די נאטור־סודות פירן צו אמונה אין ג־ט".

---

1) נדה ל'. 2) התלמוד ומדעי התבל, צד קי"א.

3) Methode des richtigen Vernunftgebrauchs, 637.

יום (Hume): — „א גוטע קאָמעדיע איז מער דויערהאַפטיק ווי א סיסטעם פון פילאָזאָפיע".

מיר שטייען נאָך ניט אויף דער העכסטער שטופע פון וויסנשאפט. און די ביזאַהעריקע ידיעות אונזערע האָבן שוין פולשטענדיק באשטעטיקט די ע י ק ר י ם פון טהרת־המשפחה. און זעט. מערקווירדיג, אז די וויסנשאַפט האט לעצטענס פעסטגעשטעלט, אַז ניט נאָר אין די מענסטרואציאָן־צייט מ מ ש. נאָר אויך אין די אזוי גערופענע „ימי ליבון" (אָפּגעציילטע טעג) זיינען נאָך די אָ ר ג א נ ע ן אין א קראנקהאפטן צושטאַנד 1), פונקט ווי דער טויזנטער יאָרן א ל ט ע ר אידישער דין. וועלן נאָך די ווייטערדיקע דערפאָרשונגן און שפּעטערדיקע דורות האפּנטליך, באשטעטיגן אויך איינצעל־דינים. האָבן זיך דאָך אין פארשידענע צייטן געפונען אויך אזעלכע, וואָס האבן זיך ערלויבט צו באצווייפלען זאגאר מאנכע היסטאָרישע דאטען און געשעהנישן פון אידישן פאָלק, ביז פאַפּירוסן און קייל־שריפט־טאָוולן, וועלכע זיינען לעצטענס געפונען געוואָרן ביי פארשידענע אויסגראָבונגן, האבן באשטעטיגט זייער היסטאָרישע ריכטיקייט.

„יבש חציר. נבל ציץ, ודבר אלקינו יקום לעולם" 2). *).

ס'פארטריקנט די גראָז, ס'פארוועלקן די בלומען, דעם מענשענס יוגנט בליהט שנעל אָפּ, זיין לעבן גייט גיך פאָראיבער. („אכן חציר העם"), און ג־טס וואָרט בלייבט אייביג!

---

הערה:

*) בילקוט נמצא על פסוק זה מאמר נפלא: * „יבש חציר נבל ציץ" — אבא תנחום אומר: למה הצדיקים דומים בעולם הזה? לטבלא המקובעת באבנים טובות ומרגליות ו ק ע ר ת י ר ק בתוכה, נטלה הטבלא ונשפך מה שבתוכה — נראה מה שבטבלא...". הצדיקים ההולכים בדרך ה', בדרך התורה מזהירים באמת כאבנים טובות ומרגליות למי שעיניו פקוחות ודעתו יפה, אלא שחפץ התענוגים ומנעמי התבל, הנעימים לפי שעה ומזיקים באחרית, זו „ ק ע ר ת ה י ר ק ", אחרת והם הם החוצצים ומאפילים על הטבלא מושכים רבים לדרך ומעמעמים את זוהר האבנים הטובות והמרגליות. אבל זהו רק לשעה, ויש יום ויש זמן ש ה ק ע ר ה נהפכת על פיה ונשפך מה שבתוכה, ואז נראה מה שבטבלא, נראה זוהר האבנים הטובות והמרגליות.. וכעין זה אמרו חז"ל בספרי (פ' האזינו) על הכתוב „הם קנאוני בלא־אל כעסוני בהבליהם". יש לך אדם עובד לצלם — דבר הרואה אותו, אבל הן עובדין ל ב ב ו א ה, ולא לבבואה בלבד אלא ל ה ב ל זה שעולה מן ה ק ד י ר ה, שנאמר: „כעסוני בהבליהם"... צעירינו הולכים לרעות בשדה אחר אף גם נבלעים בשטף מ י מ י ה ם אך ורק בשביל „ ה ב ל ק ד י ר ה ", בשביל בקשת הלחם ו צ ל ו, בשביל „קערת הירק" ו ב ב ו א ה שלה. אבל יש יום ונהפכה הקערה, ונשפך מה שבתוכה, ונשאר רק ה ה ב ל . . .

1) Prof. Schroeder. Jahrbuch fur Geburtshilfe u. Gynakolgie, 1909 S, 59; Hygienie d. Judgn. S, 08.

2) ישעיה, מ', ח'.

*

און אויב מען פרעגט דאך: „מה בין מים למים!“ און מען זוכט א ריין פיזיקאלישע ערקלערונג, וואלט איך אפילו קענען אפשיקן צו פארשידענע וויסנ־שאפטליכע ארבייטן אפן דאזיגן געביט 1). אבער נאך מיין מיינונג באשטעטיגן זיי אויך נאר די פרינציפן, ניט אבער די פרטיות־דינים. און גיבן אלזא נאך אלץ ניט קיין גאנץ גענויע תשובה.

ווי געזאגט, איז עס ח ו ק י ם, צו וועלכע מ'דארף ניט און מ'קען ניט צוגיין מיט געוויסע נאטור־דערקלערונגן. (זעה ז. 15) אבער מיר זעהען אין די לעצטע צייטן עפיס גאר וויכטיגע ענדעקונגן וועגן וואסער־באשטאנד און וועגן די אונגעהויערע קראפט וואס וואלט בארגעקומען ביי דער מעגליכקייט פון צעזעצונג פון די אטאמען פון א י י ן טראפן. וויפל קראפט און ענערגיע און היץ דאס וואלט פארברייננגן. מיר ווייסן ווי אונגעהויער גרויס עס איז די קראפט פון ראדיום, וועלכעס איז אנדעקט געווארן נאר מיט צענדליקער יארן צוריק. און ס'קומט פון ווייטן גאר יעצט א גרוס, אז פון איינפאכן זאלץ (אט טאקי דער סודות־פולער „ברית מלח“) קען מען ארויסציען גרויסע מענגען ראדיום. און אז פון יערן וואסער קען מען שוין ארויסציען זאלץ — און פון דער אנדערער זייט ווייס מען, אז דעם מענטשנס מארך אנטהאלט פיל ראדיום; א שארבן פון טויזנטער יארן צוריק, אין וועלכן דער מארך איז שוין געווען ווי א שטיינדל, האט מען געפונען אז ער איז נאך רייכהאלטיג פון ראדיום. *) ליינט צונויף דאס אלץ צוזאמען און איר וועט זען, וואס פאר פארבארגענע, סודות־פולע כחות עס ליגט אין וואסער. און מיר זיינען אפשר אפן שוועל פון נייע מערקווירדיגע ענטדעקונגן, וואס וועלן אונז דערקלערן אויך פרטים־דינים.

נאך איינס: ווען מען פרעגט: ברייט און פעסט „מה בין מים למים? וואס איז דער אונטערשייד צווישן וואסער און וואסער? וואסער איז וואסער און אלע גלייך!“ — וואלט געדארפט זיין, אז דער פרעגער, וואס באהויפטעט פעסט: „וואסער איז וואסער און אלע גלייך“ זאל ווייסן קלאר, א ל ץ וואס איז נוגע צו וואסער. חאטש אין פיזיקאלישן זינן: זיין וועזן, באשטאנד, צוזאמענ־זעצונג און אייגנשאפטן. שטעלט זיך אבער ארויס, אז אזוי ווי מיר אלע שטערב־ליכע האבן דאס אויך די דאזיקע פרעגער ביז פאר קורצן ניט געוואוסט. אדער ווייסן עס אפשר צוזאמען מיט אונז נאך איצט אויך ניט גענוי. מען האט שטענדיק געמיינט, אז אלע אטאמען פון איין און דעמזעלבן עלעמענט זיינען דורכאויס פון גלייכן געוויכט. דאס איז געווען א גרונט־הנחה אין דער כעמיע.

---

*) ואפשר דעד"ז אמרו ז"ל (קדושין כ"ט:) אם בנו זריז ו„ממולח“ בנו קודמו, ותמהו רבים מאי פירושו של „ממולח“. ועיי' בהקדמה לנו"ב תניינא של בנו הגאון מוהר"ש ז"ל, שכ' שהחכמי התימיה בזמנו אמרו, שבעלי הכשרונות הטובות מרובה כמות המלח בגופם. ואין הדבר מבורר לי כך.

1) זעה B. Baneth און Dr. S. Weissenberg, Die Hygienie d. Juden S. 28 דארט ז. 86.

אױף װעלכע כ'האָבן זיך געבױט פאַרשידענע בנינים. שפּעטער האָט זיך אָבער אַרױסגעװיזן, אַז די דאָזיקע הנחה איז ניט ריכטיג. עס האָט זיך אַרױסגעשטעלט, אַז אין אײן און דעמזעלבן עלעמענט ניט אַטאָמען שװערערע און לײכטערע. אזוי האָט ערשט אין יאָר תרצ"ג אַן'אַמעריקאַנער בעמיקער יוריי (Urey) אַנדעקט דאָס אַזױ גערופענע „שװערע װאַסער". און עס שטעלט זיך אַרױס אַז עס איז טאַקי יע דאָ אַ אונגעהויערער הבדל בין מים למים אפילו אין פיזיקאַלישן זינן! דאָס שװערע װאַסער אונטערשײדט זיך מיט ד ע ם. װאָס זײן װאַסער־שטאָף־אַטאָם איז דאָפּלט שװער אַלס דער װאַסער־שטאָף־אַטאָם פון געװױנליכן װאַסער. (װאַסער איז צוזאַמענגעזעצט פון װאַסער־שטאָף און זױער־שטאָף); עס זידט נאָר ביי גרעסערע היץ און פרירט נאָר ביי גרעסערע קעלט אַלס געװױנליכע װאַסער. לאָזט אין זיך ניט װאַקסן קײנע געװיקסן, פּאַראַליזירט די באַװעגונגס־פעיאיקייט פון מיקראָאָרגאַניזמען און האָט נאָך אַנדערע אײגנשאַפטן. אמת, דאָס „שװערע װאַסער" איז באַקומען געװאָרן אױף אַ קינסטליכן װעג, איצט אָבער זײנען אױף דעם געביט געמאַכט געװאָרן װײטערע װיסנשאַפטליכע שריט, װעלכע האָבן באַװיזן, אַז אין געװױנליכן װאַסער געפינען זיך אין דער װירקליכקייט אויך קלײנע דאָזעס פון „שװערע װאַסער". אזו װי דאָס „שװערע װאַסער" װירקט זעהר שעדליך אױף לעבעדיקע אָרגאַניזמען, פאַרמוטעט אַ געלעהרטער אַז די „אַלטקײט" איז אַ פאָלגע פון דיזע דאָזעס שװערע װאַסער. װאָס מיר זאַפּן אין זיך אַרײן צוזאַמען מיטן געװױנליכן װאַסער. (אויב אזוי, הייסט עס, װען מיר װאָלטן אָפּרײניגן דאָס געברויכטע װאַסער פון די אין אים אַרײנגעמישטע דאָזעס שװערע װאַסער, װאָלטן מענשן ניט אזוי שנעל פאַרעלטערט און פאַרװעלקט װערן. אַט, װאָס הייסט װאַסער!).

אויב אזוי איז דאָך די אױטאָריטעט פון די פרעגער „מה בין מים למים?" אין דיזער באַציאונג אַ רעכט ביסל געמינדערט. אויב אזוי קען דאָך טאַקי זײן, אַז דאָס װאַסער װאָס איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער מוטער־ערד האָט טאַקי אַנדערע אײגנשאַפטן אַלס דאָס װאַסער אין װאַנע אפילו אין פיזיקאַלישן זינן, שוין ניט רײדנדיק פון געװיסע פאַרבאָרגענע מעטאַפיזישע אײגנשאַפטן.*) אלא װאָס, מיר װײסן נאָך ניט? — מוז מען װאַרטן אַ ביסל. אױף די „שװערע װאַסער" האָט מען אויך לאַנג געװאַרט.

---

הערה:

*) וידידי הרה"ג מוהרמ"צ קלף נ"י הגאבד"ק סלאנט העירני לענין ארס הנדה וטהרתה למתניתין דתרומות פ"ח מ"ה שיעור המים המגולין כו' ר' יוסי אומר בכלים כל שהן [אפילו מרובין] ובקרקעות מ' סאה, הרי זכר למ' סאה לענין ביטול הארס. וממשנה זו אנו רואים דבר נפלא, דוגמא וזכר דבמים תלושים אפילו מרובין אין הארס מתבטל בהם ובמחוברין לקרקע מתבטל. (דס"ל דהקרקע מבטלת כח הארס כשיש בהן מ' סאה). הרי דידעו זאת גם לענין טבעי בארס הנחש שהי' שכיח שם כ"כ דנ"מ בין מים תלושין למחוברין.

איך וויל דא נאך דערמאנען־נאך א וואונדערבארע זאך וועגן וואסער, א זאך וואס וועט אפילו ניט פארענטפערן די געשטעלטע פראגע, אבער וואס צייגט מערקווירדיקע אייגנשאפטן, און ווידער א „הבדל בין מים למים"

דער גרויסער געלערנטער ליביך (Liebig) שרייבט: אין אלע כעמישע דערשיינונגען איז ניטא נאך אזא ערשיינונג, וואס זאל מער איבערראשן און מאכן צו נישט דעם מענשענס חכמה און השכלה, ווי די פאלגענדיקע דערשיינונג. ווען דער רעגן־וואסער שטראמט און גייט־דורך די ערד, און מעג עס אפילו בלייבן אינווייניק א לייננערע צייט, איז ווען ער גייט ארויס צוריק נעפינט זיך אין אים ניט קיין שפור פון פאטאש, אמיאק אדער פאספאר־זויערע, וואס די ערד האט אין זיך אבער זי דארף עס נויטיק האבן צום וואקסטום פון די בויכיער און צמחים, ווערנד אנדערע כעמישע שטאפן ווי שוועבל א. ד. גל., וואס די ערד דארף עס ניט האבן צום וואקסטום פון די צמחים, נעמט דאס רעגן־וואסער מיט. (עס שיינט, אזוי ווי די ערד זאל זיין באוואוסטזיניק און פארהאלטן די שטאפן וואס זי דארף האבן צום אויסטראגן אירע קינדער — די צמחים). דאס איז אבער נאר דער פאל ביי רעגן־וואסער, אנדערע וואסערן אבער, ווי טייך־וואסער א. ז. וו., ווען מ'באגיסט מיט זיי די ערד און זיי בלייבן דארטן עטליכע טעג ציהען זיי אב פון דער ערד אויך אמיאק און פאספאר און די אנדערע שטאפן וואס זי דארף פאר צמחים 1) *). עס שיינט עפעס אזוי ווי עס וואלט הייסן,

---

אגב, קורטוב של הלכה מפרי הרגע, על רישא דמתניתין שיעור המים המגולין כדי שתאבד בהם המרה, ופי' הרע"ב ויודעין היו כמה ארס הנחש מטיל בפעם אחת. והוא תמוה הרי במים מגולין לא חזינן נחש אלא חיישינן שמא שתה מהן נחש א"כ מה שיעור יש לארס של פעם אחת ניחוש שמא שתו שני, שלשה והרבה נחשים. ודוחק לומר בזה קמא קמא בטיל, ועוד דניחוש שמא שתו בב"א. ולפירוש הרא"ש ניחא, ועיי' בטור יו"ד סי' קי"ז שפסק כר"י ואכ"מ.

*) ומצינו לחז"ל בגשמים דברים מופלאים ונעלמים. אין לך טפח שהוא יורד מלמעלן [כשנכנסו גשמים בעומק הקרקע] שאין הארץ מעלה טפחים כנגדו [שרטיבות שבעומק הקרקע נמשכת אליו מלמטה ועולה אז כנגדו טפחים]. א"ר לוי המים העליונים זכרים והתחתונים נקבות 2). כל רואה יראה שדיברו כאן בלשון חכמים, במליצת חדות. ומה נמלץ יהיה לנו אם צחהה בקישור עם הדברים האמורים בפנים — שגם הם מסודות הטבע הנמו —לגשת אל פני הלוט בשנאמר, שידוע ומקובל ששם זכר נמלץ למשפיע ושם נקבה למושפע, זאם מי הגשמים [במאמרנו: עליונים, כמו שפי' בקה"ע ואין זה „מים עליונים" שברכתי אחריתי, כמו בחגיגה ט"ו, ב"ר פ"ד ועוד. ואמרו: רשב"ל אמר אין עננים אלא מלמטה שנאמר מעלה נשיאים מקצה הארץ (ב"ר פי"ג וירושלמי כ:כה פ"א ה"ה),

---

1) הפלס, שנה ה', צד שס"ט. 2) ירושלמי, תענית, פ"א, ה"ג.

אז דעם רעגן, וואס איז אף שטענדיק אוועקגעשטעלט געווארן פון בורא פאר דעם נאטירליכן פאקטאר צו באזעטיגן די ערד, צו העלפן איר באפרוכטונג און וואקסטום. (כאשר ירד הגשם והשלג מן השמים... הרוה את הארץ והולידה והצמיחה) 1). ער האט באקומען דעם אויפטראג ניט צו ברייננען קיין שאדן. ניט אפצוציען קיין זאפטן און שטאפן וואס זיינען נויטיג פאר די צמחים. אנדערע וואסערן אבער, וואס באנעצן די זריעה־שטחים נאר צופעליג אדער קינסטליך (דורך דעם מענטשנס איניציאטיוו) — ניט.

איז עס טאקע וואונדער: „מה בין מים למים"?

דער פאקט איז אבער דאך אזוי!

„ורוח אלקים מרחפת על פני המים"! 2).

* * *

וועגן דעם, ווי גרויס חז"ל זיינען געווען אויך אין נאטור־ידיעות ווי זיי ווערן באנוצט להלכה, איז אנטשטאנען א ברייטע, פארצווייגטע ליטעראטור. אום צו ווייזן אין קורצן, ווי וואונדערבאר עס זיינען די רייד פון חז"ל אויך אין דאזיקן געביט, וועל איך דערמאנען נאר איינס פון די פילע. די חז"ל זאגן: „כל שיש לו קשקשת יש לו סנפיר, ויש שיש לו סנפיר ואין לו קשקשת" 3). ד. ה. ווער עס האט שופן האט אויך פלאסן (איז כשר). עס גיבט ווער עס האט פלאסן און האט ניט קיין שופן (איז ניט כשר). אזעלכע ענליכע סימנים איז דארט און אין אנדערע ערטער אין תלמוד געזאגט געווארן אויך וועגן בהמות, חיות און עופות. און דאס איז ניט גלאט אזוי געזאגט זיך א היפאטעזע אדער א טעאריע, וואס היינט אזוי און דערנאך אנדערש — דאס איז געפסקנט א דין אף אייביג. אז ווען מען געפינט א שטיקל אפגעשניטענע פיש (ניט פון ארט

---

ובמדרש תהלים (פי"ח) הגירסא שנאמר ואד יעלה מן הארץ] — אם מי הגשמים באים רק להרוות את הארץ ובצאתם לא יקחו אתם מאומה מכחה וחילה באופן שהם רק נותנים ולא מקבלים, הרי הם בבחי' זכר, משפיע ולא מושפע. ואם מים תחתונים מתמצית הקרקע אחרת יעשו לינק והמשך אתם בצאתם מיסודות השונים של חיל האדמה הרי הם בבחי' נקבה המקבלת השפעה מזולתה.

עוד לנו מאמר מופלא לחז"ל התותח בתוארו החיצוני עם הדברים האמורים לעיל בפנים ע"ד התגלות מציאות מיני מים שונים בהרכבם ותכונתם, והוא המאמר הקצר: מימי מבול קשים (עבים) וכו' 4).

---

1) ישעי', נ"ה, יוד. 2) בראשית א', ב'. 3) נדה, נ"א. 4) סנהדרין, ק"ח

פון די פלאָסן) איז אויב עס איז דאָ שופּן מעג מען שוין ניצן, ווייל דאָס איז נעווים פון א פיש וואָס האָט פלאָסן אויך. (א פיש איז כשר נאר ווען ער האָט ביידע סימנים: פלאָסן און שופּן). דאָס האָט מען געזאָגט שוין מער ווי 2000 יאָר צוריק. אין ד ע ם משך האָט מען אנטדעקט נייע מעערן, נייע לענדער, טויזנטער נייע מינים פישן, עס זיינען פאָרגעקומען פארשידענע מישונגן אונטער פארשידענע מינים, און דאָך האָט מען נאָך ניט געפונען א פיש, וואס זאל האבן שופּן און פלאָסן ניט. *)

איז עס ניט וואונדער? **)

---

הערה:

*) זהו רק בדגים ולא ב ח י ו ת שבים, שלזה צריך שיכיר שני הסימנים דוקא. עיי' מערני יו"ט חולין פ' אלו טריפות סי' ס"ח אות ה'.

איך וואָלט דאָ וועלן דערמאָנען א ענין, וואָס האָט געטראָפן אין חארקאוו איינינע צענדליק יאר צוריק. איך געדיינק שויז אבער לײדער ניט די נעמען און איינצלהייטן. אין קורצן איז די זאך אזוי: א גרעסערע צאָל מענשן זיינען פלוצלונג קראַנק נעוואָרן אויף איין פאָרם קראַנקייט. ס'איז פעסטגעשטעלט נעווארן א פאַרגיפטונג פון ניט־פרישע פיש. א פּראָפעסאָר פון דאָרטינן אוניווערזיטעט האָט איבער דער זאך פיל געאַרבעט, מאַכנדיק עקספערימענטן איבער פארשיידענע סאָרטן פיש. ער האט אויסגעפונען א געוויסן סאָרט גיפט, וואָס האָט זיך אין אַלע פישן אויסגעאַרבעט, און ר ע ר סאָרט גיפט האָט זיך גראָדע אין כשר'ע פישן נ י ט אויסגעאַרבעט. נאַטירליך, ווערן כשר'ע פישן אין אַלגעמיין אויך פאַרדאָרבן, אָבער י ע נ ע ר געוויסער סאָרט גיפט ארבעט זיך אין זיי געראָדע ניט אוים. מערקווירדיק. דאָס ווייזט עפּיס אז די משפחות פון כשר"ע פיש האָבן עפּיס געוויסע געמיינזאַמע אייגנשאפטן. (דאס איז מיר איבערגעגעבן געווארן מיט יארן צוריק פון ד"ר איסרסאָן, וועלכער איז געווען א סטודענט אין חארקאווער מעדיצינישן פאקולטעט אין דער צייט ווען די אויבן־באשריבענע געשעהניש איז פארגעקומען. דאס איז ווארשיינליך באקאנט אין דער פאך־ליטעראטור. איך קען אבער איצט ניט נאכזוכן).

**) וליודעי דבר אוסיף לרשום בזה עוד מאמרים אחדים, ורק במקצוע שאָנו עסוקים בו, המעידים על עוצם ידיעות חז"ל בהם המפליאות גם היום כל חכמי לב האמיתים.

ההוא שפירא דאתאי לקמי' דמר שמואל אמר הא בר ארבעין וחד יומא וחשיב מיומא דאזלה לטבילה עד החוא יומא ולא הוה אלא ארבעין יומין ואמר להו האי בנדה בעל כפתיה ואודי. (נדה, כ"ה). והוא דבר שלא יכיר גם עתה שום חכם.

איפרא הורמיז אמי' דשבור מלכא שדרת דמא לקמי' דרבא יתיב רב עובדי' סמי' ארחיה אמר לה האי דם תימוד הוא, אמרה לי' לברי' תא חזי כמה חכימי יהודאי. (נדה, כ'.).

אכן, רוח ה׳ דובר בם ומלתו על לשונם.

ג־טס גייסט רעדט אין זיי און זיין ווארט איז אף זייערע ליפן! *)

אבער מיר הערן הארט. פארשטייען שווער און דיינקן אויף אונזער מאניער.

א פאטער ברייננט זיין קינד א שפיל־צייג. א פערדל פון פאפקע. דאס קינד פארקעט נאך אינווייניג, וויל דערגיין װאס טוט זיך דרינען, שנייט עס אויף מיט א מעסער און מאכט מכולה. וואשט עס מיט וואסער. די פאפקע צעקריכט אונטער די הענט און — דאס קינד וויינט.

דער פאבריקאנט פון שפיל־צייג, דער אינזשינער, ברייננט זיין קינד אזא פערדל, פארזאגט אים ניט צו שניידן מיט א מעסער, ניט נעצן. דאס קינד טוט דאס זייניגע, פארדארבט עס און — וויינט. מאכט אים דער פאטער פון צעלאליד. דאס נעמט שוין דער מעסער ניט, פאר וואסער האט עס קיין מורא. ווארנט דער פאטער נאר צו היטן עס פון פייער. פאלגט דאס קינד ניט — דייסט עס אויף, כאכט אים דער פאטער פון מעטאל א מעכאניזם, קאמפליצירט מיט רעדלאך און שרייפלאך, צייגט אים ווי אנצודרייען, ווי זיך צו באגיין דערמיט. טוט אבער דאס קינד פארקעהרט, מאכט עס קאפוט און — וויינט...

און וואס זיינען מיר אלע, אויב ניט קיין קינדער ביי גיט?

און ווי טוען מיר, אויב ניט ווי יענעם קינד?!

דער בורא־עולם, דער מייסטער פון וועלט־אלל, וואס ווייס אלע וואונדער און פארבארגענישן פון זיין וואונדערבאר קאמפליצירטן ווערק, גיט אונז ארויס א רעגלאמענט ווי צו באגיין זיך אין וואונדערליכן לאבירינט פון זיין מייסטער־ווערק, און מיר ווילן טאן דוקא ווי יענעם קינד. וואס טראכט דרייען די שרויפן

---

על הנתוח ליוצא דופן (קייזער־שניט) המוזכר הרבה פעמים אצל חז״ל כתב הפרופ. שרעדער בספרו „לעהרבוך דער געבורטס־הילפע״ לאמר: „הנתוח הזה ידוע מראשית המאה הי״ז, ואם אמנם שאין להכחיש שה„תלמוד״ מדבר כבר אודות זה, בכל זה ספק הוא אם היה ידוע להם מ נ ס י ו ן במציאות או שדברו רק על דבר האפשרות להוציא דינים על מקרים כאלה שיוכלו לקרות״. אבל כל הלומד את הסוגיות בעניינים אלה רואה ומכיר שדיברו כעל דברים מציאותיים בפועל. בכל אופן הרי זה מעיד הרבה מאד. (התלמוד ומדעי התבל. צד נ״א). ועיין בפיה״מ להרמב״ם בכורות פ״ח יוצא דופן והבא אחריו כו׳.

א״ר תנחומא, מעשה בתמרה אחת שהיתה עומדת בחמתן ולא היתה עושה פירות כו׳ א״ל תמרה היא רואה ביריחו והיא מתאוה לה. והביאו ממנה והרכיבו אותה מיד עשתה פירות.

המדרש הזה נדרש עתה כמין חומר מכל חכמי הבוטניקה ופרטיו ידועים כבר. (התלמוד ומדעי התבל. צד מ״ט. הפלס. ח״ג צד קס״ג.)

*) וכך אמרו ז״ל: „וכי משה רבינו קניגי היה או בליסטרי היה. מכאן תשובה לאומר אין תורה מן השמים״. 1) וזה ממש עלינו לומר בנוגע לחז״ל.

---

1) חולין, ס׳:

און די רעדלאך פון שפיל־צייג ווי ע ר פארשטייט עס „בעסער". יע. טאקי „בעסער"... בעסער פאר'ן אינזשינער אליין...

מיר וועלן נאך שפעטער צוריקקערן צום דאזיקן ענין. יעצט וויל איך נאר קורץ באמערקן וועגן דעם טיף מאראלישן ווערט פון די דיני טהרת־המשפחה פארן פאמיליען־לעבן און זייערע אויסווירקונגען אויפן דאזיקן געביט בפרט אוי אויף די עטיק בכלל.

* * *

„היה ר' מאיר אומר: מפני מה אמרה תורה נדה לשבעה. מתוך שרגיל בה קץ בה. אמרה תורה תהא טמאה שבעה ימים כדי שתהא חביבה על בעלה כשעת כניסתה לחופה" 1).

אלו נקראין ולא מתרגמין. *)

ר' מאיר פלעגט זאגן: פארוואס האט די תורה פאראָרדענט דער נדה אפגעשיידט צו זיין די צאהל טעג? ווייל אלס רעזולטאט פון פארט־דויערנדיקער געוואוינהייט און שטענדיקער צוגיינגליכקייט פאלט — לויט מענש־ליכער נאטור—אפ די אינטערעסע און צובינדליכקייט. דורך דער געצוואונגענער געטרענטקייט אבער אין געוויסן, פארהעלטנים־מעסיג לייננערן צייט־רוים, לויט דעם תורה־ פארבאט, בלייבט שטענדיק דער געפיהל פון נייאיקייט און פאלגליך אויך פריערדיקע אינטערעסע און צובינדליכקייט. און דא האנדעלט זיך נים בלויז וועגן אינטערעסע און צוציהליכקייט אן און פיר זיך —ווייל, ווי שוין פריער געזאגט, איז עס פון בורא בשום אופן ניט אוועקגעשטעלט געוואָרן אלס בלויזער פארגעניגן־אביעקט — נאר וועגן דעם אומפארגלייכליך העכערן ציל און רצון הבורא צום ישוב העולם און ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער מענשהייט. ווייל די געגנזייטיגע איבערגעבנקייט און הערצליכע צובינדליכקייט פון די עלטערן (אין אנטשיידענדן מאמענט) האבן א אינאויסמיידליכן, אוננע־הויערן איינפלוס אויף דאס קומענדיקע פרוכט. ווי די חז"ל זאגן 2), אז „בני גרושת הלב". ד. ה. דאס פון האַרץ־געטרענטע (אפגעגייגטע) עלטערן געבארענע

אנמערקונג.

*) אין דער מינדליכער רעדע איז עס געבליבן ניט איבערזעצט. שריפט־ליך אבער דארף עס איבערזעצט ווערן. זעה אנמערקונג זייטע 16. ארויסגעבער.

1) נדה, ל"א: 2) נדרים, כ'.

קינר איז דעפעקטיו (מיט פעהלער באהעפט). *).

דאס איז די דירעקטע אפענע אויסווירקונג פון ד ע ם דין, און נייענריק אין ד ע ר ריכטונג געפינען מיר נאך וויכטיגע רעזולטאטן.

דורך ד ע ם שטרייננן דין איז דער אידישער מענש געווארן דיסציפלינירט, געמעסיגט און געבענדיגט (אונטערגעבונדן), אין דער ליידנשאפט. זעלבסט־דיסציפלין איז די בעסטע שולע און א גליק פארן פאלק. **) דער זעלבסט־דיסציפלינירטער, זיך־באוועלטיגנדיקער מענש איז ניט באשרייגקט נאר פארקעהרט, פריי. חז"ל זאגן: „והמכתב מכתב אלקים הוא חרות על הלחת" 1) — אל תקרא „חרות" אלא „חירות" 2). ד. ה. די שריפט איז א געטליכע, איינגעקריצט אויף די „לוחות". ניט (נאר) חרות — איינגעקריצט, זונדערן חרות — פ ר י י ה י י ט אויף די לוחות, פריי פון ליידנשאפט, פריי פון אויסשווייפונג, ענטקרעפטונג און קראנקהייט ***). דורך ד ע ם דין איז דער אידישער מענש

---

הערה:

*) לא למותר יהי' להעיר בזה, שלנטיית־הלב של ההורים או בחילתם זל"ז יש השפעה גדולה לא רק על הכחות הנפשיים אלא גם על הטבע המוחש. הנסיונות שנעשו בהרכבת מינים אחדים של בעלי־חיים הוכיחו, שיש שנכנס הקו (ספערמא) לתוך הביצה ואעפ"כ עדיין לא נתקיימה ההפראה, לפי שגרעין הביצה בוחל מלהתקרב אל הקו להתלכד יחד. לפיכך — יאמרו החוקרים בלפור, הרטביג ופלמינג — כניסת הקו לתוך הביצה עדיין אינה קרויה הפראה עד התלכדו עם גרעינה. וזהו פתרון החדה של קירוב ההפראה במצב של קירוב דעת ההורים. (וו. זוק, „האם והילד", צד 86). ואם נראה לעתים קרובות הפראה מאונס, י"ל משום סופה ברצון הוא (כתובות, נ"א:), או שיש בחילה עצמית ובחילה תנאית, והתנאיות היא רק מלבר, כלומר חיצונית ביחס להרצוניות הטבעית, קרוב למה שכ' הרמב"ם (גירושין, פ"ב, ה"כ) בכופין להוציא משום דבעצם הוא רוצה בקיום המצוה ורק רצון חצוני מעכב. או שיש שני מיני רצון, יש רצון מרכזי בהכרה, כלומר רצוניות מהכרה המרכזית, ויש רצון מתחת לסף ההכרה, שהוא לדידי רצון האברים החלקיים, עיי' לקמן צד 69 בהערה. ואח מאחת מאלה כבר מאפשרים ההפראה.

**) בדומה לזה אמרו ז"ל: אדם שיש בו מע"ט ולמד תורה למה הוא דומה? לסוס שיש לו כלינס (רסן) ושאין בו מע"ט רומה לסוס שאין לו כלינס, כיון שרוכב עליו זורקו בבת ראש. 3)

הערה:

***) מענין הוא, שחוקר אחד ברורנו (ה. ברגסון בספרו Les deux sources de la morale et de la religion) הגיע כאיזה צד דמיון לרעיון זה מבחינה אחרת. הוא אומר: „המוסר החברותי מ ק י ל על חיינו ואינו מכביד עלינו, כפי סברת רבים. החברה החליטה במקומו של היחיד את

---

1) שמות, ל"ב, ט"ז. 2) אבות, פ"ו. 3) אדר"נ, פכ"ד.

(ווען ער באפאלגט עס) געווארן מאראליש ריינער. אזוי צו זאגן געוויסערמאסן אנטטהירט (אויסגעראטן די חיה פון זיך); די נידעריקייט 1) געוויסערמאסן געאיידעלט און — געקרוינט מיטן ארעאל פון מצוה און טהרה — אין געוויסן זין אידעאליזירט; ביי העכערע מענשן — אבסטראהירט אין געדאנקן און געפיהל — דערגרייכט אויסערסטע צניעות, טהרה און קדושה 2). (די פסיכאלאגישע און מיסטישע קשרים (צוזאמענהאנגן) זיינען ניט צו נעגירן).

דורך דעם אלץ און נאך א רייה דינים האט זיך אויסגעבילדעט דער הייליגער אידישער פאמיליען־לעבן ווי א אידיליע, וואס מ'זעט ניט און מ'האט ניט געזען ביי קיין אומה ולשון. ווי שווער ס'איז צייטנווייז ניט געווען דעם אידנס לעבן, האט ער שטענדיק געפונען טרייסט און גליק אין קרייז פון זיין פאמיליע. ווי שווער עס איז ניט געווען דער מצב, זיינען שטענדיק דער אידישער מאן און די אידישע פרוי געווען די גליקליכסטע אין זייער פאמיליען־לעבן. דארט האבן זיי געפונען רוהע און גליק, טהרה און קדושה, ביז די חז"ל זאגן אזוי ווייט: „איש ואשה, זכו — שכינה ביניהם, לא זכו — אש אוכלתן" 3), ד. ה. מאן און פרוי, האבן זיי זוכה געווען, לעבן זיי א ריינעם לעבן (זך הייסט ריין, ווי „זכיתי לבי" 4)) – רוהט די שכינה צווישן זיי, האבן זיי ניט זוכה געווען, לעבן זיי ניט קיין ריינעם לעבן*) — ווערן זיי פון פייער פארצעהרט. (אפשר איז אנגעוואונקען אויך אף דעם „אש בנעורת" 5) אליין).

די פאמיליע איז די ערשטע צעלע פון פאלקס־קערפער, די ריינהייט — איר צעמענט. איז די גרונט־צעלע ריין, שטארק צעמענטירט, קען אויף דעם געבויט ווערן דער פאלקס־בנין. דעריבער איז דורכן אויפבוי פון געזונטן פאמיליען־לעבן אויך געלייגט דער פונדאמענט צום פאלקס־לעבן.

•

---

רוב החלטותיו. היא פרקה מעליו את עול ההכרעה. היא סללה לפניו את מסילתו. עול־מילוי־פקודת־המוסר אינו על הרוב קשה. להיפך: אין אנו מרגישים בו כלל אחר שהורגלנו כו'". („הוגי הדור", צד 168). ואני אומר, אפילו בזה כבר קדמהו כתוב מפורש: „אשרי אדם עוז לו בך מסלות בלבבם" 6). אשרי האדם אשר יעוז במעוז ה' ותורתו, כי בכל מקרי החיים לבו לא ינוע כנוד הקנה ולא יקלע בקלע הספיקות, כי מסלות מסלות בלבבו על פי חוקי התורה שאינו מהרהר אחריהם והכל מובן לפניו כשלחן ערוך. וכך אמרו חז"ל: „מסלות בלבבם" — אלו דשבילין דאורייתא כבישין בלבהון 7). אמנם זהו אושר לאדם. „השלך על ה' יהבך" 8).

*) אם ישנו ענין לשרפה תנהו ענין לאיסורא... (מליצה ע"ד אמרם ז"ל ביבמות צ"ה.)

---

1) מורה נבוכים, ח"ג, פ' ס"ס. 2) זעה נדרים, כ'. או"ח סי' ר"ם.
3) סוטה, י"ז. 4) משלי, כ', ט'. 5) סנהדרין, ל"ז.
6) תהלים, פ"ד, ו'. 7) ויק"ר פי"ז. 8) תהלים, נ"ה, כ"ג.

זיינען אָבער געקומען די יונגע ניי־מאָדישע און גענומען רייסן פון אידישן הייליגטום א שטיק נאָך א שטיק. א ציגל נאָך א ציגל. ביז מ'האָט דעם פאַמיליען־לעבן אויך צושטערט. זעלטן וואו מ'געפינט היינט די אידישע קדושה. זעלטן וואו די הייליגע ריינקייט און טרייהייט. ווייל מ'האָט אנגעהויבן רייסן צוערשט די „טהרת המשפחה" און דאן איז עס געגאנגען ווייטער און ווייטער... ווייל אזוי איז דער כאראקטער און רעזולטאַט פון ברעכן. ווי די חז"ל זאגן 1): „אל גנת אגוז ירדתי" – למה נמשלו ישראל לאגוז?... מה אגוז זה את נוטל אחד מהכרי וכולן מדרדרין ומתגלגלין זה אחר זה. כך הן ישראל. ד. ה. „אידן זיינען געגליכן צו א נוס־הויפן (קופע). אזוי ווי ביים נוס־הויפן ציהסטו ארויס איינעם קייקלען זיך אלע נאָך איינס נאָכן אנדערן. אזוי אויך אידן". אזוי די אידן. אזוי זייער תורה... רייסטו פון איר טיילן, קייקלען זיך אויך אנדערע טיילן נאָך — אויך יענע טיילן וואָס די צושטערער אליין פארשטייען אויך זייער וויכטיקייט. אויך יענע טיילן וואָס די צושטערער ווילן אויך זיי זאָלן בלייבן. האָט עס אָבער ניט... ככל של אגוזים. ווי א נוס־הויפן פאלט עס איינס נאָכן אנדערן... *) זיי האָבן זיך אזוי געקייקלט און געקייקלט ביז זיי האָבן זיך דערקייקלט צו העסליכסטע סצענעס. וואָס מ'האָט אמאָל בשום אופן ניט געטראָפן צווישן אידן. זיי האָבן זיך דערקייקלט צו פארשידענע העסליכקייטן אפילו ביז צו פארשפילן די אייגענע פרוי אין קאָרטן. (דערציילט מאַקע לעצטנס די פרעסע פון אזא שענדליכע מעשה, דורך וואָס די אומגליקליכע פרוי האָט באַקומען א שטאַרקע נערוון־אַטאַקע). אזעלכע און ענליכע פאלן, איינער מיאוס'ער פאַרן אנדערן, זיינען צו אונזער חרפה ניט פאראיינצעלטע און ליידער — וואָלט איך זאגן — ניט די לעצטע, ווען ניט „רבים ישתו לימא, רבים ישתו לא לימא" 2) עס איז א שאנדע צו ריידן, א מצוה אָבער אידישע פרויען זאָלן עס נאָכבאַרשן און וויסן, בכדי צו איבערציינגן זיך וואוהין עס האָט געפירט דער דרך התורה און וואוהין עס פירן אנדערע וועגן **); צו וויסן ווי מ'ברעכט דעם אידישן פאַמיליען־לעבן און ווי מ'צושטערט זיין קדושה; בכדי ווי מעגליך פארהיטן זיך: זייערע מענער און הויפטזעכליך זייערע קינדער, וועמענס ערציאונג ס'איז זיי אָנפאַרטרויט. זאָלן זיי זיך באַמיען אפשר וועט זיי געלינגן כאָטש א ביסל צו פארבעסערן דעם מצב, כאָטש א ביסל פארצאַמען די פרצות. אזוי ווי זייערע גרויס־מוטערס אין דור המדבר. ווי די חז"ל זאגן: „אותו הדור (של מדבר) הנשים

---

*) ואמרו רז"ל: ע"י שהאשה זו מתעצלת מלכסות את עצמה כראוי ימך הסקרה כו' 3) עיי"ש.

**) חז"ל אמרו: „נביא מקרבך וגו' יקים לך" — ולא לעו"א. ומה אני מקיים „נביא לגוים נתתיך"? בנוהגין מנהגי גוים" 4) הרי דאלו אינם כדאים לשם ישראל.

---

1) שהש"ר פ"ו. 2) כתובות, ח': 3) ויק"ר, פי"ט. 4) ספרי פ' שופטים.

היו גודרות מה שאנשים פורצין" 1) — אין יענעם דור פלעגן די פרויען פאַרצאַמען וואָס די מענער פלעגן אויפברעכן.

היט אַלזאָ די גאַנצקייט — זאָנסט איז מען פאַרלאָרן!

ריטעלט ניט, ברעכט ניט, רייסט ניט קיין שטיקער. זייט ניט קיין ברוך־שטיק־חכמים, זייט ניט קיין פראַגמענטן־געלעהרטע. יעדער שטיק איז ניט אַליין־שטייענדיק, זאָנדערן אַ טייל פון אַ גאַנצער געביידע אין וועלכער ער ווערט טרעפליך איינגעפאַסט, אַ טייל פון אַ פרעכטיגן בנין וועלכער נעמט סיסטעמאַטיש אַרום דעם גאַנצן לעבן. איינער אַ גדול האָט דאַרויף טרעפענד אַנגעפירט דעם מאמר חז"ל: „שוטה, ולא תהא תורה שלימה שלנו כשיחה בטלה שלכם". 2) — זאָל ניט זיין די גאַנצע תורה ווי אייער איינציגע אונהאַלטבאַרעס גערייד 3). תורה שלימה, גאַנצהייט.

* * *

אַבער, ווי געזאָגט, איז נישט דאָס דער הויפט־צוגאַנג צו די דערקלערונג פון מצות התורה. די טעמים פון דער.תורה זיינען נסתרים. פאַר אונז איז נאָר אויפגעדעקט געוואָרן אַ קליין שטיקל ברעג פון סודות-פולן פאַרהאַנג. און ווען ר' מאיר פלעגט זאָגן: מפני מה אמרה תורה א. ז. וו., איז דאָס אויך ניט געמיינט אַלס דעם איינציקן גרונט־טעם, זונדערן אַלס איינער פון די נעבן־טעמים. *).

---

הערה:

*) וזה לשון החינוך (מצוה קס"ו) שכ' על מאמר זה: ורז"ל אמרו בנדה ע"צ הפשט ר"ל שכיוונו לגלות א' מן התועלת הגדול שיש במצוה מלבד רוב העיקרים הגדולים וחזקים שבה עכ"ל. ונראה לי שהוא על דרך אמרם ז"ל: אחת דבר אלקים שתים זו שמעתי — מקרא אחד יוצא לכמה טעמים 4). ואמרו עוד: ה' יתן אומר המבשרות צבא רב — כל דיבור ודיבור שיצא מפי הגבורה נחלק לשבעים לשונות. תנא דבר"י וכפטיש יפוצץ סלע — מה פטיש זה נחלק לכמה ניצוצות אף כל דיבור שיצא מפי הקב"ה נחלק לשבעים לשונות 5). וכבר נתקשו רש"י ותוס' בביאור מאמר זה, שמדמה ד"ת לפטיש שמחלק לכמה ניצוצות כך מקרא אחד לכמה טעמים, והרי אין הפטיש מתחלק לניצוצות אלא הסלע? ורש"י ז"ל בשבת פירש „מה פטיש מתחלק הסלע על ידו לכמה ניצוצות". והוא דחוק דהו"ל לומר מחלק ולא מתחלק. והתוס' הקשו נמי על פירוש זה שהד"ת נמשלו בקרא לפטיש והם

---

1) תנחומא, פ' פנחס. 2) ב"ב קט"ז. 3) גיסי הרה"ג ר"א. פרלמן נ"י.
4) סנהדרין, ל"ד. 5) שבת, פ"ח.

באזונדערס ביי די דינים פון נדה וזבה. וואס די תורה רופט עס, אן „טומאה" און שטעלט עס אין דער רייה פון די איבריגע „טומאות" *) — און „טומאה" איז שוין א באגריף ניט קיין פיזישער נאר א גייסטיגער, א רוחניות'דיקער — קען מען געוויס ניט צוגיין מיט אזא מעטאר.

---

עצמם מתחלקים לכמה טעמים ואינו דמיון גמור. כמו"כ אינו מדוקדק לי מה שתפסו ז"ל לשון „ניצוצות" ולא נקטו לשון „חלקים" לומר שמתחלק לחלקים הרבה. ולי נראה בכוונתם, דאף שמקרא אחד יוצא לכמה טעמים, בכ"ז בודאי עיקר כוונת המקרא הוא כפשוטו ואינו יוצא מ י ד ו לעולם, והטעמים האחרים הם רק כדברים צ ד ד י י ם הבאים ממילא. כזה שמעלה פנס בכדי להאיר רק פנה אחת בחדרו שממילא הוא מפיץ קרנים גם על כל סביביו. שכן הוא מטבע האור שאינו מצטמצם רק במקומו אלא מפיץ קרנים גם למרחוק ובמקום נפלם יהיה אור בהיר. וההולכים מרחוק ותועים בליל חשך ואפלה ומגששים כעורים בלי מצוא דרך בערבות מדבר כי יגיע אליהם שביב אור מבעד אשנבי החלון ילכו לאורו ויגיעו למקום מושב וינצלו. ואם באש נשמי כך שהוא אחד מאלפי רבוון משרתיו של מי שאמר והיה העולם, בדברות של הקב"ה שהן מקור האורות עאכו"כ. וע"ז נמלץ יפה „וכפטיש יפוצץ סלע", שהבא לפוצץ סלע ע"י פטיש עיקר כוונתו הוא רק לפוצץ את הסלע לשבבים. אלא שאגב אורחא מוציא הפטיש גם ניצוצות אש ואור רבים, כך מקרא אחד מלבד פשוטו העיקרי וכוונתו המיוחדת יוצאים ממנו קוי־אור למרחק ומתחלק לכמה טעמים להאיר הארות רבות על ענינים שונים ולהפיץ נונה מרובה, ללמוד ממנו יסודות ועיקרים, דבר מתוך דבר וללמד בינה עמוקה.

כך גם בדידן אין מקרא זה יוצא מידי חוקיותו אלא שיחד עם זה אנו למדים ממנו חוקות חיים וארחות יושר והי' ר' מאיר אומר כו'.

הערה:

*) ולפרש את דברינו נאמר, דלא זו בלבד ש י ש בה טומאה אלא די"ל שכל האיסור של ביאת נדה מיוסד רק בטומאה בלבד. דהנה בנדה וזבה בודאי איכא טומאה, דשתי פרשיות שלמות הן בתורה (ויקרא, ט"ו) מדיני טומאות הנדה והזבה. אולם באיסור הביאה על הנדה האמור בפרשת עריות (שם, י"ח) ואל אשה בנדת טומאתה לא תקרב לגלות ערותה יש להסתפק, אם הוא תלוי בענין הטומאה של הנדה ואלו הי' מצויר שתהא נדה (זבת דם) בלא טומאה לא היתה הביאה אסורה, או דילמא דאיסור הביאה אינו תלוי כלל בענין הטומאה אלא הוא ענין בפ"ע כשאר העריות, ואפילו אם לא הי' בנדה טומאה נמי הי' חייב על ביאתה. ויש להעיר ע"ז ממ"ש במדרש תהלים (קמ"ו) ומהו מתיר אסורים אין איסור גדול מן הנדה שהאשה רואה דם ואסרה הקב"ה לבעלה ולעתיד לבוא הוא מתירה [שנאמר] וגם את הנביאים ואת ר ו ח ה ט ו מ א ה אעביר מן הארץ ואין טומאה אלא נדה שנאמר ואל אשה בנדת טומאתה [לא תקרב

דער רוח־הטומאה ווערט אָרעפּגעצויגן אויף דער פרוי און אויף דעם מאַן, אָבער צום ערנסטן איז ד אָ ס, וואָס דער רוח־הטומאה ווערט אַרויפגעצויגן אויך אויף דאָס באַשאַפענע קינד.

---

לגלות ערותה]. והוא פלא, שלאמרו אין טומאה אלא נדה מביא ראי' ממה שנאמר בפרשת עריות ואל אשה בנדת טומאתה וכי סניא לי' פרשה שלמה מענין הטומאה שנאמר בה. ולפמ"ש יש לומר דממה שכתוב וגזת רוח הטומאה אעביר נדע רק שלעתיד לא תהא הנדה מטמאה אבל עדיין אפשר שתהא אסורה בביאה שאין איסור הביאה תלוי בטומאה ואין כאן התרת איסורים. לזה הביא את הכתוב מפרשת עריות באזהרת ביאת הנדה שגם בזה נאמר בנדת ט ו מ א ת ה לא תקרב ומוכח דאיסור הביאה תלוי ומקושר עם ענין הטומאה ואם אין טומאה אין איסור ביאה. וא"כ לע"ל שיועבר רוח הטומאה ממילא הותרה הביאה. ואמנם עדיין יש לדייק. דא"כ אין כאן התרת איסור אלא שינוי המציאות ובכה"ג גם בזה"ז הוה מותרת. אלא שאין זה אלא לחידודא לפי שקשה לדייק כ"כ באגדה כבסגנון ההלכה.

אולם הענין הזה יוצא מעל גבולות האגדה ונכנס לגבול ההלכה. דמצינו להראב"ד ז"ל דיש חילוק בין ענין הטומאה לענין איסור הביאה, שכ' דפולטת ש"ז סותרת רק לטהרות בלבד אבל לבעלה אינה סותרת. והרא"ש בריש פ' בנות כותים חולק עליו וכתב שדברים תמוהים הם היאך תסתור לחצאין שעלו לה ימי ספירתה לבעלה וטהורה לשמש ואסורה לטהרות ולקודש ולמקדש. ויותר מזה העיר רב א' להתוס' ב"ק (י"א, ד"ה דאין) וז"ל וא"ת כו' אי ברה"ר אפילו בחד ספקא מטהרי ואי ברה"י אפילו בס"ם נמי טמא כו' וי"ל דשמעתין איירי לענין לאוסרה על בעלה עכ"ל. והרב בשב שמעתתא (שמעתא א' פי"ב) ביאר כוונתם דנדה לבעלה אינו משום טומאה אלא מה שאסורה לבעלה הוא משום א י ס ו ר נדה שבה והו"ל כשאר איסורי תורה ואין בהם חילוק רשויות ובספק אסור ובס"ס מותר עכ"ד.

האומנם דאם נתפוס כן רק מצד הכרח של קושיית התוס' לא איריא ויצא לן דבפלוגתא דרבוותא היא שנויה. דהרא"ש בשמ"ק תירץ לקושייתם דלא ילפינן מסוטה אלא ספק מגע ולא ספק ראיי' דבזה דינה ככל איסורי תורה. שכן היא גם שי' התוס' בנדה (דף ב'. ד"ה מעל"ע ודף י"ז: ד"ה ואין שורפין) ושאר ראשונים, ולדידהו שוב אפשר דיסוד האיסור הוא בטומאה. אבל דרך זו לא ניחא לי דמלשון התוס' משמע דלאו מכח קושייתם הכריחו לה אלא כמילתא דפשיטא קאמרי לה. ואין לנו לעשות בזה מחלוקת בין הראשונים בלי יסוד.

אולם כה דייקינן פירתא אשכחנא דלית מכאן פירכא והביאור בדברי התוס' אינו לגמרי כהש"ש דאבוי הנדה אינו משום טומאת שהרי מקרא מלא הוא ואל אשה בנדת ט ו מ א ת ה לא תקרב ופשוטו שהאיסור נתלה בענין הטומאה ואל"ה הזכרת הטומאה מאי עבידתא הכא. וכ"ת לסמן היא באה מה היא נדה, הטרם ידענו נדה מהי. (ועיי' ברמב"ן זיקרא י"א פסוק י"ט שכתב והוא שאמר בנדת טומאתה כו' כי יזכיר בה לעולם טומאה). ונראה לומר, דהתוס' נזיר (ג"ז.

ווען ס'קומט א פראָסט קענען דאָס רוב אַלטע בוימער אריבערטראָגן, א בליאַכין אָבער קען אַפילו דעם קלענסטן ווינטל ניט איבערטראָגן. אזוי איז עס אויך ווען עס הויבט זיך אָן וועבן א נייער וועזן, א נייער לעבן, קען יעדער לייכטער הויך עס שעדיקן. און אזוי פּרעסט זיך אין אים אריין דער רוח־הטומאה מתחלת יצירתו, פון ערשטן מאָמענט פון זיין אנטשטייאונג, ווי מיר געפינען אין גמרא אלס גרויסע חומרא (נאָכטייל) „יצירתו בעבירה" 1). ווייל די „תחלת

---

ד"ה באומר) הקשו באומר ראיתי טומאה שנזרקה ביניכם דהוי ספק טומאה ברה"י ומ"מ חייבין בגילוח רק מספק ואמאי לא נימא ספק טומאה ברה"י טמא ודאי ויתחייבו בגילוח מתורת ודאי, ותירצו דכיון דא"א ששניהם נטמאו אינו דומה לסוטה. וק"ק דלפי"ז בספק טומאה באחד יהי' כל דיני נזיר טמא עליו וחידוש הוא. ונראה לומר, דענין ספק טומאה ברה"י ספקו טמא ודאי הוא רק דין ב ד י ן הטומאה שהטילה עליו תורה ד י ן טומאה וודאית אבל עצם המעשה עצמה במציאות נשאר בספק, וה"ה ברה"ר שספקו טהור סילקה התורה מעליו ד י ן הטומאה אבל המעשה במציאות נשאר בספק. ולכן בנזיר דבעינן לגילוחו דוקא אחת מהי"ב טומאות לא מהני מאי דהתורה הטילה עליו דין טומאה וודאית, דכיון דבעצם המעשה ספק הוא אם יש כאן אחת מהי"ב טומאות ה"ז רק ספק, ומה שהתורה אמרה שיהא הספק כוודאי הוא רק ענין מחודש בפ"ע, כלומר דין טומאה וודאית שנולדה מהספק טומאה שבמציאות וזהו דין טומאה חיצוני שאינו נכלל במציאות בהי"ב טומאות. והגע בעצמך, ספק מת בבית ונכנס הנזיר לתוכו אם באמת אין שם מת במציאות, טומאת ודאי יש כאן שהרי התורה אמרה יהא טמא, אבל מת אין כאן, ועל דין טומאה בלא הדבר המטמא מהי"ב טומאות אין נזיר מגלח. (וכמדומה ששמעתי כעין זה משם ש"ב מו"ר הגאון מאוה"ג הגרח"ס זצ"ל). ומעתה הדרך פנויה לפנינו, דמדאמרה תורה בנדת טומאתה לא תקרב בודאי תלתה איסור הביאה בענין הטומאה, אבל לא ב ד י ן הטומאה אלא במציאות הטומאה כמו שהיא. ולכן דיני הטומאה ודיני איסור הביאה שבנדה (אע"פ שיסודם אחד) נפרדים הם זמ"ז, דבספיקותיה ברה"י לענין דיני הטומאה הטילה עליו תורה דין טומאה וודאית (והוא לגבי המציאות כדין חיצוני), אבל במציאות טומאת הנדה בעצם היא רק בספק, ולכן איסור הביאה שתלוי ב מ צ י א ו ת הטומאה נשאר ג"כ רק בספק. ולהיפוך ברה"ר אע"פ שהתורה סילקה מכאן דין הטומאה בתור ודאי זהו רק בנוגע ל ד י ן הטומאה אבל במציאות נשארה הטומאה (כעצם בפ"ע) בספק 2) ולכן לענין איסור הביאה הוא עומד בספק איסור. ונמצא דבאמת איסור הביאה תלוי ומקושר בענין הטומאה כדברינו, אבל לא ב ד י ן הטומאה אלא במציאותה, וזהו שלא כדברי הש"ש בחלקם. ועפי"ז ניחא גם מהא דהראב"ד, דפולטת שסותרת רק יום אחד איתה כבר מטומאת הנדה בעצם אלא דין סתירה הוא בפ"ע, ולכן הוא

---

1) קידושין, ע"ח. 2) עיי' ע"ז ל"ז: הא מיא בשיקעתא.

יצירה" (דער אנפאנג ענטשטייאונג) איז נאך אזוי ווייניג קערפערליכעס, אזוי היוליש, כמעט ווי גייסט, טענדענץ, וואס שטייט יענזייטס פון יעדער אויסערליכן מאטעריע־אויסדרוק, (ווי מיר וועלן שפעטער דערמאנען), און גייסט ווערט לייכטער נתמזג (דורכגעמישט, פאראייניגט) מיט'ן רוח־הטומאה, וואס איז אויך גייסט, און עס בלייבט אזוי אפן גאנצן לעבן אין אים באהעפט דער רוח־הטומאה.

אין סוף פון דער פרשה (אבשניט) פון פארשידענע „טומאות" שטייט אין דער תורה 1): „והזרתם את בני ישראל מטמאתם ולא ימותו בטמאתם בטמאם את משכני אשר בתוכם", ד. ה. און איר זאלט אפשיידן די אידן פון זייער טומאה, זיי זאלן ניט אומקומען (שטארבן) דורך זייער טומאה, אינדעם וואס זיינען מטמא מיין משכן (רוה־שטעטע), וואס א י ן ז י י. די ראזיקע ווערטער זיינען געווענדעט אויך אויף נדה און זבה, וועגן וועלכע עס האנדלט זיך דארט פריער אין דער פרשה, און אויך אויף ד ע ם איז געזאגט געווארן „בטמאם את מ ש כ נ י" אין זין ווי די חז"ל זאגן 2): „שלשה שותפין יש באדם: הקב"ה ואביו ואמו, אביו מזריע כו' והקב"ה נותן בו רוח ונשמה כו' ובינה והשכל", ד. ה. „דריי שותפין זיינען אין מענשן: הקב"ה און פאטער און מוטער . . . און הקב"ה גיט אין אים גייסט און נשמה . . . פערשטאנד און פערנונפט", און ווען מ'ציהט אויף דעם קינד ארויף א רוח־הטומאה איז מען מטמא אויך דעם חלק פון הקב"ה, ד. ה. די נשמה מיטן גייסט און ריין פערנונפט־פייאיקייטן. „ולא ימותו" בכדי זיי זאלן דורך דעם ניט שטארבן, ענטוועדער בוכשטעבליך — שטארבן ממש — אדער אפשטארבן אין גייסטיגן זין דורכדעם וואס מ'איז מטמא דעם חלק ה', „משכני אשר בתוכם", מיין הייליגטום (בית המקדש) וואס א י ן זיי", אין זייערע הערצער, אין זייער גייסט. *) ווי דער אלשיך זאגט: „ונתתי משכני ב ת ו כ כ ם" 3), ד. ה. אין די ריינע אידישע הערצער, דארט איז א משכן פון הקב"ה. **) און ווען

---

שייך רק לטהרות ולא לבעלה שאיסור הביאה תלוי רק במציאות עיקר הטומאה שבנדה. ויש בזה אריכות דברים ואכ"מ.

*) כמו"כ יש לפרש מה שכתוב בנותן זרעו למולך: „והכרתי אתו מקרב עמו כי מזרעו נתן למלך למען ט מ א א ת מ ק ד ש י", שהכוונה נ"כ למשכן ה' שבלבות בני ישראל. (ועיי"ש בתו"כ וברש"י ורמב"ן).

**) המאמר הזה ידוע לי מהאלשיך ז"ל, ובפי העולם שגור כמאמר חז"ל עה"כ „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", בתוכו לא נאמר אלא בתוכם כו'", ולא מצאתי כן לחז"ל, ובאלשיך פ' תרומה על כתוב זה כ' „בשום לב אל אומרו ושכנתי בתוכם ולא אמר בתוכו . . . שמעתי לומדים מכאן שעיקר השראת שכינה באדם הוא ולא בבית מאומרו בתוכם", הרי שלא ידע ממאמר חז"ל כזה.

---

1) ויקרא ט"ו ל"א. 2) נדה ל"א. 3) ויקרא כ"ו, י"א.

מ'ציהט אויף דעם ארויף א רוח־הטומאה ווערן די העכערע גייסטיגע קרעפטן אטראפירט.

און אויסער די פארבארגענע קדושת רוח ישראל (הייליגקייט פון אידישן גייסט) ווייסן מיר אלע ווי גרויס און וואונדערבאר עס זיינען אויך די אפענע אידישע אינטעלעקטועלע כשרונות (פייאיקייטן). ווען אפילו זייענדיק נע ונד. וואלגערנדיק זיך טויזנטער יארן אין גלות און ווייקנדיק זיך אין צרות. גלאנצן נאך ביי אונז אזעלכע געוואלדיקע כשרונות, א פשיטא שוין אין די גוטע, רוהיגע צייטן ווען מיר זיינען געזעסן אין אונזער הייליקער לאנד איש תחת גפנו ותחת תאנתו. (אין פרידן און אין רוה). זיינען דאך די אידישע כשרונות געווען אונגעהויער גרויס, די אייביגע נביאים. די וועלט־לויכטן, דער רוח הקודש. די חכמה ודעת.

און פון וואנען קומט עס צו אונז אלץ מער פאר אנדערע? צי זיינען מיר דען אנדערש באשאפן? „הלא אב אחד לכלנו, הלוא קל אחד בראנו״ ? 1) ד. ה. שטאמען מיר דען ניט פון איין פאטער ? האט אונז דען ניט איין ג־ט באשאפן ?.

איז דאך דאס נאר דורכ'ן כח התורה, הקדושה והטהרה, דורך דעם וואס פיל דורות זיינען ערצויגן געווארן אויף די קריסטאל־ריינע קוואלן פון דער תורה, אויף אירע דערהויבענע אידעאלן און הויכע פרינציפן, וועלכע האבן געשליפן זייער גייסט און מדות, געשארפט זייער מוח און כשרונות, דורך דעם וואס פיל דורות האבן אין זיך איינגעזויגן דעם רוח הקדושה והטהרה, היושר והצדק און האבן עס פארערבט די קומענדיקע דורות. *) ווען אבער, ח״ו, מיר גייען אוועק פון מקור־חיים, ווען מיר גייען אוועק פון די דאזיקע לעבנס־קוועלן, ווען ח״ו מערערע דורות טראגן אריין א הפסק, וועלן, חלילה, מיט דער צייט בטל ווערן אידישע יתרונות, ס'וועט זיך אויסוועפן דער אידישער גייסט, עס וועלן פארשווינדן די אידישע כשרונות... **).

---

*) וכך אני דורש את הכתוב: „שם שם לו חק ומשפט ושם נסהו״ 2), שע״י החק ומשפט שנתן לו נסהו: נשאו ורוממו. וכך אמרו חז״ל: „והאלקים נסה את אברהם״ — ריה״ג אומר: גדלו כנס הזה של ספינה 3).

**) דער נביא רופט די כנסת־ישראל „בת גלים״ 4). די טאכטער פון וועלן (אינדעך). זאגן אף דעם די חז״ל: „מה גלים הללו מסוימין בים כך אבותיהם מסוימין בעולם״ 5). — ווי די וועלן ראגן (טארטשען) ווי בארג־שפיצן אין ים, אזוי ראגן דיינע עלטערן ווי בארג־שפיצן אין דער וועלט.

בת גלים! זאלאנג מ'איז א וועלן־טאכטער. בת גלים, . . . „כיון שעבר עליה הגל טהורה״ 6).

---

1) מלאכי, ב׳, י׳. 2) שמות, ט״ו, כ״ה. 3) ב״ר, פכ״ה. 4) ישעיה י׳, ל׳.
5) איכה רבתי, פתיחתא. 6) מקואות, פ״ז, מ״ז.

* *

*

פאר די וואס ווילן אבער ניט בלויז מילי דשמיא. הימל־זאכן ד. ה. פאר די וואס ווילן דווקא די מילי דשמיא דערקלערן מיט מילי דארעא. ווי יענער טייעא האט געזאגט: „תא ואחוי לך היכא דנשקי ארעא ורקיעא אהדדי 2). ד. ה. קום, איך וועל דיר ציינן, וואו ס'קומען צוזאמען הימל מיט ערד — און ניט אויפהויבנדיק די ערד צום הימל נאר פארקערט, אראפשלעפנדיק דעם הימל צו דער ערד... — פאר די, וואס דער ענין פון רוח־הטומאה שמעקט זיי צופיל מיט מילי דשמיא, מיט מעטאפיזישעס — וויל איך זאגן עטליכע ווערטער. *).

---

נאטירליך, ניט צו באפרידינן זיי אויף הונדערט פראצענט — אויב זיי ווילן אבסאלוטע באווייזן, אבער בארוהינן זיי וויינינסטענס דורך שיקליכע היפאטעזע — אויב זיי ווילן דערקלערונג. (מ'מוז אונטערשיידן צווישן די באגריפן: באווייז און דערקלערונג). זיינען דאך אימער פילאזאפישע סיסטעמען און דערקלערונגן אפן מעטאפיזישן געביט נאר פון היפאטעטישן כאראקטער און נים (ווי ביי עקזאקטע וויסנשאפטן) מאטעמאטיש נעדרונגן. **).

---

*) אעפ"י שלא לי המלאכה. כדרך שאמרו כלך כו'. נחוצה היא להמשך הדברים ורושמיהם ומתוברה לטהרה. ודנתיה כאמרם ז"ל במקום שאין אנשים השתדל כו'. ותשובה זו לא ללמד על מקומה בלבד יצאה אל ללמד גם על מקומות אחרים. גם על הכלל יצאה. (עיי' צד 17 בהערה).

**) איברינענס ניט עס אויך אין די עקזאקטע וויסנשאפטן אזעלכע הנחות, וואס זייער ריכטיקייט ווערט פעסטנעשטעלט ניט דורך פראקטישע באווייזן נאר היפאטעטיש אפן גרונט פון זייער דערקלערערישער קראפט (וואס דורך זיי דערקלערן זיך פיל ערשיינונגן). אונטער אזעלכע זיינען זאגאר פאראן וויכטינסטע הנחות. ווי דאס עקסיזטענץ פון א צוציאונגס־קראפט. וועלכע דערקלערט פיל ערשיינונגן אין פיזיק און אסטראנאמיע, דער עטהער, דורך וועלכן עס ווערן דערקלערט די נעזעצן פון ליכט א. א., — הנחות וואס זיינען ניט באוויזן פראקטיש נאר אנגענומען אלס א זיכערע היפאטעזע דורך דעם פאקט פון זייער דערקלערערישקייט. (די איינוועגדונג וואס מ'קען דא מאכן, אז די פעסטשטייענדיקע נאטור־פאקטן דינען אלס באווייז פאר די ריכטיקייט פון דער היפאטעטישער דערקלערונג, ווערנד ביי א באשטימטן ענין איז

---

2) ב"ב, ע"ד.

דאצו ווען מיר זאגן איינינע הנחות און היפאָטעזן:

א) מיר טיילן געוואוינליך די בריאה אין פיזיק און מעטאפיזיק, אין נאַטור און איבער־נאטירליכעס, אין מאַטעריעלישעס און גייסטינעס, (חומר און רוח). דער אמת איז אָבער, אז אזוי ווי דער בורא איז א י י נ ע ר אזוי איז די גאנצע בריאה א י י נ ס . די מאַטעריעלע און די גייסטינע, דער חומר און דער רוח, דאס נאַטירליכע און איבערנאַטירליכע איז איין צוזאמענגעבונדענע שטיק. וואס געפינט זיך אין א פוטליאר. ד י שטיקל וואס איז אָפּגעדעקט, וואס איז דערקלערליך פאר אונזער שכל אדער צו וועלכע מיר זיינען צוגעוואוינט, רופן מיר „טבע". ד י שטיקל וואָס איז צוגעדעקט אין פוטליאר רופן מיר „למעלה מן הטבע". געלינגט אונז אמאָל אָפּצודעקן א שטיקל פוטליאר — רופן מיר די אָפּגעדעקטע שטיקל שוין ט ב ע . וואָלטן מיר מיט דער זון פון קינדווייז אָן ניט זיין געוואוינט, זואלט עס ביי אונז געווען „למעלה מן הטבע", זיינען מיר געוואוינט — איז עס ביי אונז טבע. איז דער היפנאָטיזם געווען פריער און ניט אויפגעקלערט, האבן מיר עס פארשטאנען אלס למעלה מן הטבע, האָבן מיר זיך מיט אים נעענטער באקאנט רופן מיר עס שוין טבע. אין דער אמת'ן איז די בריאה אָדער אין גאנצן טבע אָדער אינגאנצן למעלה מן הטבע. שטיקלאך און ה א ל ב־ווענ איז ניטאָ. אלץ איז איין שטיק, געבונדן צוזאמען.

ב) ע ל ע ק ט ר י ע זעהען מיר איז פראן, זי איז א געוואלדיקע קראפט, פול אין דער „ערד" און אלע אירע יצורים. צו באנוצן זיך באקומען מיר איר אויף פאר שיידענע וועגן, אזוי צ. ב. ש. באקומט מען עס באקוועם דורך אריינשטעלן צינק־ און קופער־פלאטן אין שוועבל־זויערע.

א בעקאנטער אסטראנאָם האָט אויסגעבויט א טעאָריע, אז עס איז דאָ א וועלט־רעזערוואָאר, וועלכער פארטיילט עלעקטריע אין פארשידענע פלאנעטן און זיי ציהען פון אים די יניקה, אזוי ווי זיי זויגן איין די זון־שטראלן. דער „רעזערוואָאר", מיינט ער, איז ווייט פון אונז אנ'ערך עטליכע צענדליק טויזענט ליכט־יאָר (אדער מעהר).

א ליכט־יאָר איז אָט וואס: ביים באצייכנען גרויסע הימל־מרחקים וואָלט מען דארפן באנוצן אזוי פיל ציפערן, אז עס וואלט פאר זיי ניט קלעקן קיין פלאץ, האט מען זיך א עצה געגעבן צו רעכענען אין ליכט־צייט־איינ־היטן. מיר ווייסן, אז א ליכט־שטראל לויפט איין אין א סעקונדע 300.000

עס ניט דער פאל — די דאזיקע איינוועגדונג איז מיר ניט אנטגאַנגען, אבער דאָ האנדעלט זיך ביי אונז הויפטזעכליך וועגן אַ ס ע ג ל י כ ק י י ט ס־דערקלערונג, ד. ה. צו באווייזן די א ו נ מ ע ג ל י כ ק י י ט ס באהויפטונג, ניט אבער צו באווייזן די ג ע ד ר ו נ ג ע נ ק י י ט . אויסער דעם זיינען דאך ביי אונז געניסען אין אויסזיכט צו אלערערשט י ע נ ע קרייזן, ביי וועמען די דיני־התורה זיינען ניט מינדער פעסטשטייענדיק. „אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי". (ירמי' ל"ג, כ"ח; ע"ז, ג'.)

קלמ. אלזא אין א מינוט — 18.000.000, א שעה — 1.080.000.000, א מעת־לעת — 25.920.000.000. אלזא וויפיל איאר, הונדערט יאר, טויזענט יאר און צענדלינער טויזנטער? א רעכט ביסל וויטלאך און עס ציהט, און עס האט א יניקה. *)

ג) איינער א פיזיקער־פאפולאריזאטאר (מיר שיינט, אז ד"ר א. בערנשטיין) זאגט, נאכדעם ווי ער באשרייבט עלעקטריע: ווערסטו מיר געווים פרעגן, אז עס לייכט און נאפם אדער פעטס, זאגט איר מיר: עס איז פאראן א פארבארגענע קראפט „עלעקטריע". וואס דורך געוויסע מיטלען שפאנען מיר איר איין זי זאל אונז לייכטן; אז עס ווארמט און האלץ — זאגט איר מיר ווידער: די קראפט „עלעקטריע"; אז עס דרייט אונגעהויערע מאשינעס און איך זעה ניט ווער — זאגט איר מיר ווייטער: די קראפט „עלעקטריע". וואו איז אבער אט די וואונדערבארע „עלעקטריע"? פארוואס זעה איך איר ניט? פארוואס טאפ איך איר ניט אן? פארוואס פיהל איך ניט איר גערוך? א. ז. וו. איך קען עס ניט באנרייפן. א זאך וואס עקסיזטירט מיז איך איר ווארנעמען מיט איינעם פון מיינע פינף חושים. און אז איך באגרייף „עלעקטריע" מיט

---

אנמערקונג.

*) אום צו פארשטיין אז דאס איז נאר א קליינינקייט אין די הימל־מרחקים, איז גענוג אנצווייזן, אז לעצטנס האבן געלעהרטע אויסגעפארטיגט א גרויסן־טעלעסקאפ, וואס דער דורכמעסער פון זיין „לינז" איז 5 מעטער און ווערט וועהרן אוועקגעשטעלט אפ מאונט פאלאמארא (אין קאליפארניען). מיט דער הילף פון דאזיקן טעלעסקאפ דעם וואונדער פון מענשענס ש כ ל, וועט מען קענען אונטערזוכן די הימל־קערפערס וואס זיינען ווייט פון אונז 400 מיליאן ליכט־יאר אדער קרוב צו 3.776.318.000.000.000.000.000 קלמ. אף אזעלכן מרחק קען מען אויך זעהן אפן צווייטן זייט. הענען מיר שוין אלזא זעהען א מרחק פון 800 מיליאן ליכט־יאר אדער קרוב צו 7.552.636.000.000.000.000.000 קלמ. און דאס איז נאך אויך נארניט אין דער אונגעהויערער בריאה. מיטן דאזיקן טעלעסקאפ וועט מען מסתמא שוין קענען גוט אונטערזוכן דעם פארהעלטנים־מעסיג נאענטן מ א ר ס מיט זיינע פ א ר מ ו ט ע ט ע „קאנאלן" און „מענשן". אט אזוי איז אונזער נאנצער ערד־קוגל נישטיג און נול אין דעם גרויסן וועלט־אלל. אט אזוי איז דער מענש קערפערליך נישטיג און נול אפילו אף דעם ערד־קוגל און מיליארדן מאל נישטיגער אין דער גאנצער בריאה — ער איז אבער ג ר ו י ס מיט זיין ג ײ י ס ט, וועלכער שוועבט איבער וועלטן און דערהויבט זיך א י ב ע ר פיל וועלטן. „ותחסרהו מעט מאלקים" 1). פאלגליך איז א מענש — דער גייסט. און לויט ד ע ם דארף מען פירן דעם לעבן, ניט שטעלנדיק דעם קערפער בראש.

---

1) תהלים, ח', ו'.

ק י י נ ע ם ניט, נארט איר מיר. מסתמא. אפ. עס איז א ליגן, עס איז ניטא קיין קראפט „עלעקטריע"...

וועל איך דיר ענטפערן אט וואס:

מיר האבן פינף חושים. איינער פון זיי איז דער חוש־הראיה. דורך די אויגן זעהען מיר און באגרייפן דאס ליכט און אלע קאלירן. שטעלט זיך פאר, אז די מענשן וואלטן מער ניט האבן ווי פ י ע ר חושים — חוש הראיה ניט, אט ווי די קראטן (מוילוואורף), וואלטן מיר ניט האבן קיין באגריף וועגן ליכט, וועגן פארבן. און אויב ס'וואלט דאן קומען צו אונז א באשעפעניש פון אנ'אנדער וועלט מיט אויגן און זאגן אונז, אז עס איז פראן אזא זאך ווי ליכט, וואלטן מיר ניט נאר ניט געוואוסט וואס דאס איז, זונדערן מיר וואלטן נאר ניט געוואוסט ווי צו שטעלן די ריכטיגע פראגן וועגן דאס ליכט. ווייל אלע אונזערע באגריפן האבן מיר נאר לויט אונזערע חושים. מיר וואלטן דאן ניט געקענט פרעגן, צי דאס ליכט איז ווייס ארער געל, ווייל מיר וואלטן נאר ניט געוואוסט דעם באגריף פון פארבן. וואס־זשע וואלטן מיר געפרעגט? נאר ד א ס. וואס מיר באגרייפן מיט אונזערע פ י ע ר חושים. מיר וואלטן לויט אונזערע פיער חושים געפרעגט א שטייגער: וואס איז דאס ליכט, הארט אדער ווייך? קיילעכדיג אדער שפיציג? זויער אדער ביטער? שמעקעדיק אדער פארקערט? איר פארשטייט ווי לעכערליך מיר וואלטן אויסקומען ביי יענער באשעפעניש וואס האט י ע אויגן? ווייל וועגן ליכט פאסט נאר ניט די אלע דערמאנטע פראגן. וועגן ליכט קען מען נאר פרעגן וועגן קאלירן, אבער דערצו האט דאך אונז געפעלט דער חוש־הראיה. האבן מיר דעם חוש־הראיה — פארשטייען מיר איצט אז יענע פראגן, גענומן פון די איבריגע פיער חושים, קען מער נאר ניט שטעלן אין באצוג צו ליכט.

און אט אזוי איז אויך מיט עלעקטריע. עלעקטריע איז ד א. ווייל מיר ווערן דאך געוואהר פון אירע אנטפלעקונגן, אלא וואס מיר זעהען ניט. מיר שמעקן ניט. מיר טאפן עס ניט אן? — איז עס נאר דערפאר ו ו י י ל אונז פעלט א זעקסטער חוש!

צו באגרייפן די בלויזע עלעקטריע־קראפט איז וויניג אונזערע פ י נ ף חושים. מיר מוזן האבן א ז ע ק ס ט ן חוש. וואלטן מיר האבן דעם ז ע ק ס ט ן חוש, וואלטן מיר ערשט זען ווי לעכערליך מיר זיינען ווען מיר ווילן עלעקטריע הערן. שמעקן. אנטאפן. מיר זיינען באשריינקט אין אונזערע חושים און השגות, אבער עלעקטריע־קראפט איז ד א!

און, נעלעגנטליך, וויל איך אייך טאקי א פרעג טאן:

אויב צו באגרייפן עלעקטריע דארפן מיר האבן א זעקסטן חוש, איז וויפיל חושים דארפן מיר שוין האבן אום צו באגרייפן דעם ש ע פ פ ע ר פון עלעקטריע און פון נאך גרעסערע און העכערע זאכן? ! *).

---

*) אם על סדרו של רעם אין אתה יכול לעמוד על סדר של עולם עאכו"כ. (ב"ר, פי"ב).

## ער איז דא — מיר זיינען באשריינקט!

ד) אין דער גאנצער בריאה, אין אלע אירע פיער רייכן: דומם, צומח, חי, מדבר איז ניטא קיין שפרונגהאפטער איבערגאנג פון איינעם צום צווייטן נאר בהדרגה'דיק, און עס געפינען זיך מיטל־ברואים, וואס שטייען אפן גרעניץ צווישן איין רייך און אנדערן. צווישן צומח און חי — קאראלן, צווישן חי און מדבר — אפען. און וויבאלד די בריאה איז א י י נ ס , (מאטעריעלער און גייסטיגער רייך), מוז דאך געוויס זיין א מיטל־דינג וואס שטייט אף דער גרעניץ צווישןביידע און פארבינדט זיי, *) אזוי ווי, צ. ב. ש., דער רעגן־בויגן האט זיבן הויפט־פארבן, אבער עס נעהט ניט איבער שניידענדיק פון איין פארב צום אנדערן, אז מ'זאל קענען לייכט מערקן וואו ענדיקט זיך, צ. ב. ש., רויט און וואו הויבט זיך אן געל, ווייל עס גייט איבער ב י ס ל א כ ו ו י י ז , דאס רויט ווערט שוואכער און שוואכער ביז עס גייט איבער צו געל א. ז. וו. מיר געוויינליכע מענטשן דערקענען נאר דעם מ י ט ע ן רויט און דעם מ י ט ע ן געל, אז דאס זיינען די און יענע פארבן, די איבערגאנגס־קאלירן קענען מיר לייכט ניט אנטשיידן צי געהערט עס נאך צו דאס רויטע אדער שוין צו דאס געלע. נאר גרויסע ספעציאליסטן קענען עס אפשר יע דערקענען. אלזא, וואס איז דא דאס מיטל־דינג צווישן מאטעריע און גייסט, וואס שטייט אף דער העכסטער שטופע פון לייטער וואס פיהרט פון חומר צום גרעניץ פון גייסט?

איך מיין אזוי:

דעם מענשענס קערפער, אזוי ווי אלע, באשטייט, ווי באקאנט, פון ביליאנען קליינע צעלן, וועלכע טיילן זיך ווידער אין קלענערע. דעם דיינקבאר קלענכטן טייל רופט מען „אטאמען". די פיזיק האט לאנג געמיינט, אז דער אטאם איז אונטיילבאר. ניט לאנג אבער איז מען דערגאנגען, אז ער באשטייט פון א קערן, ארום וועלכען עס דרייען זיך אומאויפהערליך ארום מיט א משונה'דיקער געשווינדיקייט עלעקטראנען אדער ענערגיען אין פארשיידענע צאהלן. אין גרינגסטן אטאם (וואסער־שטאף) איין עלעקטראן, אין שווערערע — מער, אין שווערסטן, אוראן, 92 אין פארשידענע דיסטאנצן (מרחקים) פון קערנדל, ממש א מיניאטור־מאדעל פון די גרויסע הימל־קערפערס, וואו פארשיידענע שטערנס דרייען זיך ארום א געוויסן צענטר אין פארשיידענע מרחקים. די קליינקייט פון אנ'אטאם קען מען זיך פארשטעלן פון ד ע ם, אז דער וואסער־שטאף־אטאם, צ. ב. ש., שטייט אין אזא פראפארציע צו אנ'עפעל וויפל דער עפעל צום ערד־קוגל, ד. ה. ער איז אזא קליינער טייל פון עפעל ווי דער עפעל איז א קליינער טייל פון ערד־קוגל. אדער: זיין וואג איז: איין 1000,000,000,000,000,000,000 טייל פון א מיליגראם, קירצער: $1.10^{-21}$.

---

*) וברומה לזה אמרו „דכלהו עלמין מתקשרן דא בדא כהאי שלשלת דאתקשר דא בדא". (זהר, ויקרא, י' ע"ב). ועיי' „נפש החיים" שער א' פי"ז ושם פ"ה בהג"ה.

אזוי איז דער ק ע ר נ ד ל פון וואסערשטאף אטאם. דער עלעקטראן ווידער וואס דרייט זיך ארום אים איז $^{1}/_{1800}$ פון זיין גרויס. די געשווינדקייט פון זיין ארומדרייען זיך איז 6200.000.000.000.000 מאל אין א סעקונדע. דאס אלץ איז גאר איבער די פארשטעלונגס־מעגליכקייט פון אונזערע באשריינקטע חושים. און אין אזא מיניאטור אזא געוואלטיקע מאשינע! האט שוין טאקי אמאל איינער געזאגט: ביי זייט פון אויסרוף: „מה גדלו מעשיך ה׳“, ווי ג ר ו י ס זיינען, ג־ט, דיינע ווערק“. וויל איך ענטציקט אויסרופן: „מה קטנו מעשיך ה׳“, ווי ק ל י י ן זיינען, ג־ט, דיינע ווערק! (די פילאזאפיע דריינגט טיפער, צו געפינען גייסט־אנוועזנהייט אין דער אינערליכקייט פון דער מאטעריע, („יענזייטס דער מאטעריע“). זעה אנמערקונג זייט 68).

די ענערגיען, לויט אונזערע באגריפן, זיינען שוין כמעט ניט קיין מא־טעריע, זיינען שוין כמעט גייסטיגע. און דאס, קען זיין, איז דאס מיטל־דינג צווישן מאטעריעלער וועלט — וועלכע באשטייט דורכ:ויס פון אטאמען — און דער גייסטיגער וועלט. דאס קען זיין דער איבערגאנגס־פונקט פון מאטעריע צו גייסט און אויך דער פאדים וואס פארבינדט זיי, ווי מיר האבן געזעהן דעם ביישפיל ביי דעם רענן־בויגענס פארבן.

ה) ענליך צו דעם, ווי אין דער מאטעריעלער וועלט, ווען עס ליגן צוויי קערפערס דיכט (הארט) איינער אויפ׳ן אנדערן, זוינן די גרעניץ־שטעלן איינער פון אנדערן, אזוי איז אויך אנצונעמען אין דער גייסטיגער וועלט. אזוי זוינן אויך די אטאמען־ענערגיען פון דער גייסטיגער וועלט און העכער און העכער. און דאס שטימט מיט ד ע ם, וואס די מקובלים זאגן, אז אלץ וואס איז אפן עולם התחתון (די נידעריגע וועלט) איז יונק משרשו העליון, זויגט פון זיין ווארצל וואס איז אויבן.

דערמיט פארשטייען מיר גאנץ בוכשטעבליך דאס וואס די חז״ל זאגן: „עבירה מטמטמת לבו של אדם, שנאמר (במאכלות אסורות) ונטמתם בם אל תקרא ונטמתם בם, אלא ונטמטם בם“ 1), ד. ה. אנ׳עבירה פארשטאפט דעם מענשענס הארץ. איז עס טאקי גאנץ איינפאך און בוכשטעבליך, אז אנ׳עבירה פארשטאפט אין מענשענס הארץ די יניקה־רעהרן ער זאל ניט קענען איינזויגן פון „אויבן“ דעם גייסטיגן שפע. (והמרות והרגשות הנפשיות ייוחסו תמיד ללב והכתוב קורא „ערל לב“ כמו „ערלה אזנם“).

ו) אין דער גייסטער־וועלט זיינען פראן צוויי ארטן: רוח־הקדושה און רוח־הטומאה, (ריינע גייסטער און אומריינע גייסטער, אויך אנגערופן „רוח רעה“). אזוי ווי מיר זעהען ביי די מאטעריאלע ברואים פארשיידענע חאראקטערן, גוטע, ווי דער עלפאנט א. א., און שלעכטע, ווי דער טיגער א. ז. וו., אזוי איז אויך צו רעכענען אז אויך אין דער גייסטער־וועלט זיינען דא ענליכע אונטער־שיידן. די דאזיקע אנאלאגיע (פארגלייך) באקומט מער געוויכט, ווען מיר נעהמען אין באטראכט ד א ס, וואס ס׳איז שוין פריער געזאגט געווארן, אז הינטער יעדער מאטעריע שטייט „עטוואס גייסטיגעס“ און רעגירט מיט איר.

---

1) יומא, ל״ט.

25

פ"ב מ"ש על מאמר זה ודבריו צע"ק). אויך די נייע אידיאליסטישע פילאזאפיע שטייט אפן באזיס פון א זעלבע מער אדער ווייניגער ווייטגייענדיקע אנשויאונגן, עס איז גענוג אנצוווייזן אויף די באוואוסטע געלעהרטע ה. דריעש מיט זיינע „צוועקמעסיקייט דורך א איבערמעכאנישער מאכט" 1), ד. מאהנקע מיט די איינטיילונג: מענשן־גייסטער, צעלן־זעעלן, פלאנצן־טעלעכיעו, באוואוסטזיין־טענדענצן פון אנארגאנישע קערפער 2), א. עדינגטאן מיט זיין „ליידיגן רוים", „כחות־פעלדער", „איינפלוסן" און „זעעלן־שטאף" — „וועלט" 3), א. א. ניט ארייגגייענדיק, נאטירליך, אין זייער אפשאצונג און ניט פארנאנדער־קלייבנדיק זיך אין די איינצלהייטן פון זייערע שיטות נאר אנווייזנדיק בלויז אויף זייער געמיינזאמען לייט־מאטיוו פון דער אבוואלטונג פון גייסט אויך אין דער מאטער־יעלער וועלט, און אויסדריקנדיק זיך קורץ מיט חז"ל: „הכל ברוח"! 4).

דערביי ווילן מיר באמערקן, אז ווען א ו נ ז ע ר א י י נ ע ר זעט זייערע ארבייטן געפינט ער שיינע היפאטעזן, שיין קאמבינירטע און שארף אויס־געבויטע טעאריען, אבער טראצדעם וואס עס רעדט זיך וועגן דער אבוואלטונג פון גייסט, א י ב ע ר און א י ן דער מאטעריע וועגן דעם אלץ־באלעבענדן גייסט, דוכט זיך אונז צו פיהלן עפיס ווי א מין טויט־טרוקנקייט, עפיס ווי א מאנגל אין באלעבענדן ווארט, באלעבענדן ע ס ע נ ץ, און אזא באלעבענדן ווארט, דוכט זיך, איז דער גרויסער ווארט:

„ש ש י ם ו ש מ ח י ם ל ע ש ו ת ר צ ו ן ק ו נ ם"!

פרייליך און פריידיק גייט יעדעם דינג צו ערפילן דעם ווילן פון זיין שעפפער!

דורך ג־טס באפעהל „יהי!", „עס זאל זיין!", איז אין אלע באשעפעניש איינגעפלאנצט געווארן זייער נאטור און ציל אויף שטענדיג. (עיי' בס' „נפש החיים" שער ג' פי"א), און אזוי שטרעבן זיי אימער מיט אנ'איינגעטימליכער „נאטור־ אדער צוועקמעסיקייטס־באוואוסטזיניקייט" צו דערפילן דעם רצון פון שעפפער און דעם זיי געשטעלטן ציל לויט באשטימונג.

(ובזה נייח לי לבאר מ"ש ז"ל: „תנאין התנה הקב"ה עם הים שיהא נקרע לפני ישראל, הה"ד: „וישב הים לאיתנו" — לתנאין שהתנה עמו" 5). וראיתי להמפרשים שהקשו, שהי' צריך הכתוב לכתוב תנאי זה ב ב ק י ע ת הים, שזה הי' שינוי הטבע, ולא בשובו, שהוא מדרך הטבע. ועל דעתי הוא מבואר בפשיטות ע"פ האמור. דכל מעשי בראשית הולכים ומתנהגים ע"פ רצון ה', אשר במאמרו נטע בהם כח פעולתם הקבועה, ואלו הי' נפסק מאמר ה' היו שובתים ממילא מפעולתם. (עיי' בס' „נפש החיים" שער א" פ"ב ובס' לקוטי אמרים שער היחוד והאמונה פ"א, ובמדרש שוח"ט (תהלים קי"ט) איתא „לעולם ה' דברך

---

1) Ordnungslehre. 2) Neue Monadelogie. 3) Nature of the Physical World.

4) ב"מ, ק"ז:,5) ב"ר, פ"ה.

אנגעשטעקט צו ווערן פון זיין נאענטסטען שכן, דעם רוח־הטומאה. און אזוי איז טאקי אנגעוואונקן אין חז"ל „אינהו נפישי מינן וקיימי עלן כי כסלא לאוניא" 1). נאר אזוי ווי אין דער מאטעריעלער וועלט איז פראן אין מענשענס קערפער נאטירליכע שומרים, באשיצער, צו היטן אים פון שעדליכע מיקראבן, דאס זיינען

---

נצב בשמים" כו' על מה השמים עומדים? על אותו דבר שאמרתי: „יהי רקיע" כו' אותו הדבר שאמר הוא עשה, לכך נאמר „הוא צוה ויעמוד" כו', ובאותו הדבר שברא אותן בו הם עומדים לעולם, לכך נאמר „לעולם ה' דברך נצב בשמים"). ולכן כאשר צוה ה' לים שיחדל מארחות דרכו ויעמוד כמו נד הרי נפסק המאמר הראשון שנטע כח במימיו לירד למקום נמוך להקוות (או כח המושך בקרקעיתו) והי' צריך להשאר עומד לעולם כמו נד בכח המאמר השני עד שיגיעהו מאמר אחר ללפות שוב דרכו הראשונה. ונמצא שגם שובו לאיתנו הראשון הי' שינוי מטבעו החדש (שבא לו ע"י מאמר הבקיעה) ולא מדרך הטבע הקדום שבו, שכבר פסק כחו. ולכן אמר הכתוב ששובו לאיתנו הי' ע"פ תנאי שהתנה הקב"ה, ואלמלא כן הי' נשאר עומד לעולם כמו נד. (ועיי' בס' לקוטי אמרים שם שער היחוד והאמונה פרק ב' שלא תפס כן, וצ"ע). ואף כי גם הבקיעה היתה בשינוי הטבע, הנה בחר הכתוב להודיע ענין זה בשעת שובו לאיתנו, להיות שענין הבקיעה הי' נראה גלוי לכל שבא בשינוי הטבע אבל בשובו לאיתנו הי' מקום לטעות ולחשוב שמדרכי טבעו הוא, לכן הזכיר כאן שהוא מתנאי שהתנה הקב"ה וממנו תלמוד ק"ו לבקיעה).

דערמיט איז דערקלערליך, וואס די איינצלנע איברים פון מענשן, וואס דערפילן געוואוינליך זייערע פונקציעס לויט'ן באפעהל פון צענטראלן ארגאן, פון מארך. (וועלכער איז די צענטראלע פון גאנצן קערפער און פון אים גייען ארויס אלע פאראָרדנונגן דורך דער נערוון־סיסטעם) — אין פאל ווען זיי פארלירן די פארבינדונג מיטן צענטער, צ. ב. ש. ווען דער רוקן־מארך איז איבערגעהאקט, הויבן ראָך מיט דער צייט אָן די אונטערגעאָרדענטע אָרגאנען מער־וויינינער צו דערפילן זייערע פונקציעס, צ. ב. ש. דער דארם שטויסט ארויס דעם קאהל, דער אוטערוס — דעם ולד א. ז. וו. 2). ווייל יעדער אבר — און אויך יעדע צעלע — האט דורך די באשטימונג זיין איינגטימליכן צוועקמעסיקייטס־באוואוסטזיין און דערפילט זיין ציל ווי א טרייער סאלדאט. ענליכעס און נאך וויטגייענדערעס געפינט זיך אין ניי ארויסגעגעבענעם בוך „אונבאקאנטער מענש" פון א. קארעל זייטע 106, 107 און 226. אונטער דעם צענטראלן, אזוי צו זאגן דעם גאנצן אָרגאניזם פארטרעטענדן אמת'ן באוואוסטזיין ווערן די אברים־באוואוסטזיינ'ס פארדריינגט און זיי בלייבן נאָר — מיין איך — די טרעגער פון דעם אזוי גענאנטן אונטער־באוואוסטזיין.

---

1) ברכות, ו'.

2) L, Landois' Lehrbuch der Physiologie des Menschen, XVII Aufl, Berlin-Wien, S, 677,

די ווייסע קערפערלאך אין בלוט. וועלכע שטעלן א ווידערשטאנד אלע מעגליכע שעדיגער, אזוי איז אויך מסתמא פראן אין דער גייסטער־וועלט אין וועלכער פארם עס איז א געוויסע געגן־קראפט און שוץ קעגן די אנשטעקונג פון רוח־הטומאה. („כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך" 1) — זיינע שלוחים באאויפטראגט ער צו היטן דיר אין אלע דיינע וועגן). אזוי אבער אויך ווי אין דער מאטעריעלער וועלט געפינט זיך אמאל דער ארגאניזם אין א געוויסן אפגעשוואכטן אדער קרייינקליכן צושטאנד, וואס מאכט אים עמפפאנגליך (אויפנאמס־פייאיק) פאר די פארשידענע מיקראבן. אזוי איז אויך אנאלאגיש צולעסיג אויך אין דער גייסטיגער וועלט. ביי די פאלן וואס די תורה רופט זיי אן „טומאה" אז די קערפער זיינען — זיינען געווען — אין רעזולטאט פון געוויסע אינערליכע אדער אויסערליכע סבות און באדינגונגן. אין אזא געוויסן צושטאנד אז א געניגענדער ווידערשטאנדס־קראפט צו די גייסטיקע שעדיקער און זיינען געווארן אנגעשטעקט פון רוח־הטומאה. און די דאזיקע אנשטעקונג קומט דורך פארמיטלונג פון די אטאמען־ענערגיען וואס שטייען ביי דער גרעניץ פון גייסטער־וועלט. (דאס איז נאטירליך גערעדט אין אלגעמיינע שטריכן און נאר וועגן גרונט־באגריף, ניט אריינגייענדיק אין פרטי דינים).

און מיר זעהען טאקי אויך אין פיזיאלאגישן מצב פון דער פרוי ווערנד דער מענסטרואציאן גרויסע ענדערונגען. א קרייינקליכער צושטאנד, נעדריקטע שטימונג, ענדערונג זאגאר אין קול. מעכאנישע און כעמישע ענדערונגען אין די

---

און אזוי זיינען אלע טיילן פון דער בריאה, די גייסטער ווי די מאטעריען, די אנארגאנישע ווי די ארגאנישע. די געזאמט־קערפער ווי די טיילן, די צעלן ווי די אטאמען, אלע

ששים ושמחים לעשות רצון קונם

דער מענש אבער... דער מענש... אט דער געקרוינטער און זיך זעלבסט קרוינענדער קעניג פון דער בריאה, ער גלארעפיצירט מיט זיין

**בחירה.**

דערפאר אבער טראגט ער אויך די פאראנטוואָרטונג פאר זיינע פריי־ווילינע מעשים. טראגט. ער אויף זיך דעם גייסטיגן „צלם אלקים" — איז ער דער קעניג פון דער בריאה און אלץ געפינט זיך. לויט זייער אור־באשטימונג, אונטער זיין שליטה („כל שתה תחת רגליו" 2). מעקט ער אבער אפ דעם גייסטיגן „צלם אלקים" — פאלט ער ארונטער און זעצט זיך אוים צו דער שליטה פון די אים ארומרינגלענדיקע נאטור־כחות און זיי, לויט זייער אור־באשטימונג, האבן די שליטה איבער אים („אין חיה שולטת באדם עד שנדמה לו כבהמה" 3). (מלת „לו" ולא „לה" מעורר את העיון...). ועיי' במו"נ ח"ג פנ"א).

מלך אסור ברהטים.

און אזוי איז דער צוזאמענבונד מיט דער גייסטער־וועלט גאנץ פון זיך בארונגן.

---

1) תהלים, צ"א, י"א. 2) תהלים, ח', ז'. 3) שבת, קנ"א.

ארגאַנען׳ גאַנץ ענליך צו א געבורט. ווי עס ציינן די „האַרמאַנען״, (ווי עס איז באַארבעט באַזונדערס דורך פּראָפ. ב. זאַנדעק אין זיין פריער־דערמאַנטער „די האַרמאָנע דעם אָוואַריומס״), און, ווי שוין פריער־דערמאַנט פון פּראָפ. שיק, נעמינט זיך דאַן זאַנאַר א געוויסער גיפט אין איר בלוט און די איבעריגע אויסשיידונגן. וואָס טויט אָפּ די בלומן. אין פאָלקס־גלויבן פון פאַרשידענע דורות אין פאַרשידענע לענדער זיינען איינגעוואָרצלט פאַרשידענע זאַגן און איבערצייי־גונגן אלס פאַקטן פון דעם שעדיקנדיקן איינפלוס. וואָס די מענסטרואירענדיקע פרוי איבט אויס אויף פאַרשידענע זאַכן. דאָס ווערט הויפּינ דערמאַנט אויך אין דער מעדיצינישער ליטעראַטור אלס פאָלקס־מיינונגן, אָבער ניט ווידערלייגט אלס אונמעגליכקייטן. וו. זשוק אין „מוטער און קינד״ (В. Жукъ, Мать и Дитя) זייטע 47 שרייבט דאריבער פאָלגענדעס: די לע־בענס־פּראַקסיס האָט באַוויזן, אז אליין די אנוועזנהייט פון א מענסטרואירענדער פרוי אין קעלערן שעדיקט די וויין, ביר, עסיק און מילך, ד. ה. זאַכען וואָס זיינען געררונגס־פייאיג. (שלייכער). אין דער לעצטער צייט זיינען דיזע פאַקטן באַשטעטיגט געוואָרן דורך וויסנשאַפטליכע אונטערזוכונגן, דורך וועלכע עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז די אנוועזנהייט פון א מענסטרואירענדער פרוי באַזונדערס ביי חירורגישע קראַנקע פאַרצעגערט (פאַרציהט) די היילונג פון וואונדן, וואָס ס׳קומט צוויישעללאַז פון די פיל מיקראָבן, וועלכע טיילן זיך אויס פון די מענסטרואציאָן־בלוט. (פּראָפ. וו. סטראַגאַנאָוו). אָט צוליב דעם ווערט דער ווייבליכער פּערסאָנאַל אין פיל שפּיטאָלן פאַרפליכטעט צו טראָגן אין יענער צייט אנטי־סעפּטישע בינטן. (וכן הוא נרמז גם בדברי רז״ל מובא ברמב״ן עה״ת (בראשית, ל״א, ל״ה) ר׳ נחמיה אומר אפילו הדיבור שהוא יוצא מפיה (של הנדה) טמא. וכתב שם הרמב״ן ז״ל עוד, שידעו הקדמונים בחכמתם שהבלן (של הנדות) מזיק וגם מבטן כו׳ עושה רושם רע כאשר בארו הפלסופים. וע״ע ברמב״ן (ויקרא, י״ח, י״ט). ומצינו לחז״ל בהפעלת ההבל היוצא מן הפת שאמרו כשם שהדיבור יפה לבשמים כך דיבור רע ליין (מנחות, פ״ז).

* * *

טאָמער איז פראַן צווישן אייך אַזעלכע. וואָס וועלן טראַכטן, אדער טאָמער וועלן שפּעטער אנדערע אייך זאָגן, אז זען סודות אין דער נאַטור איז ניט מאָדערן, קענט איר דרייסט ענטפערן, אז נעראָדע זייער דאַזיקע באַהויפּטונג איז רעכט פאַראַלטעט; אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע הערן זיך ווידער אַלץ מער שטימן און עס באַקומט אַלץ מער געוויכט די שיטה וואָס זעט אין דער נאַטור בכלל און אין מענשן בפרט מערקווירדיגע מעטאַפיזישע כחות, איבערנאַטירליכע סודות. וואָס א טריט ווייטער אין דעם אינענדליכן לאַבירינט שטייען מיר אַלץ מער פאַר אונדורכדרינגליכע סודות־פולע ווענט. מיט יעדער דעראָבערטער יאָטע דערקלערונג עפנען זיך פאַר אונז קילאָמעטער־ווייטע סודות־פעלדער. אָט אַזוי ווי איינער שטייט פאַר א בלינדע אייזערנע וואַנט. ער זעט פאַר זיך נאָר איין זאַך: א אונדורכדרינגליכע אייזערנע וואַנט; וואָס ס׳טוט זיך הינטער איר — ווייס ער ניט און האָט ממילא אויך קיין אהנונג ניט פון זייער עקסיזטענץ. עפענט זיך אבער א קליין טירל אין וואַנט, ווערט ער געוואָהר פון ברייטע, ווייטע

געטים, וואס געפינען זיך הינטער דער וואנט. זיי בלייבן אבער פאר אים געהיימניסן. ער קען צו זיי ניט צוקומען. (די טיר איז צו קליין פאר זיין קערפער. ער קען דורך איר ניט דורכקומען...). אזוי אז אנשטאט איין סוד האט ער איצט פאר זיך פיל נייע סודות. *) (איך האב דערנאך געפונען, אז דער באקאנטער דיינקער פאסקאל זאגט אויך דאסזעלבע, אויסדריקנדיק זיך נאר אין אנ'אנדער משל־פארם. די מענשליכע וויסנשאפט — זאגט ער — איז גלייך צו א קוגעל (קויל), וועלכע וואקסט אומאויפהערליך. אין דער מאס וואס איר היקף (אומפאנג) ווערט גרעסער, וואקסט אויך די צאהל פון אירע באריהרונג־פונקטן מיט דאס אומבאקאנטע). פאריגן יאר האט אויך דער בארימטער ביאלאג, דער נאבל־פרייז־טרעגער, ד"ר א. קארעל אין אמעריקא פארעפנטליכט א אינטערעסאנטע ווערק, אין וועלכן די דערמאנטע שיטה באקומט נאר וואיטגייענדיקן אויסדרוק 1). די באזונדערע וויכטיקייט פון דעם איז, וואס דער פערפאסער איז א ביאלאג, וואס איז שוין פאכמעסיג צום ווייטסטן פון סודות, און דאך איז ער געקומען צו אזעלכע ווייטגייענדיקע איבערצייגונגען. בכדי צו זיין קורץ, וועל איך נאך אנפירן נאר איין זאך פון זעהר פילע. דערציילט ניט פון קיין מיסטיקער, נאר פון א באריהמטן פילאזאף־נאטוראליסט, העגרי בערגסאן, פאריז, אין איינעם פון זיינע ווערק: א פרוי, וואס האט געוואוינט אין א האטעל, האט געוואלט ארונטערשטייגן מיטן ליפט פון אייבערשטן עטאזש. די טיר פון ליפט איז געווען אפן — א סימן אז דער ליפט שטייט גרייט צום דינסט. די פרוי איז שוין געווען גרייט אריבערצושפרייזן דורכן טיר און אריין גיין אין ליפט. איז אבערפאר איר פלוצלונג אויסגעוואקסן ווי פון דער לופטן דער אנגעשטעלטער ליפט־פירער און איר היצפטיג צוריקגעשטויסן. אין דעם מאמענט האט די פרוי דערוואכט פון איר צערשטרייאונג — און ניטא קיין ליפט, ניטא קיין מענש...! ס'איז נאר פאראן די אפענע לאך פון ליפט. דורך א טעות איז די טיר געווען אפן און די פרוי וואלט זיכער אריינגעפאלן אין אפגרונט, ווען ניט דער „אינסטינקט" אין געשטאלט פון ליפט־פירער וואלט איר גערעטעט. בערגסאן זאגט אף דעם (בוכשטעבליך): „איז דען נויטיג צו זאגן, אז די וואונדער־געשעהעניש דערקלערט זיך ליכט?" און ער דערקלערט עס אזוי: דער שכל פון מענשן ארבעט צו לאנגזאם און ער

---

הערה:

*) וזה גורם לענוה, שאין עניינה שאינו מכיר בכלל את ערכו ויתרונותיו, אלא שעם ריבוי חכמתו הוא מכיר עי"ז יותר ויותר מה שחסר לו מן החכמה, מכיר את עניותו בה, כאמור. ולכן „והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה", לפי שהוא האיש היותר גדול על פני האדמה. השוה לזה מ"ש בהערה ב' לצד 42.

---

1) Alexis Çarrel, „Man the Unknown" Newyork-London, 1935 זעה זייטע 106, 107 און 149.

וואלט נים באוויזן צו רעטן די פרוי פון ארונטערפאלן אין זיכערן טויט, איז נעקומען צו הילף די אינסטינקטיווע „סאָמנאמבולישע פערזאָנאליטעט", (דער כח וואס ווירקט ביי א נאכט־וואַנדלער, לונאַטיק). וואס געפינט זיך הינטער דער „פארנונפט־פערזאָנאליטעט". ער איז געווען געצוואונגען צו ווירקן זאָפאָרט שנעל און דאס איז געווען מעגליך נאר דורך דער האלוציניאציע פון א ליפט־פירער וואס שטייט ביי דער טיר און שטויסט דער פרוי צוריק" 1). *) איז עס טאקי, ווי בערגסאָן זאגט, „לייכט" און „פשוט'ע נאטור" אדער סודות'דיקייט ?

די טויש־ערשיינונג פון ליפט־פירער (נים דאס אפשטויסן) לאזט זיך אפילו אריינפירן אין „נאטור"־ראהמן דורך די אזוי גערופענע רעפראָדוקציע, וואס דער מוח־צענטער באווירקט די באטרעפנדע עמפפינדונגס־טיילן צו דיזעלבע ערדענונגען ווי אמאל, און ממילא רעפראָדוצירט זיך דיזעלבע ערשיינונג ווי אין פערגאנגענהייט. ווי די באקאנטע פאלן Meyer u. Féré (2. אבער ביי אלע מעגליכע און אונמעגליכע דערקלערונגען בלייבט עס אלץ וואונ־דער און סוד, ווייל אויב דאס איז טאקי א נאטירליכע פונקציע פון אינסטינקט, סאָמנאמבולישער פערזאָנאליטעט א. ז. וו., פארוואס קומט עס פאר נאר ביי איין מענשן פון מיליארדן, אין איין סעקונדע פון אונענדליכע צייט־צאָלן ?

א סוד . . . !

אין צוזאמענהאנג דאמיט איז צו דערמאנען די וואנדערבארע פאלן פון פאטאָלאָגישע „פערזאָנאליטעט־צוטיילונג", וואס איז באקאנט דער גייסטער פסיכאָלאָגיע. (Ioseph Iastrow, „The subconscions" p. 349 — 370) ענליכעס פון P. Janel. אויסגעפארשטע פאטאָלאָגישע געטרענטע דאָפּלטע באוואוסטזיינס. און מיט רעכט זאגט א באקאנטער אידישער דיינקער (א. י. אילנאה), אז די פאטאָלאָגישע רערשיינונג דינט אלס פארגרעסערונגס־גלאז צו באווייזן די כחות־הנפש. וועלכע עקסיזטירן אייגענטליך אויך אין א נאָרמאלן צושטאנד. נאר, טיף באהאלטן דאן אין אינערן פון נפש. זיינען זיי נים צו מערקן 3). אין א צווייטער שטעלע שרייבט דערזעלבער דיינקער: עס זיינען פאראן

---

*) ענליכע ענינים דערציילט בערגסאן אויך אין זיין ווערק „Energie spirituelle", ער גייט אוועק זעהר ווייט. עס דערמאנט שוין אין באקאנטן רוסישן גראף סטאכיוויטש. איבריגענס, איז לעצטענס אין ענגלאנד איינגעזעצט געווארן א וויסנשאפטליכע קאמיסיע צו פארשן אזעלכע דערשיי־נונגן.

---

1) Les deux sources de la morale et de la religion, 2-ième édition, Paris, 1932, p. 95.

2) מעבר לחושיות, צד צ', עיין שם; W. James „Psychology"

3) מעבר לחושיות, צד ק"ב.

פיל פאקטן וואס באווייזן, אז מאנכמאל אנטפלעקן זיך אין אונזער נפש אועלכע אומגעהויער גרויסע כחות אייננעפליסענע פון עפּיס א נעהיימער קוועלע. אזוי ווי טעלעפאטיע, העלזעהן, אונגאטירליכע שטייגערונג פון זכרון אין היפנאָז־צושטאנד און אנדערע אונגעוואוינליכע פּסיכישע ערשיינונגן, וואס די פּסיכאָלאָגישע וויסנשאפט איז נאך א אייגנעשפּארטער התנגדות סוף כל סוף געווען געצוואונגן מודה צו זיין אין זייער אמת'דיקייט און אריינגעמען זיי אין דער מאדערנער פסיכאלאגיע אין א באזונדערן אָפּטייל אונטערן נאָמען „פּאראפּסיכאָלאָגיע". פיל פּסיכאלאגן האבן באמערקט, אז ווען מיר שטרייבגן זיך אָן צו געפינען א ענטפער אף א פּארוויקלטע פראגע, ערשיינען ביי אונז דאן די פּאָרשטעלונגען, וואס ענטהאלטן אין זיך דעם ענטפער, ניט אלס אונזער שאפונג, נאר ס'דוכט זיך אונז אז זיי קומען אראָפּ אין אונזער דערקענטניס פון אנ'אנדער וועלט. אונזער „איך" ערפינדעט זיי ניט, נאר ער באקומט זיי פארטיגע אלס געשענק פון אויבן. די ראזיקע אנזיכט געפינט זיך שוין אין אלטן באריהמטן ספר „אור החיים", ויקרא, ט"ז, א', און נאך אנדערע ספרים. פּראָפ. יאסטראָוו ברייננט אין זיין דערמאָנטן בוך „Subconscions" אין שייכות דערמיט די ווערטער פון ד"ר האָלמס (Holmes): עס איז פאראן א צווייטער „איך", א בעסערער און שענערער פאר אים, און ע ר ברייננט אריין די געדאנקען אין אונזער מות און לייגט אריין די ווערטער אין אונזער מויל" 1). *) (די ספּיריטיסטישע באהויפּטונג פון אַ דאָפּל־„איך" און שאָטן־גייסט איז באקאנט).
צו דיזער גרופּע איז אויך צוצוליינן דאס, וואס דער באריהמטער פסיכאָלאָג פּראָפ. פרויד האט פּראקטיש באוויזן די עקסיזטענץ פון זכרונות און געדאנקען א ו נ ט ע ר ן באוואוסטזיין. די געלעהרטן־וועלט האט עס לאנג ניט געוואלט אנערקענען, ווייל געדאנקען און אונבאוואוסטזיין זיינען דאך קאָנטראסטן. אבער די פּראקטיק האט באזיגט די לאגיק און באוויזן אז פרויד איז גערעכט 2).
דאס איז איינינע טראָפּענס פון א ים.
נאר קורץ: דער גאנצער צ־אמגבונד פון גייסט מיטן חומר און די געגנזייטיגע איינווירקונג אויפאייגאנדער איז די העכסטע אונלייזבארע חדה, דער וואונדערבארסטער סוד.
אזוי זעט איר, אז די דערמאָנטע נאאיווע אדער גיקענדיקע אייגוועגדונג, אז זעהן סורות אין דער נאטור איז ניט מאָדערן — איז שוין אליין ניט מאָדערן.

---

הערה:
*) החוקר א. י. אילנאה ערך תיאורה מענינת מ„אני" בעל שלשה חלקים: „אני תתאי", „אני תיכוני", „אני עילאה". הראשון הוא מ ת ח ת לסף־ההכרה, השני — בעל ההכ ה, השלישי — מ מ ע ל למשקוף־ההכרה. (מעבר לחושיות, צד צ"ד).

1) מעבר לחושיות, צד ק"ל. 2) שם, צד ק"ז.

עס״איז א פֿולשטענדיקע אומקולטורעלקייט צו זאגן, אז מ׳ווייס אלץ אין דער נאטור און אלץ ליגט אָפן און קלאָר. אזוינס קען זאגן נאר ד ע ר, וואס פארלאָזט זיך אלץ אויף יענעם. יענער (דער „געלעהרטער") ווייס. אבער דער אמת׳ער געלעהרטער זאגט פארקערט: איך ווייס נאר א טראָפן. דער גרויסער נאטור־ים איז פאר מיר א סוד.

און איז דען אפילו די אָפענע נאטור, אָט גראָדע די פאָרגיינג פון מענסטרואַציאָן־פּראָצעס ניט פול סודות? איז דען דער גאַנצער פּראָצעס ניט פול וואונדער? וואס איז דאָס אזוינס? א צושטערונג אין קערפער. א גאַנצע רעוואָלוציע אין אינערן אָן א שום סבה פון דרויסן נאָר זיך אליין געפלאָנט. און ניט אמאָל צופעליג נאר גאנץ סיסטעמאטיש פעריאָדישע צושטערונגס־ארבייט. וואס איז דאָס?

— דאָס איז א שטיק סוד פון א פרשת יצירה!

גלייכצייטיג ווען אין אָווארִיום פארטיגט זיך אויס א איי הויבט דער אוטערוס אָן צוגרייטן די נויטיגע געוועבן און מאטעריאַלן אויפצונעמען איר א באפרוכטעטע און אויסצובריהען. קומט עס צו ד ע ם, (ד. ה. ווערט די איי באפרוכטעט) ווערן אלע מאטעריאַלן פארניצט צום באַשטימטן צוועק, אויסצו־בריהען די איי. קומט אבער ניט צו דעם, (ד. ה. ווערט די איי ניט באפרוכטעט), הייסט עס אז די גאנצע ארבעט איז געווארן צו־נישט. ל ב ט ל ה, און ס׳קומט דער אָפּבוי, ס׳ווארפט אלץ ארויס אלס אומנוציג. ווי פראָפ. סימפּסאָן האָט די מענסטרואַציאָן טרעפליך אָנגערופן „אבאָרט דעס אונבאפרוכטעטן אייעס" 1). אזוי גייט עס שטענדיק אָפּוועקסלדיק: אויפבוי און אָפּבוי. בנין און סתירה, ביז ס׳קומט דער געוואונשענער צוועק. אזוי אז אין יעדן בית־היוצר פון די ברואים ווידערהאַלט זיך א מין „בורא עולמות ומחריבן" 2) וואָס ביי מעשה בראשית („געשאַפן וועלטן און צושטערט"). ווי אזוי אָבער טרעפט דער אוטערוס וואָס ס׳קומט פאָר אין אָווארִיום בכדי געהעריג צו רעאגירן? ענטפערט מען: דאָ איז א כעמישער איינפלוס. אין די פארשיידענע פעריאָדן ארבייטן פארשידענע האָרמאָנען, וועלכע רופן ארויס די פעריאָדישע ענדערונגען. פרעגט זיך אָבער: וויבאלד ס׳איז ניט קיין ש ט ע נ ד י ק ע פונקציע פון די באַטרעפנדע דריזן נאָר צייטנ־וויז, אָפּהייגניק פון פאקט פון אויספירונג פון צוועק אָדער ניט, פון וואַנען ווייסן די ד ר י ז ן ו ו ע ן אויסצואַרבייטן די האָרמאָנען און ווען ניט? דאָ בלייבן מיר שטיין פאר אפארזיגלטן סוד. *) פון וואַנען ווייס די איי דורכ־צולעכערן די וואנט פון אָווארִיום? — א סוד. פון וואַנען ווייס זי צו קומען אין

---

*) אמנם אחרים אומרים, שאין זה תלוי בשקרים ידועים, אלא שכל שאין הביצה מופרה בזמן ידוע קליפתה או קליפת נרתיקה מתבקע ומזה מתהוה החומר החימי (הורמון) שמחולל שינוי בגוף האשה וגורם לוסת. ואין זה מבורר.

1) Bumm, Geburtsh. S. 39.

2) ב״ר פ״ט.

טובא? — א סוד. פון וואנען ווייסן די ספערמאזאאידן צו שטרעבן און קומען אין טובא? — א סוד. פון וואנען ווייס עס זיך איינצובויערן אין איי? — א סוד. פון וואנען ווייס די איי זיך זאפארט צו פארציהען מיט א הייטל בכדי נאך איינער זאל ניט אריינדרינגן? — א סוד. פון וואנען ווייס דער איי־קערנדל זיך ביסלאכ־ווייז צו דערנעענטערן צום ספערמאזאאיד בכדי צוזאמען צוזואקסן? — א סוד. א. ז. וו. א. ז. וו. סודות און סודות. (אזעלכע ענליכע סודות זעהען מיר אויך ביי דעם זאמען־אויסשיטונג און פארטפלאנצונג־פראצעס ביי פארשידענע פלאנצן. אייניגע פלאנצן־זאמען זיינען שרעקליך קליין. א געוויסער ארכידן־זאמען וועגט איין צוויי־טויזנטל פון א מיליגראם (אדער: ½.000,000 gr.). אייניגע זאמען, בכדי צו קענען איבערגעטראגן ווערן אין דער לופטן צו די אויפנאהמס־ארגאנען פון דער ווייבליכער פלאנצע, זיינען באזארגט מיט א מין פליגל־שפראצן, ווינט־זעק, לופט־זעק, הארטשופרינעס, שרויפן־פליהער, זעגל־פליהער, שירם־פליהער א. ז. וו. באזונדערס וואונדערבאר איז דער שליידער־מעכאניזם פון דער פלאנצע ספעראבאלוס סטעלאטוס (Sphaerobolus stellatus). זיין פרוכט עפענט זיך אין שפיץ, פארמט זיך אויס ווי א בעכער. אף וועמענס דעק עס ליגט פריי דער שפארן־אפאראט און די קיילעכדיקע „פערידיאלע“. פלוצלונג ניט די אינוויינגסטע ווענטל פון בעכער א שטויס נאך דרויסן און מיט א קנאק ווערט דער שפארן־אפאראט ארויסגעשליידערט ביז א מעטער ווייט. סודות און סודות). און אט אין דעם גרויסן קאמפלעקס סודות וועט זיך גאנץ גוט איינרייהען אויך דער־סוד פון טומאה און מקוה־טהרה!

אין אנגעזיכט פון אלע דערמאנטע סודות און אלס צום גרונט־ענטפער אויף ווי זאגן מיר קורץ:

מענש! אלע אונבאוואוסטע (אדער: אונצענטראל־באוואוסטע 1)) טיילן פון דיין קערפער פאלגן פינקטליך דעם געבאט פון בורא. און דו, „באוואוסטע פינטעלע מענש“, דארפסט אויך פאלגן באוואוסט (אדער: צענטראל־באוואוסט) זיין געבאט. וואנדלענדיק אין א לאבירינט פון סודות, טראגנדיק אין זיך זעלבסט די קאמפליצירטעסטע געהיימניסן און גרויסע מיסיאן, מיט־ארבעטנדיק זעלבסט אין דער העכסט געהיימניס־פולער יצירה־ארבעט (אלס שותף של הקב"ה אין שאפונג פון א נייעם וועזן), טארסטו מענשן־קינד ניט לייכטזיניק איגנארירן, איבערשרייטן א געהיימניס נאר דערפאר ווייל ס'איז א געהיימניס! *).

---

*) מערקווירדיס איז, וואס פיל מענשן ווילן אין לעבן ניט וויסן און ניט טראכטן פון קיין סודות־וועלטן, מעטאפיזישעס. דערמאנענדיק זיך אבער אן טויט און ליידנדיק פון נעדאנק שפור־לאז און פולשטענדיק פארלארן צו גיין פון דער וועלט ווי א בהמה, פארשטייען די געבילדעטערע און טרייסטן

1) זעה אויבן, אנמערקונג ז. 69.

(נאך א פאַקטאָר, איז דא פראן, וועלכער פירט, ל ו י ט ח ז " ל , צו אַ דירעקטער פארבינדונג מיט טומאה, ווי געזאגט, קומט די מענסטרואַציאָן צוליב דער אונבאַפרוכטעט געבליבענער איי, אלזא איז דאָ פראן אַ ל ב ט ל ה געגאנגענע איי, און אויף דעם ווייזן שוין די חז"ל אָן, אַז ס'ווערט באהעפט מיט טומאה: "כל אותן השנים שהי' אדם הראשון בנידוי הוליד רוחין כו' בש"ז דחזא לאונסיה" 1), ומפורש לחז"ל במק"א גם בנוגע לחוה כן: "כל ק"ל שנה כו' היו רוחות כו' והיו מולידין ממנה" 2). ובן הדין מתאים בבעל קרי, והא דב"ק יום א' ונדה ז' אפשר משום דזת העיקר (שגורם ומושך את הטומאה) חוצה לו וזו בגופה. ולאיש אשר ישכב כו' ויש

---

זיך דאמיט וואָס דער "איינגנטליכער מענש". דער מ ע נ ש אין א מ ת ' ן באַגריף, ד. ה. די נ ש מ ה , בלייבט אויך ווייטער לעבן אין די אייביגקייט אין דער גייסטער־וועלט. אויב אזוי אַבער, דארף מען עס דאָך שטענדיק אין לעבן געדיינקן און היטן די נשמה־היגיעניע, וואָס דאָס איז אייגנטליך דער הויפּט־צוועק פון דער תורה מיט פיל פון אירע מצות, צו באגליקן דעם " מ ע נ ש ן " אין די נשמה'דיקייט "לעולם שכולו ארוך, לעולם שכולו טוב" 3), "יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה" 4), ד. ה. בעסער איין ווײלע געגוס אין יענער (גייסטער)־וועלט אלס דער גאַנצער (ערדי־שער) לעבן אויף דער וועלט. אין ד ע ם ליגט די מענשהייטס־פילאָזאָפיע, דער אונטערשייד־שטריך צווישן מענש און טהיר.. "רוח האדם העולה למעלה", דער ג ' י י ס ט פון מענשן, וואָס שווינגט ארויף א ו י ב ן . . .

מען פארגעסט אבער לייכט, מען פארגעסט אז דער לעבן גייט רעכט שנעל פאַראיבער. היינטיקע צייטן האבן אלע ביי זיך אין הויז א אָפּרייס־קאלענדאר, דאך ווען מ'רייסט פון אים טעגליך אָפּ א בלעטל טראכט מען גאר ניט אז דאס איז אייגנטליך אָפּגעריסן א טאג פון א י י ג ע נ ע ם ל ע ב ן ווען עס בלייבט שוין אין סוף יאָר נאר איינינע בלעטלאך, שרעקט מען זיך גאר ניט, ווארים מ'גייט אין בוכהאנדלונג און מ'קויפט זיך פאר קליין־געלט א נייעם יאר.... ווען אבער מ' וואלט, למשל, איינפירן, אז ווי א קינד ווערט געבארן קויפט מען פאר אים א אָפּרייס־קאלענדאר אויף גאנצע 70 יאָר, מיינעטוועגן 80 — 90 יאָר, (עס וואלט טאקי זיין א גאנץ לאנגער כטאָלביקל מיט בלעטלאך, וואס סימבאָליזירט אָנטאפּעוודיק דעם לעבן פון געגעבענעם מענשן), דאן וואלט ער וויסן און פיהלן, אז אפרייסנדיק א בלעטל רייסט ער אָפּ א טאג פון זיין לעבן, און ווען דער בלעטער־כטאָלביקל ווערט באדייטענד קלענער און ווען די בלעטעלאך ווערן באדייטענד ווייניגער הייסט עס, אז דער באַפּאַרשטייענדער לעבן איז שוין קורצלאך, אז די טעג זיינען געציילטע. קיין יאָרן אין בוכהאנדלונג קען מען שוין ניט קויפן. און אויב ס'איז ניט אזוי איינגעפירט, אויב מ'גרייט זיך ניט צו א אָפּרייס־קאלענדער אף 70 יאָר, קען מען עס אבער אזוי אויך פארשטיין, קען מען זיך עס אָן דעם אויך פאָרשטעלן... "האי אושפיזך וההיא ביתא" 5) — דאָ

---

1) עירובין, י"ח. 2) ב"ר, פכ"ד. 3) חולין, קמ"ב. 4) אבות, פ"ד. 5) סו"ק, ט':

פֿון ה נ ד ה , וואָס זיין אָנפאנג באשאפונג איז ד ו ר ך „ ט ו מ א ה ", א י ן „טומאה" און געפינט זיך דאָרט אין גאנצן משך פון זיין אויסבילדונג, ווערט אין אים טיף באהעפט דער ר ו ח ־ה ט ו מ א ה . *) די אמאָליקע תנאים פלעגן זאגאר דערקענען דעם „בן־הנדה" דורך געוויסע סימנים (דורך זיינע שלעכטע זיטן) 1). אפשר זיינען נאָך היינט אויך פאראַן מענטשן וואָס דערקענען עס . . . . .

אלזא אַ זעלכע פרויען פארדארבן ז י ך ז ע ל ב ס ט , פאַרדאַרבן זייערע מענער און נאָך מער פארדאַרבן זיי ז י י ע ר ק י נ ד **).

---

*) אם יש קדושה וטומאה לארצות ואוירן והפעלתן על האדם ק"ו לזו. צדיקים נמשלים כו' לאילן שכולו עומד במקום טהרה כו' רשעים כו' לאילן שכולו עומד במקום טומאה 2).

**) חז"ל זאגן : „למה הולד דומה במעי אמו. לפנקס שמקופל ומונח... ונר דלוק לו על ראשו וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו 3). ד. ה. צו וואָס איז געגליכן דאָס קינד אין מוטערס לייב? צו אַ צוזאמענגעלייגטן בוך — אַ פאַרמאַכטער ר י י נ ע ר בוך. וואָס מ'קען אין אים אריינשרייבן גוטעס אָדער שלעכטעס. איבער זיין קעפל ברענט אַ ליכט. נ־טס ליכט — די נשמה, („נר ה' נשמת אדם" 4). וועלכע זעהט פון ברעג וועלט ביז ברעג וועלט. (ס' שיינט די כוונה, צופה ומביט מ ע ר פ א ר א נ ד ע ר ע , וואָס זיינען שוין איינגעצאמט פון שוין אנטוויקלטע קערפערליכע שראנקן־איינווירקונגן). ווי אויסגעקליגעלט האבן זיך אבער י ע נ ע מוטערס אין דעם נאָך פ א ר־ מ א כ ט ן ב ו ך שוין אריינצופירן מאנכע פלעקינע זייטן... !

דער באוואוסטער פראָפ. פרויד מיינט, אז דער מאָמענט פון געבורט אנטשיידעט דעם גאנצן גורל פון מענטשן. די מדה פון שרעק אין מענטשן, צ. ב. ש., קומט פון מאָמענט פון זיין געבורט, פון זיין אָפרייסן־זיך פון דער מוטערס לייב, פון אופן פון אָפרייסן־זיך, פון די געפיהלן פון זיין אָפרייסונג. עס איז אבער קיין ספק ניט, אז עס קומט, גאנץ אָדער טיילוויז, פון נאָך פריער — פון דער גאנצער צייט פון זיין אנטשטייאונג, זיין אויסבילדונג אין דער מוטערס לייב, ווי עס גייט אויף קלאָר ארויס פון דעם אָנגעפירטן מאמר חז"ל. דעריבער דאַרף דאָן פון דער מוטערס זייט ווערן אָפגעהיט באזונדערע קדושה און טהרה.

גדולה מזו ספרו לנו חז"ל: עולא נחותה הוה אידמך תמן שרי בכי, אמרין לי' מה לך בכי אין מסקין לך, אמר לון ומה הנייה אית לי ואנא מובד מרגליתי [זו הנשמה] גוא ארעא מסאבתה. לא דמי הפולטה לחיק אמו לפולטה בחיק נכרית 5).

---

1) מסכת כלה. 2) קידושין, מ'. 3) נדה, ל': 4) משלי, כ', כ"ז 5) ירושלמי כתובות, פי"ב, ה"ג.

* *
*

ווי ווירקט זיך אויס די טומאה אין איר איינפלוס אף אנדערע? ווי ווירקט זיך נעגן איר אויס די טהרה במים? ווי באזייטיגט די לעצטע די טומאה־שעדיגונג? — דא באגעגנען מיר זיך, ווי געזאגט, מיט א וואלד פון סודות, וועלכע זיינען אפשר מחוץ די ראהמען פון אונזער השגה. די חכמי הסוד דערקלערן עס מיט גרויסע סודות וואס איז שווער משיג צו זיין און נאך שווערער צו פאפוליאריזירן. מיט פשוטערע ווערטער האבן מיר פארזוכט (זעה ז. 35) קורץ אנצומערקן, אז אלע נמצאים (וועזנס) באקומען זייערע איינגשאפטן דורכ'ן ציווי של הקב"ה. און ווען ער באפעהלט די מקוה־מים צו זיין א ט ה ר ה, א ריינינונגס־קוואל, ווערט זי שוין דורך דעם ציווי אליין א ט ה ר ה, באקומט זי שוין די דאזיקע איינגשאפט. (זעה אויך ז. 44). איצט וויל איך נאך זאגן עטליכע ווערטער, וועלכע וועלן אפשר א ביסל מקרב זיין אל השכל די מ ע נ ל י כ ק י י ט און ריכטן דאס דיינקן אין דיזער זייט.

די פיער נאטור־רייכן (דומם, צומח, חי, מדבר) שטייען געוויסערמאסן אין א שטענדיקער פארבינדונג און, ווארשיינליך, אויך אין א נעגנזייטיגער באאיינפלוסונג. שוין אליין אין זייער קערפערליכער אנטוויקלונג און עקס־פאנסיע באזירן זיי איינער אפן אנדערן ווי א פיראמידע מיט סיסטעמאטישער אפשטופונג. די טהיר־וועלט קען ניט באארבעטן א ל י י ן די נויטיגע שטאפן צום אויפבוי פון זייערע קערפערס. דאס ווערט זיי ערשט מעגליך נאר דורך די פאראר‍בעט פון דער פלאנצן־וועלט. דעם אזוי גערופענעם גרינעם „פארבשטאף". וועלכער האט אליין די פייאיקייט צו באארבעטן די נידעריקע כעמישע שטאפן, באזיצן נאר די פלאנצן, ניט אבער די בעלי־חיים פון זיך אליין. (דער גרינער „פארבשטאף" — אין וועטענס חלאראפיל־קערנער עס געפינען זיך אויגנבליך פיער איזאלירטע פארבשטאפן — בוים דורך אויסנוצונג פון ליכט־ענערגיע, פון קויהלן־זויערע און ו ו א ס ע ר דעם טרויבן־צוקער און קראכמאל און דערפון די אייוויים־קערפערלאך, וואס זיינען אזוי גויטיג פאר די בעלי־חיים). אזוי איז די בעלי־חיים־וועלט פולשטענדיש אפהייננגיק פון דער פלאנצן־וועלט און שטייט מיט איר אין איינגן צוזאמענלעבן. די פלאנצן־וועלט ווידער ציט איר קערפערליכע יניקה אין קיום פון דער מינעראלן־וועלט, פון וועלכע זי ארבעט אויס אירע צעלן. דער מענש איז אזוי ארום — פיזיש־קערפערליך באטראכט — א מינעראליש־פלאנציש־טהירישע באשעפעניש און שטייט אין איינגער פארבינדונג מיט זיי. ער האט נאך דערצו ספעציעל א נשמה, און ווען מיר ווייסן אז אויך הינטער אלע חומריים (קערפערס) שטייט „עטוואס גייסטיגעס". אדער זיינען מאטעריאליזירטער גייסט. האט דער מענש, העכסט

וואַרשיינליך. אויך עפּעס אַ געוויסן גייסטיגן צוזאַמענבונד מיט זיי.

מיר ווייסן ווי וואונדערבאַר גרויס עס איז די גענגזייטיקע באַאיינפלוסונג פון די נאַטור־אָרגאַנען ניט נאָר צווישן נאָענט־ליגענדיקע נייערט אפילו צווישן אָרגאַנען וואָס זיינען מיליאָנען קילאָמעטער ווייט איינער פון אַנדערן. מיר ווילן דאָ דערמאָנען נאָר צוויי פאַקטן.

ביי דעם אַזוי גערופענעם באַרשטן־וואָרם. פּאַלאָלאָ. וועלכער לעבט אין די שפּאַלטן פון ים־אָפּגרונט ביי סאַמאָאַ. טיילן זיך אָפּ צוויי מאָל אין יאָר זיינע הינטערשפּיצען מיט די געשלעכטס־אָרגאַנען. שווימען אַרויף אויף דער אויבערפלעך פון ים און ווערן פון די דאָרטיגע איינוואוינער געזאַמלט. דאָס געשעהט סיסטעמאַטיש מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט צו ענדע פון לעצטן לבנה־קוואַרטל פון אָקטאָבער און נאָוועמבער. ד. ה. ענדע תשרי און חשון אַזוי ליגט זיך אַ קליין ווערימל אויפן דעק ים און אויפן וויכטיגסטן אַקט פון זיין לעבן (פאַרמעהרונג אָדער געבורט פון אַ נייעם אָרגאַניזם) האָט די באַוועגונג פון דער זעהר ווייטער לבנה אַזאַ געוואַלטיקן איינפלוס. אַ צווייטער פאַקט: איינמאָל אין עלף יאָר קומט פאָר אויף דער זון מאַגנעטישע שטורמס. דאַן קומט פאָר אויף דער ערד שטאַרקע דערשיינונגען פון פּאָלאַר־ליכט. שטערונגען פון מאַגנעט־נאָדלען און אומרוהען ביי די פויגלען.

עס איז זיכער, אַז ניט נאָר אויף די באַרשטן־ווערים און די פויגלען אַליין ווערט דער איינפלוס אויסגעאיבט. נייערט אויך אויף אַלע בעלי־חיים און געוויס אויפן מענשן אויך, אָבער אפשר ניט אין אַזאַ גרויסער מאָס און ניט אויף אַן אופן וואָס זאָל ווערן אויפגעפּאַסט פון זיין באַוואוסטזיין. אָבער די ווערימלאַך און די פויגלען ווייסן אודאי אויך ניט וואָס מיט זיי געשעהט דאַן און אַז עס איז אַ איינווירקונג מן החוץ. און אַזוי קומט וואַרשיינליך ביים מענשן אויך דאַן פאָר געוויסע דערשיינונגען. שטימונגען און געפילן. וועלכע ער ווייס ניט צו וואָס צוצושרייבן און וועלכע זיינען אין אמת'ן אַ רעזולטאַט פון יענע איינווירקונגען אַט אַזוי גייען איבער אונז אַריבער פאַרשיידענע איינווירקונגען מן החוץ און מיר פאַרשטייען גאָר ניט. פיהלן גאָר ניט און האָבן גאָר קיין אַהנונג ניט פון זיי

אַזוי זעהען מיר אויך דעם געוואַלדיקן איינפלוס פון דער לבנה אויף מענשן וואָס זיינען קראַנק אויף דער גרויסער מחלה, וואָס האָט טאַקי באַקומען דעם נאָמען מאָנד־זוכט. לונאַטיק. אונטערן איינפלוס פון דער לבנה שטייען די קראַנקע אויף אין מיטן נאַכט פון בעט און שלאָפעדיקערהייט וואַנדלען זיי אַרום און קלעטערן אויף געפערליכסטע אופנים וואָס וואַכעדיקערהייט וואָלטן זיי עס בשום אופן ניט געוואָגט. מ'ערקלערט עס דערמיט. אַז אין מענשן איז פאַראַן אַ צווייטע פּערזאָנאַליטעט, אַזוי גערופענע סאָמנאַמבולישע פּערזאָנאַליטעט. וואָס דורך דער ווירקונג פון דער לבנה ווערט זי ביי דיזע קראַנקע באַזונדערס אַקטיוו עס איז אָבער מער אַלס וואַרשיינליך. אַז געוויסערמאָסן האָט די לבנה אַ ווירקונג אויך ביי געזונטע מענשן.

ביי כעמישע פאַרבינדונגען פון פאַרשידענע קערפּערס זעהען מיר אָפט זעהר וואונדערבאַרע זאַכן. דורך פאַרבינדונג פון צוויי אונז גוט באַקאַנטע קערפּערס קומט אַרויס אַ דריטער קערפּער וואָס האָט נאָר קיין שום ענליכקייט

ניט צו יענעביידע מיט גאנץ משונה'דיקע איינגנשאפטן. עס פארבינדן זיך די אטאמען פון צוויי ווייטע קערפערס און מאמענטאל ווערן זיי רויט, געל, בלוי א. ז. וו. עס פארבינדן זיך צוויי רוהיגע קערפערס און מאמענטאל באקומען זיי שרעקליכע אויפרייס־כחות. ס'קומען פאר עקספלאזיאנען. דאס איז אזעלכע וואונדער וואס מיר האבן פאר זיי קיין שום דערקלערונג ניט. ווען מיר נעהמען אבער אין באטראכט, אז הינטער יעדער קערפער שטייט „עטוואס גייסטיגעס", ווערן די דערשיינונגען אפילו ניט אויפגעקלערט, אבער דער וואונדער רעכט פארמינערט. ווייל די איינגנשאפטן פון די גייסטיגע כחות וואס זיינען פארבארגן אין יעדער איינעם פון די פארשידענע אטאמען זיינען אונז גאנץ אומבאקאנט. און דעריבער איז ניט אזא וואונדער ווען ביי זייער פאראייניגונג קומען פאר אזעלכע וואונדערבארע דערשיינונגען.

דער באריהמטער געלעהרטער A. N Whitchead (מאטעמאטיקער און באקאנטער פילאזאף, פריער אין קעמברידזש און איצט אין הארווארד) זאגט „אלע נמצאים האבן דעם כאראקטער פון אקטיווייטעט, אקטואליטעט. אלע נמצאים זיינען אקטיוו און זיי שטייען אין געגענזייטיגער פארבינדונג" 1). „די אקטועלע נמצאים קענען איינער דעם אנדערן. האטש די פאזיקע ידיעה איז נאר נאענט צו באוואוסטזיין, אין פולן זינען פון ווארט" 2). „די אקטיוויטעט פון יעדן נמצא איז אנגעגליכן צו א געפיהל (האטש א געפיהל וואס איז ניט באוואוסט") 3).

מיר האבן אנגעפירט די פאזיקע ווייטגייענדיקע מיינונג ניט בכדי פעסט אנצונעמען אזוי. נאר אנצוציינן אז אזעלכע מיינונגען עקסיסטירן און ווערן אנגענומען ביי גרויסע געלעהרטע.

ביים אנבליק פון א טובל'דיקן מענשן, גאנץ איבערדעקט פון וואסער, האבן מיר די פארשטעלונג ווי פון א פאראייניגונג, א צוזאמענוואקסן פון מענשן מיט דער אנארגאנישער וועלט, עפיס ווי א מין „זריעה בקרקע" (איינפלאנצונג אין דער ערד). וועלכע איז אנב אויך ביי פלאנצן א דין טהרה 4). (און אויך אפן מענטשן איז טאקי געזאגט געווארן: „כי האדם עץ השדה" 5)); עפיס ווי א מין צוריק־פאראייניגונג מיט דער מינעראל־וועלט פון וועלכער ער איז באשאפן. (וייצר ה' אלקים את האדם עפר מן האדמה 6)) וואס וואסער איז אויך מינעראל. א איינגארטיגער פליסנדיקער קריסטאל. ווי מיר זעהען דאס ביים אפקיהלן פארוואנדעלט אין שניי־קריסטאלן. (האטש דאס לאזט זיך בעמיש ניט דערקלערן. אזוי ווי מ'קען ניט בעמיש פארשטיין ווי אזוי פון קויהלן־שטאף ווערט דימענט אדער גראפיט און נאך פיל אזעלכע בילדונגען). וואסער איז אויך דאס, וואס שיידט אפ די בעלי־חיים פון מינעראל־קריסטאלן און דערמעגליכט זייער קיום אלס לעבעדיקע וועזנס. דער קריסטאל איז א הארטער קערפער, די בעלי־חיים־צעלן מוזן האבן א געוויסע

---

1) Process and Reality An Essay in Cosmology 1929, pp. 24-25.
2) Ibid. p. 26. 3) Ibid. p. 35

4) תרומות, פ"ט, מ"ז. 5) דברים, כ', י"ט. 6) בראשית ב', ז'.

ווייכקייט. דאס באקומט זיך דורך דיי מיטארבעט פון וואסער אין דער פלאזמא פון די בעלי־חיים. דערצו איז דאס וואסער באזונדערס פייאיג צו א פולשטענדיקע איינינגונג מיט'ן מענשן וואס איז זיך טובל. דאס וואסער נעמט דיכם ארום אלע זיינע קערפער-טיילן אן א שום הפסק, אן א שום ח צ י צ ה , וואס ס'איז ניט דער פאל ביי אנדערע מינעראלן.

וואס עס געשעהט ביי אזא פראצעס פון טבילה במים טהורים (ווי דער דין איז טאקי נאר אין מים מהוברים לקרקע, וואס אלס אזעלכע זיינען זיי אליין ניט מקבל טומאה, ניט אבער אין מים תלושים בכלים, וואס זיינען פארקערט נאר אליין מקבל טומאה און נעהמען א י ב ע ר די טומאה פון טובל לויט'ן גראד און שטופע און זאגאר צו ווערן א תחלה 1) *)); וואס פאר אנ'אויס־ווירקונג אזא פראצעס קען האבן קערפערליך און גייסטיג — איבער ד ע ם ווייסן מיר ניט עפיס באשטימטעס, אזוי ווי מיר ווייסן ניט פ י ל נאטור־סודות. זעהענדיק אבער די פריער דערמאנטע וואונדערבארע באאיינפלוסונג אפילו פון די ווייטסטע קערפערס, זעהענדיק די וואונדער ביי פארשידענע פארבינדונגן, אהנען מיר אויך דא א געוויסע זעהר צולעסיגע מעגליכקייט, און —

ו ו ע ר ו ו י י ס ד י ס ו ד ו ת פ ו ן ר ו ח ־ ה ט ו מ א ה , ד י ס ו ד ו ת פ ו ן ד י ו ו א ס ע ר ־ כ ח ו ת (באזונדערס מחוברים לקרקע־עולם) א ו ן ז י י ע ר א י י נ פ ל ו ס א י י נ ס א ו י ף ד י א נ ד ע ר ע !

דאס נעזאגטע ווערט אונז נעענטער צו מתקבל ווערן על הדעת ווען מיר ציהען אין באטראכט פאלגענדעס:

איינער פון די העכסטע גרונט־געזעצן אין דער פיזיק איז דער קויזא־ליטעטס־געזעץ (אורזאכע־ אדער סבה־געזעץ). ד. ה. אז יעדע פיזישע דערשיינונג אדער געשעהניש אין דער נאטור שטאמט ארויס א ו נ ב א ד י נ ג ט פון פריערדיקע פיזישע סבות אדער פארבאדינגונגן (און ג א ר פיזישע) און איז פון זיי ארויסגעוואקסן. דאס איז א פולשטענדיג אפגעשלאסענער קרייז. אין וועלכן קיין שום ניט־פיזיקאלישע כבה קען ניט אריינקומען, קען ניט איינווירקן. קיין דערקלערונג ו ו י א ז ו י די אורזאכע ווירקט אפן רעזולטאט ד ו ק א א י ן ד ע ר ג ע ג ע ב ע נ ע ר ר י כ ט ו נ ג איז אפילו נ י ט א . אבער דער געזעץ איז דאך א געזעץ אפילו אן א דערקלערונג. פראפ. נ. הארטמאן, ברלין. שרייבט וועגן דעם:

„ראציאנאל אין דיזען געזעץ איז נ א ר די דורכגענגיקע אפהייגיקייט שטאדיום ב' (ווירקונג) פון שטאדיום א' (אורזאכע). אבער נאר די פונקציאן

*) עיי' חת"ם, חיו"ד. רי"ג, ד"ה וראיתי מקרמון.

1) פרה, פ"ח, מ"ז. ועיי' לעיל צד 45 בהערה.

איז דערביי דערקענבאר. נים אבער די ארט פון פונקציאנירן אליין. דער איינענטליכער צוזאמענבונד (Nexus), די אינערליכע נויטווענדיקייט פון דעם פארקומען ב׳ אויס א׳ בלייבט פולשטענדיס אומדערקענט. גערארע אבער דיזער „נעקסוס“ איז עס דער עיקר וואס מאכט־אויס דעם קויזאליטעטס-געזעץ. קיין שכל קען נים פארשטיין, פארוואס און ווי אזוי איז רעזולטאט ב׳ אפהייננים פון אורזאכע א׳. פארוואס קען ב׳ נים אויסבלייבן (נים זיין) ווען א׳ איז פאראן. מיר שטייען דא אף דער דייטליך פיהלבארער גרעניץ פון מענשליכער השגה (באגרייפבארקייט)“ 1).

„די אומפערשטענדליכקייט, ווי אזוי די ווירקונג זאל ארויסקומען פון דער אורזאכע (אף א נים־פיזיקאלישן געביט) (אט זאלן מיר מאקי למשל זאגן, די ווירקונג: מהרה פון דער אורזאכע: מקוה) איז נים קיין גרונט אפצולעהנען (אפצווארפן) די קויזאל־פארהעלטניש (די אורזאכליכע שייכות, די סבה׳דיקייט). אויך אין פיזישער קויזאליטעט בלייבט דער אייגנטליכער פארגעהן פון דער ווירקונג אויס דער אורזאכע דורכאויס אומפארשטענדליך. די גאנצע מהות פון דער אפהייננגיקייט ווירקונג פון אורזאכע, די סטרוקטור פון צוזאמענבונד (נעקסוס) בלייבט איראציאנאל. דאך שטערט דאס נים דער נאטורוויסנשאפט צו לאזן געלטן דעם קויזאל־געזעץ אלס אוניווערזאלע פארמעל“ 2).

דער באריהמטער ענגלישער געלעהרטער ד. יום (Hume) האט אבער אנגעהויבן באצווייפלען דעם קויזאליטעטס־געזעץ. שפעטערע געלעהרטע (אונטער זיי אויך אינזער איינשטיין) האבן מיט זייערע טעאריען אין גאנצן דערשיטערט די קויזאליטעט אלס אינבאדינגטן פיזיקאלישן געזעץ. אנשטאט וואס מ׳האט פריהער געמיינט אז דער עלעקטראן (זעה אויבן ז. 64) האט אין זיין אומלויף א שטענדיס באשטימטע ריכטונג פון א׳ צו ב׳, פעסטגעשטעלט אין אלע איינצלהייטן דורך פיזיקאלישע געזעצן, אנערקענט מען לעצטנס, אז ער קען לויפן פון א׳ צו ב׳ אדער צו ג׳ אדער צו ד׳. (זעה אויך ווייטער זייטע 98) י אזוי אז עס איז געשאפן געווארן א פלאץ פאר נאך א כח X, וואס ער זאל זיין ניט קיין פיזישער און ער זאל עס געבן די הכרעה אין דעם פאראורזאכן די ריכטונג צו ב׳ אדער ג׳ אדער ד׳, ד. ה. די פיזיקאלישע געזעצן זיינען ניט גענונג צו שאפן א געשלאסענע קויזאלישע קייט. נאר ווען מ׳וועט צו זיי צולייגן דעם כח X וועלכער איז ניט קיין פיזיקאלישער נאר פון א גאנץ אנדערן כחות־געביט. אט ווי גייסטיגע בחות. דאן וועט דערגרייכט ווערן א באשטימטע קויזאלישע סיסטעם 3).

אלזא. וויבאלד אז אין פיזיקאלישע דערשיינונגן, געשעהנישן, ענדערונגן. איז דא אויך א גייסטיגער פאקטאר, וועלכער שליסט דעם קויזאליטעט־רינג, וויבאלד אז אין דער גאנצער נאטור קומט פאר א שטענדיקער אויפבוי

1) Nicolai Hartman, Grundzuge einer Metaphysik der Erkenntniss, 2-te Aufl. 1925 S. 265

2) דארט S. 312.

3) הוגו בערגמן, הוגי הדור, צד 42.

און אפבוי, א שטענדיקער בנין און סתירה, א שטענדיקע ענליכקייט צו מעשה־בראשית, (זעה אויבן זייט 75), (ניט אויסגעשלאָסן אויך, מסתמא, ביני וביני — אין צווישן-צייט, אין איבערגאנגס־פעריאָד — א געוויסן מין תהו ובהו...) —איז מעגליך אז די גייסטיגע כחות, וואָס געזעלן זיך צו די פיזיקאלישע אויסצומאכן דעם קויזאלישן רינג, זיינען פארשידנארטיג, ביי אויפבוי — פּאָזיטיווע, ביי אפבוי אדער צושטערונג — נעגאטיווע, ווי די הז"ל רופן זיי: מזיקין (שעדיגער), רוחות־הטומאה אדער אנדערש, און דאָן —

אזוי ווי אונז איז ניט באקאנט די מהות און איינגשאפטן פון גייסטיגע כחות (און ניט גאנץ גענוי אין געוויסע ניט גענוג אפילו די פיזישע), איז, זעהר רעכט אז א וואסער וואָס איז פארבונדן מיט דער מוטער־ערד (מחובר לקרקע) און באקומט פון דיזער פארבינדונג געוויסע כחות (פיזישע אדער מעטאפיזישע — גאנץ עגאל) איז א טהרה, אנדערע — ניט. אָט זעהען מיר ביי אנ'אנדער טומאה, צ. ב. ש. טומאת זב (מענליכע געשלעכטס־קראנקייט), פאָדערט דער דין צו זיין טהרה דוקא „מים חיים", לעבעדיקע וואסער, ד. ה. קוועלענדיקע וואסער אפן אָרט פון דער קוועלע, א ענגערע פארבינדונג מיט דעם גאנצן קוועלענדיקן וואסער, און ביי נדה וזבה פאָדערט דער דין־תורה מיט א שטופע שוואכער, עס גענוגט בלויז א פארבינדונג מיט דער „ערד", (האי ארעא חלחולי מחלחלא 1)), האָטש ניט קיין מים חיים. „ורוח אלקים מרחפת על פני המים"!

* * *

פון דעם וואס מיר האבן פריער געזאגט זעהען מיר דעם חומר (הארבקייט) פון איסור נדות, אז די פרויען וואס איגנארירן דעם דאזיקן דין און זיינען גורם, ווי פריער געזאָגט, צו טומאה, פארדארבן זיך זעלבסט, זייערע מענער און נאך מעהר זייערע קינדער און פאר דער הארבער עבירה איז אין דער תורה געמעלדעט די הארבע שטראָף:

## כרת

דער דין כרת איז לויט חז"ל כרת פארן גוף — אפגעריסן אף דער וועלט, כרת פאר דער נשמה — אפגעריסן אף יענער וועלט. (אדער — אדער, אדער: ביידע, לויט'ן עבירות־גראד). חז"ל זאגן: „הכרת תכרת" — „הכרת" בעולם הזה, „תכרת" לעולם הבא 2). אפגעריסן אף דער וועלט, אפגעריסן און פארטילינגט (די נשמה) אף יענער וועלט, (ריי מאנכע

1) חגיגה כ"א. 2) סנהדרין. צ'.

עבירות נאר ד ע נ ר א ך י ר ט *)); אפגעריסן זיך אליין, אפגעריסן אויך די קינדער. *) דאס גרעסטע נעשיינק פון ג-ט. (הנה נחלת ה' בנים 1)). אפּגעריסן די פערזענליכע צוקונפט-וועלט, די אייגענע קומענדיקע דורות, אט דעם „בנין עדי עד". אין וועלכן די עלטערן זיינען ממשיך זייער קיום, זייער אנדיינקען, און אפשר מער ווי אנדיינקן *). („האתן בכורי פשעי פרי בטני חטאת נפשי" 2) — צי זאל איך מיין ערשטלינג אוועקגעבן פאר מיינע זינד, מיין לייב-פרוכט פאר מיינע עבירות?). און ווען זכות תולה אדער עפּיס אנדערש און זיי בלייבן ביים לעבן. זיינען די בני-נדה-דורות דורכן חטא באלאסטעט מיטן גייסטיין טומאה-פלעק — ניט ווי א קין-צייכן, נאר פארקערט: מיטן צייכן פון „רמעת-העשוקים". („דמעת העשקים ואין להם מנחם" *), נייבטיג געקרייזודעטע און באדויבטע דורך זייערע אייגענע עלטערן. (ס'איז אויך מעגליך, אז אין רעזולטאט פון שטראף כרת ועבירות אנטשטייט א נייבטיגע „איזאלאציע" צווישן אזעלכע עלטערן און זייערע קומענדיקע דורות *)). **).

---

*) עס איז שווער אין קורצן אויפצוקלערן אזעלכע הויכע ענינים, וואס בילדן די גרעסטע כירות. עטוואס מער זעה אין פאלגנדיקער אנמערקונג. הערה.

**) בענין הכרת אמרו רז"ל (מו"ק כ"ח.) מחמשים ועד ששים. שנה זו היא מיתת כרת. ואמרו בסנהדרין (צ':) הכרת תכרת הכרת בעולם הזה תכרת לעולם הבא. וכתב הרמב"ם ז"ל (פ"ח מתשובה ה"א) הטובה הצפונה לצדיקים היא חיי העולם הבא כו' ופרעון הרשעים הוא שלא יזכו לחיים אלו אלא יכרתו וימותו וכל מי שאינו זוכה לחיים אלו הוא המת שאינו חי לעולם אלא נכרת ברשעו ואבד כבהמה. וזהו כרת הכתובה בתורה שנאמר הכרת תכרת הנפש ההיא. מפי השמועה למדו הכרת בעוה"ז תכרת לעוה"ב כו'. מלשון הרמב"ם וזהו כרת האמורה בתורה משמע שכל חייבי כריתות הם בכלל הכרת בעוה"ז תכרת לעוה"ב אבל הרמב"ן ז"ל בתוה"א שער הגמול כתב דזהו רק בע"ז ומגדף וכיו"ב ובאלו הנפש כלה לגמרי ואין להם שום חלק לעוה"ב, אבל בשאר כריתות יש לנפש חלק לעוה"ב אלא שהיא נכרתת מחיי ג"ע. וכך אמרו ז"ל מפורש שאין כפל הזה שבכרת נדרש בכל עבירות אלא שבכתוב הזה. והשיא לכך גם דעת הרמב"ם ז"ל על יסוד מ"ש (פ"ג מתשובה הל' ה') שכל ישראל יש להם חלק לעוה"ב אע"פ שחטאו כו' ואלו שאין להם חלק לעוה"ב אלא נכרתין ואובדין כו'. הרי שהפריש בין חייבי הכרת ה ג מ ו ר ובין הנדון. אבל גם בשאר העבירות העונש מכופל לגוף ולנפש, שיש במחויבי כרת שהעונש מגיע לו בגופו והוא מת בחצי ימיו כמו שאמרו מת בן חמשים כו' לאחת. שימית את המחייב כרת בגופו כיון שרובו זכיות כו' זוכה למעלה הראויה לו מחלקו בג"ע. ויש במחויבי כרת מי שעונותיו מרובין מזכיותיו ועונש כרת שלו מגיע

---

1) תהלים, קב"ז, ג'. 2) מיכה ו', ז'.

לנפש החוטאת לאחר שתפרד מן הגוף שהיא נכרתת מחיי נ"ע, והם הרשעים שהזכרנו כו' שיורדין לגיהנם ונדונין בה י"ב חדש כו' ונשמתן נשרפת ורוח מפוזרתן תחת כפות רגלי הצדיקים כמ"ש חז"ל בר"ה עכת"ד. וכ"ה בקצרה בפירושו עה"ת ס"פ אחרי. הנה חלק מחויבי הכרת לשלש מדרגות, ואנחנו שבלנו עפי"ז בפנים בלשוננו, שמהם הנשמה כלה („פארטילינט") ומהם יורדת ממדרגתה („דעגראדירט"). וכ"כ מפורש הרמב"ן ז"ל שם בר"ה ועכשיו יש לנו לפרש כו' מפוזרתן תחת כפות רגלי הצדיקים כלומר במדרגה שהיא למטה מעונג הצדיקים ומנוחתן. ועיי"ש ברמב"ן ז"ל ביאורי כל הענינים בארוכה.

ובנוגע לכריתת הבנים, שיטת רש"י ז"ל (שבת, כ"ה.) דבכל כרת הוא וזרעו נכרת, בין אלו שהיו לו קודם החטא בין לאחר החטא. (עיי' יבמות, נ"ה.). שיטת הריב"א (שבת, שם) דזהו רק בהנהו דכתיב בהו ערירי ולא בשאר כריתות. אך בנוגע לכרת שבנדה כתב ר"י (יבמות כ'. תוד"ה אשת אחיו) דהריב"א נמי מודה דזרעו נכרת משום דכתיב באשת אחיו נדה היא, ובאשת אחיו כתיב ערירים יהיו. אולם ר"ת בתוס' שבת שם, שדחה לדברי הריב"א מסוגיא דיבמות נ"ה, תפס בדברי הריב"א דגם בנדה אין ערירות, דאל"ה אין דיחוי מסוגיא הנ"ל. ונראה דהר"י ור"ת איפלגי בהא, דהר"י סבר דכיון דבאשת אח כתיב נדה היא לכן העירות דכתיב גבי אשת אח נלמד גם לנדה דהייני הך, ור"ת סובר דמדכתיב באשת אח נדה היא מוכח דאשת אח היא כנדה לחומרותיה אבל לא דנדה היא כאשת אח. אמנם אפילו לפי דרך זו שבאיסור נדה אין זרעו נכרת, מ"מ מהזרע שנולד מביאת נדה לא יהיו להוריו סוף סוף זכר ושארית, שכן יוצא מדברי חז"ל (נדרים, כ':). הכתוב (יחזקאל, כ', לג — לח) אומר: חי אני נאם ה' אלק' וגו' והוצאתי אתכם מן העמים וגו' והבאת אתכם אל מדבר העמים ונשפטתי אתכם שם פנים אל פנים, כאשר נשפטתי את אבותיכם במדבר ארץ מצרים כן אשפט אתכם וגו' והעברתי אתכם תחת השבט והבאתי אתכם במסרת הברית, וברותי מכם המורדים והפושעים בי, מארץ מגוריהם אוציא אותם ואל אדמת ישראל לא יבוא". (פירש"י: „מארץ גלותם אוציא אותם ואמיתם במדבר"). והיינו דאמר הכתוב „כאשר נשפטתי את אבותיכם במדבר ארץ מצרים", שמתו במדבר, „כן אשפט אתכם". (או כמו שכ' בפי' הרא"ש שם דוברותי הוא מלשון וברא אתהם בחרבותם). מי המה „המורדים והפושעים" אשר אל אדמת ישראל לא יבואו כי אם ימותו „במדבר העמים"? ע"ז אמרו חז"ל שם: „אלו בני תשע מדות: בני אימה בני אנוסה בני שנואה בני נידוי בני תמורה כו'". וכתב הר"ן: „אלו בני תשע מדות" — שלפי שיש צד עבירה ביצירתן הוו מורדין ופושעין". לפי שתחלת היצירה גורמת ונפגמת הרבה ע"י עבירה, כמ"ש לעיל צד 57. ולכן שארית לא יהיה להם בדורות הבאים, ואם הותקן לאדם „ממנו בנין עדי עד" ע"י הדורות הבאים אחריו שיחיה גם הוא בהם ושאריתו

פה בארץ קיימת. הנה באלה בני תשע מדות שיצירתן בעבירה לא יתקיים מהם ועל ידם בנין עדי עד של מולידיהם ושארית לא תהיה להם בארץ, כי ימותו ויפסק המשכם. ואם בעבירות של תשע מדות הקלות יותר כך, בעבירת איסור נדה החמיר שעונשו כרת עאכו"כ. הרי מפורש, שהדורות הבאים ונוצרים בעבירה זו י כ ר ת ו ויפסקו במדבר העמים ושארית או בנין־עד לא יהיו למולידיהם מהם.

ולפי האמור ניחא לן מה שיש לשאול, אם אבותם חטאו אלה מה חטאו ואמאי קרי להו „מורדים ופושעים"? ולהנ"ל מבואר, שאינם מורדים ופושעים ע"י פעולת מעשיהם, אבל בהבינן נפשם נמצאה בהכרח נקודת־רבב כהה מתחלת יצירתם שנוטעה בהם ע"י אבותם, והם מנקודת־מבט זו „מורדים ופושעים" בעצם טבעם. כאלו האמר שיש בהם חולי המרד והפשע, יותר מדויק: שיש בהם מעין מיקרובים מחוללי המרד והפשע, אבל לא שהם פשעו ומרדו. ויותר מזה יש לשאול: אלה שלא חטאו למה יסבלו ויענשו? וכבר נאמר ע"ז „והנה דמעת העשוקים ואין להם מנחם". ואמרו ע"ז רז"ל (ויק"ר, פל"ב) דניאל חייטא פתר קרייה בממזרים, „והנה דמעת העשוקים" — אבותם של אלו עוברי עבירות ואילין עלוביא מאי איכפת להון? ולהנ"ל התשובה היא, שאין כאן עונש לא התם בפסולים לקהל ולא הכא ב„אל אדמת ישראל לא יבואו", אלא שהענין הוא דמכיון דבהכרח יש נקודת־רבב בנפשו ע"י היצירה בעבירה. (כדמיון אמרם ז"ל (ויק"ר פט"ו) כל מי שהולך אצל אשתו נדה עושה בניה מצורעים כו' והן קוראין על אבותיהם אבותינו חטאו ואינם ואנחנו עונותיהם סבלנו. ונראה קצת שהוא כדרך אמרם (כתובות ע"ז:) הקיז דם ושימש הוין לו' בנים ותקין בו', שהוא כן הטבעיות). וה' חפץ לעמו שיהא כולו קדש כסולת נקיה, לכן בהכרח לא יבוא בקהל אע"פ שלא פשעו בפועל. ומטעם זה גם יסבב ה' שלא יבוא מהם שמץ פסול אל אדמת ישראל בבוא עת לחננה, ואין זה בתור עונש והוא עצמו לא יסבול אלא שיפסק מאליו המשך דורותיו כבדי שלא יוסיף להפיץ זרע פסול בין ישראל. (עיי' ויק"ר פט"ו „כדי שלא יתערב זרע קדש בעמי הארצות"). (אך לפי' הרא"ש בנדרים ק"ק למה יענשו. ולפירש"י ניחא יותר).

ויש בזה מקום עיון, שיש לשאול שאלה גדולה, והרי אנו רואים עוברים על איסורי כרת ואינם מתים לנ' וס' שנה והיכן היא כרת של אלו? ומדברי הרמב"ן ז"ל שהזכרנו מצאנו שתי תשובות לדבר, א' דמי שלא נתקיימה בו כרת בגופו עוד עונשו גדול יותר שמתקיימת בו כרת הנפש, ב' שיש שזכות תולה (שם בר"ה אע"פ שיש בחטאים כו'). והנה ענין זכות תולה אין פירושו שיתבטל העונש לגמרי אלא שתולה עד לזמן ויתקיים אח"כ, שכן מורה לשון ת ו ל ה וכן הוא במקור הזכות תולה במתני' דסוטה (כ"ב:) הזכות תולה כו' אלא מתנוונה והולכת לסוף היא מתה באותה מיתה. וזה ניחא בכרת שמת לסוף בעון זה ומתקיים העונש. אבל בעריות הרי כתיב בה ערירים יהיו וערירים ימותו (עיי' יבמות, נ"ה). ובשלמא „בערירים יהיו" שאין קביעת זמן ואפשר

ממית" 1). און דער נביא זאגט: „תיסרך רעתך ומשבותיך תוכחך" 2). ד. ה. אזוי ווי אין דער פיזיישער וועלט זיינען פאראן גיפטן וואס לויט זייער נאטור-איינגעשאפטן צושטערן זיי דעם גוף, אזוי זיינען אויך פאראן גייסטיגע גיפטן וואס לויט זייער באשאפנהייט צושטערן זיי גאנץ אדער טיילווייז דעם מענשענס נשמה, גייסט, און דורך זיי — אין א געוויסער מאס — אויך דעם קערפער, וועלכער איז מיט זיי פארבונדן. און דיזע גייסטיגע גיפטן זיינען עס אנטהאלטן אין די עבירות 3).

---

להתקיים לאחר זמן שיהיו סו"ם ערירים אפשר לומר זכות תולה עד לזמן ואז תתקיים הערירות. אבל ב„ערירים ימותו" שקבוע לזה זמן ערירות כמיתת; מאי איכא למימר? אם הזכות תהא תולה הרי יוכחש „ערירים ימיתו"? והרי אנו רואים מי שעובר על איסור שעונשו בערירות והוא מת ובניו חיים והיכן היא ערירות של זה?

ועל יסוד דברי הרמב"ן הנ"ל דשני מיני כרת יש, או — או, או כרת הגוף או כרת הנפש, אולי י"ל דה"נ שני מיני ערירות יש. יש ערירות גופנית שבניו מתים ויש ערירות רוחנית. לפי"מ שנראה מדברי חכמי הסוד, שגם לאחר מות האדם יש לו איזה קישור רוחני עם עוה"ז. עיי' מ"ש בטעם היבום והחליצה, ובזוהר (ס"פ תצא) מכיים ווי לי' למאן דלית לי' ברא למיפרקי' (ע"ד ברא מזכה אבא). ולפי"ז אולי י"ל דבמחויבי כרת וערירות נפסק הקשר הזה וממילא אפילו כשבניהם חיים „ערירים ימותו". ערער וערטל ילכו בלי קשר ושארית בעלמא הדין. (וכן לשי' רש"י בכרת דכתיב בה ונכרתה הנפש ההיא מקרב עמה. ומעין זה בס' אור החיים, ויקרא, י"ז י'). ואל זה רמזנו בפנים בדרך שמא. והוא מן הכמוס והנסתר ולא לנו הוא.

(ועי' באור החיים שם שהביא מהתו"כ ולא ציבור ותפס בפשוטו. ובאמת אינו כן, שהר"ש משנץ ז"ל בביאורו פירש לה שאין אחרים נענשים בשבילו כמו בעונש שבועה ועונש ע"ז שנפרעין ממנו ומכל העולם. עיי"ש בר"ש פ' אחרי פרשתא ו' ברייתא ב'. ובאורך קצת בפ' צו פרשתא י' ברייתא ו', וכן פי' הזית רענן פ' אחרי והגהות מהרי"ד. ואין עתה עוד ספרים תח"י. אך בפ' צו פרשתא ט' פרק י"ד ברייתא ז' הביא הר"ש גם יש מפרשים כפשוטו. אבל מבואר מכל המקומות שדעתו ז"ל רק כמ"ש. וק"ק מהדרשא שאח"ז עמיה כו' דלכאורה היינו הך לפי פירושו. ויש ליישב).

ולכאורה יש סתירה להנ"ל מהא דממזר פוטר אשת אביו מן היבום (יבמות, כ"ב.) ואין ממזר אלא מחייבי כריתות וכולן בכלל ואפי' הני דכתיב בהו ערירות ובין שוגג ובין מזיד לעולם הוא פוטר מן היבום, ולהנ"ל הרי בגדר אחד הוא עם ערירי ושייך בזה טעם היבום ולמה הוא פוטר. אבל פשוט ניחא. דלמ"ד לא דרשינן טעמא דקרא אין הפירוש דליכא טעמא, דבודאי איכא טעמא ולא עוד אלא דאפשר דמודה גם בהא דטעמא דקרא הוא באמת איתו הטעם

---

1) ברכות ל"ג. 2) ירמיה ב' י"ט. 3) נפש החיים, שער א' פי"ב.

יווי גרויס דער עונש, דארף אלזא זיין אויך די זהירות אין דעם דין. די וואס האבן ה"ו עיבר געווען אף אים ווערט דורך ריכטיגע ת ש ו ב ה (חרטה פון הארצן אפן עבר (פארגאנגענהייט) און קבלה מקיים צו זיין דעם דין להבא (אין צוקונפט)) דער עונש כרת פון זיי אראפגענומען 1). נאטירליך ניט באומר אחטא ואשוב. דער גייסטיגער גיפט באקומט דורך תשובה זיין נעגן־גיפט. (דאס איז א טיפע פילאזאפישע שיטה. מיר האבן עס נאר קורץ אנ־געוויאונקען).

מען פאסט דעם ענין איינדריקפולער אויף, ווען מען גיט זיך אפ א חשבון איבער דעם, אז דער אמת'ער לעבן ענדיגט זיך ניט דא אף דער פלאנעטע וואס מיר רופן „ערד". וועלכע איז אין פארהעלטניש צום אוניווערזום (וועלטאלל) ניט מער ווי א שטויב־קערנדל. ער הויבט זיך פיל מער ערשט אן אף יענער זייט... דער עכטער גייסטיגער ט ר ק ל י ן (סאלאן)-לעבן: (העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא. התקן עצמך בפרוזדור כדי

---

דלמ"ד דרשינן, אלא דסבר ד ל ת י ת ו ד ה ד י ן אין לנו לדרוש אחר טעמא דקרא משום ד ל ד י נ א אין זה נ"מ כלל, משום דזהו רק טעם למה ירדה תורה לקבוע את הדין כך. אבל לבתר דקבעה תורה הדין כך הרי הוא קיים רק משום דכך גזרה תורה ולא משום הטעם, ואם באיזה מקרה לא שייך הטעם מ"מ הוא נכנס תחת גזרת הדין. הטעם שימש לקביעת הדין אבל הוא עצמו אינו עצם הדין ואינו גורם בו שינוי (והוא מעין לא פלוג). ומ"ד דרשינן טעמא דקרא סבר דטעמא עיקר ובמקרה דלא שייך בו הטעם משתנה הדין, כמו בחבילת אלמנה עשירה ועוד. (עיי' פיה"מ להרמב"ם, חולין, פ"ז). וה"נ כיון דמשורת הדין ממזר הוא כבנו לכל דבר ואינו בכלל ובן אין לו פוטר מן היבום ואין נ"מ כלל לדינא בהטעמים אם שייכים הם במקרה זה או לא. וראי' לזה מדר"פ משמי' דרבא דמשו"ה בעל מפר נדרי אשתו משום דעל דעת בעלה היא נודרת (נדה, מו: ועוד) ומ"מ אפילו עומדת וצווחת בשעת נדרה שאינה נודרת ע"ד בעלה הוא מפר לה, והוא לטעם הנ"ל, דע"ד בעלה נודרת הוא רק טעם דלפיכך קבעה תורה דין הפרת הבעל, אבל לבתר דאמרה תורה הוא דין קבוע מחמת עצמו ואין נ"מ כלל בהטעם אם הוא שייך במקרה זה או אחר, כאמור. ומ"מ בהא דאמרו בנדה שם דבנישואי יתומה בעל מפר אפילו למ"ד מיפלא הסל"א דאורייתא משום הך טעמא, הנה בבה"ג דמה"ת אינו בעל ועיקר ההיתר הוא רק משום דבפועל ע"ד בעלה היא נודרת אם צווחה דאינה נודרת ע"ד בעלה נראה דאינו מפר לה, דלא כבעל ממש.

ואולם אפי' למ"ד דרשינן טעמא דקרא נמי ניחא. דלכאורה לר"ש דאמר דלא תחבול בגד אלמנה הוא רק בעניה משום דדרשינן טעמא דקרא דמשיאה שם רע ובעשירה ליכא (ב"מ, קט"ו). יש להקשות א"כ בגרושה נמי שייך האי

---

1) ספרי, במדבר, ט"ו, ל"א, „עונה בה" ולא בזמן שעשה תשובה. (פירשוהו ז"ל כ ל ז מ ן שעונה בה).

שתכנס ל ט ר ק ל י ן" 1) — די וועלט איז ווי א פאָרהאַלע צו י ע נ ע ר וועלט. גרייט זיך צו אין פאָרהאַלע כדי דו זאָלסט ווי_נעהעריג אריינקומען אין סאַלאָן).

אין אזא שטילער באַטראַכטונג פאַרטיפט. אין אזא טיפן חשבון־הנפש פאַרזונקען. פילן מיר אזוי ווי „ורוח על פני יחלף תסמר שערת בשרי... דממה וקול אשמע" 2) — ווי א גייסטיגע אַנהויבונג גייט פאַר מיר איבער. דער־שווידערט מיינע גלידער; אַבסאָלוטע שטילקייט. דאָך הער איך א שטים...". אַט ווי א שטים רעדט א י ן און פ ו ן דער גאַנצער נאַטור. פון דער גאַנצער בריאה. פון די טיפענישן פון אונזער נשמה... און דאַן עפענען זיך וואונדערליך אונזערע אויערן און מיר פאַרנעמען גייסטיג ווי „קול ה' על ה מ י ם קל הכבוד הרעים ה' על מ י ם ר ב י ם. קול ה' בכח קול ה' בהדר קול ה' שובר ארזים" 3) — ג־טס שטימע שטורמט א י ב ע ר ן ו ו א ס ע ר, דונערט איבער וואַסער־מאַסן. ג־טס שטימע רעדט א י ן דער קראַפט (ווען זי איז נאָך דאָ). ג־טס שטימע שאַלט א י ן דער שיינהייט. אין דער פראַכט (ווען זיי זיינען נאָך דאָ). אז —

„קול ה' שובר ארזים"! —

אַז ג־טס שטימע. אין זיינער צייט. ברעכט איין אי די שענסטע אי די שטאַר־קסטע טענענבוימער. אַז אַלע אויף דער וועלט איז פאַרגייענגליך. אייביג איז נאָר אויף יענער זייט...

דאָס מיינט ניט שרעק פאַר'ן טויט. וועלכער באַזיגט נאָר דעם ערדישן קערפּער ניט אָבער די אייביגע נשמה. דעם אויסערליכן לבוש ניט אָבער דעם אינערליכן מענטש. עס מיינט פילמער. מיט אָפּענע. אומפאַרבלענדעטע אויגן. זיך־רעכנונג־אָפּגעבעריש באַטראַכטן און אָפּשאַצן דעם לעבן און זיינע צילן.

* * *

חז"ל זאָגן: „המאבד נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאלו איבד עולם מלא 4). ד. ה. „ווער עס פאַרניכטעט א י י ן מענשענס לעבן איז גערעכנט

---

טעמא ויעבור בלא תחבול. ופשוט הוא דאע"ג דשייך הטעם מ"מ נאמרה בתורה רק אלמנה ולא גרושה. וע"י הטעם אין לנו לחדש דין מעצמנו. א"כ ה"נ אע"ג דהטעם שייך גם ביש לו בן ממזר מ"מ לא נאמר דין יבום אלא בבן אין לו. ויעוי' ברא"ש פ"ב דיבמות סי' ג' דבת נפקא לן דפוטרת מן היבום מלא ימחה פרט לזה שאין שמו מחוי מאחר שיש לו זרע כשר. (כן מוכח להדיא בירושלמי פ"ד ה"א). וכ' בקרבן נתנאל לאפוקי ממזר כיון דזרע פסיל הוא הוי שמו מחוי. (ויש לשאול בענין זה. מנ"ל לר"ש דהיינו טעמי דקרא ולא אחריני. ביחוד קשה בסנהדרין כ"ב ליכתוב כו' ולישתוק ואנא אמינא כו'. וכן בחבילת אלמנה דילמא משום צערא דאלמנה ועשירה בכלל. ומהו הפירוש עיין שם. וכמה לא דרשינן להיפוך דאינו כבן. ועיי' תוס' שם ד"ה בז. ואכ"מ.)

---

1) אבות. פ"ד. 2) איוב. ד', ט"ו. ט"ז. 3) תהלים. כ"ט. 4) סנהדרין. ל"ז.

ווי ער פארניכטעט א גאנצע וועלט". עבען אזוי איז דער פאל אויך דא ביים פארדארבן און מטמא זיין טיף אין גרונד דאס צו געבוירענדיקע אומשולדיגע קינד. *) דעסטא מער וואס פאקטיש אז זי מטמא נים נאר איר דאזיקן איינציקן קינד, זונדערן פיל מער. ווייל דאס דאזיקע קינד, דאס באהעפטע מיטן רוח־הטומאה, ניט איבער און אימפפט איין (איז מרכיב) דעם רוח־הטומאה אויך אין זיין נאכקומענשאפט. און ווען ער און זיינע קינדער זיינען זיך מתחתן מיט אנדערע אידן — מיט כשר׳ע — פארברייטערן זיי דעם רוח־הטומאה נאך ווייטער. און אזוי הייבט טאקי טהרת-המשפחה די טהרה פון גאנצן אידישן פאלק און די טומאת-המשפחה, חלילה, די טומאה פון פאלק. ווי מיר האבן אין אנפאנג באמערקט (זייטע 11) און אזוי ארום איז דער ענין פון טהרת־המשפחה נישט קיין פריוואט־זאך פון יעדער יחיד און יחידה, זונדערן א כלל־זאך; עס איז נישט קיין זאך פון יעדער יחיד און יחידה, וואס זאלן זאגן: אין מיינע פריוואטע אינטימע ענינים טו איך ווי איך וויל. — ווי יענער שיף־פאסאזיר האט געבוירט א לאך אונטער זיין פלאץ, און ווען מ׳האט פראטעסטירט, האט ער געענטפערט: „מישט זיך מיר ניט אין מיינע ענינים, איך בויער אונטער מיין פלאץ" 1) — זונדערן דאס איז א פאלקס־זאך, א נאציאנאלער אייגנטום פון כלל־ישראל. וואס מיר קענען פון די פארשוועכער מאהנען, אז זיי פארדארבן נחלת ישראל, זיינע גרויסע אייגנשאפטן און כשרונות, (ווי מיר האבן פריער דערקלערט). ווי דער גואל האט געזאגט צו בועז׳ן ביי א ענליכן פאל פון אריינפירן אין פאמיליע (נאך זיין מיינונג) א פסול-משפחה: „לא אוכל... פן אשחית את נחלתי" 2), ד. ה. איך קען ניט פארדארבן מיין נחלה (פאמיליע). מ׳זאל אפ אונז ניט זאגן דעם פסוק: „...נשים בקרבך לאויביך... אבלה איש בריריך" 3)....

דארום דארף זיין אייער הייליגער חוב, צו ארבייטן אויפ׳ן דאזיקן געביט. אויפצוהיטן טהרת־המשפחה מיט אלע כחות. איר טארט זיך ניט שעמען, איר דארפט זיך ניט שעמען, איר האט זיך ניט מיט וואס צו שעמען, איר האט ניט פאר וועמען זיך צו שעמען — נאר פארקערט. איר האט זיך ניט צו שעמען פאר יענע, נאר יענע דארפן זיך שעמען פאר אייך!

*) חוץ מגירמת הברת כשזרעו נכרת ובד"ש חייבין (ב"ק נ"ה:). ואע"ג דקב"ה עביד דינא דבנים קטנים בדינא, בכ"ז חל על האב חובת דמם ע"י גרמתו. כבראה משנת (ל"ב:) למ"ד בעון ציצית דכתיב גם בכנפיך נמצאו דם נפשות אביונים נקיים, בפירש"י נמצאו עליך חובת דם נפשות אביונים נקיים בנים קטנים שלא חטאו.

1) ויק"ר, פ"ד. 2) רות, ד׳ ו׳. 3) נחום, ג׳, י"ג.

* * *

איינינע אלגעמיינע באמערקונגן וועגן די פראגן־שטעלער אף די איינצל־דינים.

עס איז פאראן צוויי ארטן „פרעגן". פאראן פ ר ע ג ן און פאראן אפ־פרעגן. פ ר ע ג ן און אַ פ א נ י ר ן. פרעגן פרעגט אַ שואל בענין, ד. ה. דער וואס איז נ י ט קיין געגנער וואס איז נ י ט ס ו ת ר די זאך, וועגן וועלכע ער פרעגט; ער איז איר מקיים. ער שעצט איר. נאר ער ווייס ניט דעם גרונט און זוכט אויפקלערונג. באקומט ער זי, איז ער באפרידיגט און צופרידן, באקומט ער ניט — בלייבט ער אונבאפרידיגט. זיין באציהונג אבער צו דער זאך בלייבט ווי פריער א פאזיטיווע. א פ פ ר ע ג ן און אַ פ אַ נ י ר ן איז שוין עפיס אנדערש. דאס טוט א ג ע ג נ ע ר ער ו ו י ל סותר זיין און אויב מען דערקלערט י ע איז ער גאר מייסטענס אונ־צופרידן און זוכט און גריבלט רק ווידער אפצושלאגן. קורץ: דער פרעגער. דער שואל בענין זוכט די פ אַ ז י ט י ו ו ע זייט. דער אפאנענט דאנעגן — די נ ע נ א ט י ו ו ע. דאס שטאמט־אפ פון דעם. פון וועלכן אויסגאנגס־פונקט זיי קומען, פון רעליגיעזן אדער אונרעליגיעזן. פון גלויבינגן אדער אונגלויבינגן

נאך אנ'אונטערשייד איז פאראן צווישן זיי אין דער פארברייטונג א פרעגער קען זיין חאטש ער איז ניט פארבאריט און ניט באקאנט אין דעם ענין וועגן וועלכן ער פרעגט. (ער פרעגט דאך נאר און וויל וויסן). א אפפרעגער אבער, א אפאנענט מוז זיין גרונטליך באקאנט מיט דער זאך — אנדערש איז ער דאך ניט געוואקסן אריינצוזאגן א ברייטע מיינונג און אפאנירן. ניט זייענדיק קיין פאכמאן, גלאט אזוי מיר ניט דיר ניט. קען מען ניט אפאנירן.

ז י י נ ע ן עס די אפאנענטן אין אונזער פאל?

מ'קען זיכער ענטפערן: ניין!

דער גרעסטער טייל פון זיי באזיצט גאר קיינע פארבארייטונג אפן דאזיקן געביט. ניט אין תורה ניט אין וועלטליכער פאך־וויסנשאפט. זייער באציהונג טראגט מער דעם חאראקטער פון לייכטזיניגן אדער אמאל נאר הפקרות'דיקן אויסלאכן אלס ערנסטע קריטיק. בלויז צו אויסלאכן דארף מען דאך קיין חכמה ניט. דאס קענען אלע וואס זיינען בצורת אדם. „כקול הסירים תחת הסיר כן שחוק הכסיל" 1). (די דערקלערונג פון א גרויסן גאון איבערן דאזיקן פאראלעל איז באקאנט)

און ווער זיינען עס געווען די ערשטע „ברעכער"? ווייסן מיר דאך, אז דאס זיינען געווען די רייכע. און געבראכן האבן זיי ניט פון פיל חכמה נאר פון פיל געלט... (און אויב זיי בראווירן מיט'ן פסוק „בצל החכמה בצל הכסף".

---

1) קהלת ז', ו'.

איז עס דאך א טעות אין פשט). צום אומגליק נעהמען די לייכטזיניגע צווישן אונז גראדע די דאזיקע שיכטן פאר א מוסטער און טוען ווי נ א ך, „כי על כל גבעה גבוהה ותחת כל עץ רענן את צעה..." 1) — אף יעדן הויכן (לוקסעריעזן) בארג און (פון וואוילטאג) ברייט־צווייגיגן בוים לאגערסט דו. *) „איך תאמרי לא נטמאתי ראי דרכך בגיא" 2), (רש"י: סול בית פעור — ענטבלויזונג) — ווי קענסטו זיך זאגן „איך בין ניט טמא (אומווירדיג)", ועה נאר דיין פיהרונג אין גאי... פרעמדע שטינען שוין, צו אונזער חרפה, ווארפן אונז פאר און דרויען כמעט... (ווי אין פ. א. א.). עס יאגט אונז נאך די קללה פון דער תוכחה „...ואתה תרד מטה מטה" 3). — ... און דו זינקסט נידעריקער, נידעריקער.

די אידישע היסטאריע וויים ווידערהוילט צו דערציילן פון אזעלכע צייטן, ווען אין א גוטער־לאגע האבן מאנכע פארנאכלעסיגט די „טהרת המשפחה", אין א שלעכטער לאגע ווידער אפגעהיט. עס איז שוין אזוי, ליידער, „וישמן ישרון ויבעט" 4). רייך געווארן — געבריקעט; דאגעגן „בצר לך וגו' ושבת עד ה' אלקיך" 5). איינג געווארן — צוריק צו ג־ט. א איינגארטיגער „עבע און פלוט". (כמ"ש כי פנו אלי ערף ולא פנים ובעת רעתם יאמרו קומה והושיענו 6), ות"י בעידן דבישתא אתיא עליהון כ פ ר י ן ב ט ע ו ת ה ו ן ומודן קדמי ואמרין רחים עלנא ופרוקנא). אזוי געפינען מיר ביי חז"ל אף יכניה מלך יהודה, ווען ער איז געווען מיט זיין פרוי אין געפאנגענשאפט און אפגעהיט די דיני טהרה. „אמר לו הקב"ה: בירושלים לא קיימתם מצות זיבה ועתה אתם מקיימין כו'. אמר ר' שבתי לא זז משם עד שמחל לו הקב"ה על עוונותיו" 7), אין ירושלים האט איר נים אפגעהיט. אין געפאנגענשאפט — יע. זאגט אף דעם ר' שבתי, אז הקב"ה האט אים דאן מוחל געווען אף זיינע זינד, (ווייל אז ער האט זוכה געווען צו אזא גילוי, אויפצונעהמען א איינלויכטונג פון הקב"ה, איז א באווייז אז מ'האט אים מוחל געווען די זינד. א רשע איז נים זוכה דערצו) ווי ברייט און באצייכנענדיק זיינען די דאזיקע ווערטער פון חז"ל, וועלכע וויטנייענדיקע געדאנקן דערוועקן זיי סיי אין מצב פון; אונזער פאלק סיי אין כח פון תשובה

און מערקווירדיס ווי אונזער היסטאריע דרייט זיך ווידערהוילט אף א געוויסן אקס. אין אונזער לאנגער גלות־וואנדערונג זיינען גרויסע טיילן פון אונזער פאלק איצט ווידער אריינגעפאלן אין אזעלכע ניפטיגע אטמאספערן,

---

*) כל מקום שאתה מוצא הר גבוה וגבעה נשאה ועץ רענן דע שיש שם עבודה זרה 8) — וואו ס'איז א הויכער בארג (אויך א אויפגעטורמטער פון גאות א. ז. וו.), דארט שטעקט געוויס עבודה זרה...

---

1) ירמי', ב', כ'. 2) שם כ"ג. 3) דברים כ"ח, מ"ג. 4) שם ל"ב, ט"ו. 5) שם, ד', ל' 6) ירמי' ב', כ"ז. 7) ויק"ר ספי"ט. 8) ע"ז, מ"ח.

אין וועלכע אונזערע פעסטונגען, וואס מיר האבן געזאגט „בצלם נחיה בגוים" (אין זייער שוץ וועלן מיר אויך קענען מענשליך לעבן צווישן די פעלקער), זיינען געווארן גרונטליך רואינירט . . . אין אזא שווערע צייט, ווען דער קיום-האומה ווערט אין זיין טיפן גרונט אזוי שרעקליך בארויט, פילן מיר אין שוידער, אז איין פעסטונג נאר איז אונז געבליבן. די פעסטונג וואס האט אונז געשיצט און אויפגעהיט אונזער קיום אלס פאלק אין די טויזנטער יארן פון פורכטבארן גלות, דאס איז: „לך עמי בא בחדריך" — גיי מיין פאלק שליס זיך איין אין דיינע אייגענע געצעלטן... אוי וועה, די געצעלטן זיינען אבער שטארק פארלאזן און אפגעלאזן, פול ריסן און פליקן, פרוץ מרובה על העומד. רואינען מער ווי דאס עקסיסטירנדיקע... און דא דערמאנט זיך אונז נאך אמאל די ווערטער פון ב. באנעטה וואס מיר האבן שוין פריער דערמאנט: „ווי גוט מוז עס שטיין מיט דער היניעניע פון א פאלק (ישראל), וואס צוויי טויזנט יאר פון אונפרייהייט און באדריקונג — וועלכע ברייגנען געוואוינליך צו נידעריגסטע ליידענשאפטן — האבן אים ניט געקענט ברייגנען צו דעגענעראציאן". (זעה ז. 19). דאס איז אבער צום גליק ביי אונז אין האנט צו פארריכטן — דאס איינציגע וואס איז אין אונזער אויסשליסליכן רשות!

ג—ט ווייס צי וועט מען נאך אמאל ניט זאגן: בירושלים (אדער בירושלים דגולה) לא קיימתם... ועתה אתם מקיימין.

עס איז אומפערצייליך אין לעבן בכלל און אין אזעלכע פראגן בפרט צו באציהען זיך מיט לייכטזין, אפ'פטרן פון דער האנט.

די וועלט איז ווייט ניט אזוי פשוט און איינפאך ווי מאנכע ווילן זיך לייכטזיניק פארשטעלן, פון קליינעם קיצור. וואס מיר האבן אין משך פון אונזער צעשפרעך אנגערירט, קען מען זיך שוין אויך איבערצייגן ווי ווייט און ווי הויך די ענינים דערלאנגען, איז אלזא ניט נאר א זינד, זאנדערן אויך א אונפארצייהליכע נארישקייט צו באציהען זיך צו דעם מיט א געוויסן לייכטזין.

די וואונדערבאר קאמפליצירטע קאנסטרוקציע פון מענשליכן וועזן אין דער וואונדערבאר קאמפליצירטער וועלט, (דער גרעסטער וואונדער, ווי דער קערפער מיטן גייסט זיינען פארבונדן און ווירקן געגנזייטיג אויפאיינאנדער) און דער סודות-פולער לעבן מיט זיין פון אונז פארבארגענעם ציל ווידער-הוילט זיך ניט. היט זיך ניט צו פארוואנדלען אים אין א פוסטן אונווידעררופליכן קלאנג.

צו די ערנסטע פרעגער-אפאנענטן וועלן מיר זיך ווענדן מיט א גענן-פראגע: ווייסט איר ניט אז אפילו דער ווינקלשטיין פון דער פיזיק, דער קויזאליטעטס-געזעץ, ווי מיר האבן שוין דערמאנט, קען ניט ווערן דערקלערט סיידן מ'זאל צורופן צו הילף נאך א כח, א גייסטיגן, וועלכער איז אונז גאנץ אונבאקאנט? (זעה ז. 85). ווייסט איר אפשר א דערקלערונג אף ליביך'ס

רעטעניש־וואונדער. וואס ווייזט עפעס יע א הבדל בין מים למים. ווי מי׳ האבן פריער דערמאנט? (זעה ז. 46). ווייסט איר דען ניט אז אונזער יע־ וויסן אין דער נאטור איז ווי א טראפן און דער גאנצער ים סודות בלייבט אונז אונדערקלערט? איך וועל ניט אנפירן פיל פרטים איך וויל נאר דערמאנען וואס דער פילאזאף ה. פאיהינגער. וועמענס קאפיטאל־ווערק („די פילאזאפיע דעם אלס אב״) איז זעהר פארשפרייט און אנגענומען געווארן אין דער וועלט, ווייזט אן אף צאהרייכע פיקציעס, אף וועלכע ס׳זיינען געבויט פארשידענע צווייגן פון וויסנשאפט און קומט דאריבער צו דער „אלס־אב־פילאזאפיע״. פראפ. ה. בערגמאן אין זיין אפשאצונג פון פאיהינגערס סיסטעם פירט אויס: ער האט באלויכטן דעם פאקט, וואס דער ניינצענטער יארהונדערט אין זיין בארוישונג (פארשיכורטקייט) פון פראגרעס און זיין אמונה אין וויסנשאפט האט ניט געזעהן און ניט געוואלט זעהן. די וועלט פון וויסנשאפט איז א וועלט אין קאנסטרוקציע. א וועלט אינטערוועגס (אין ווערדען). די וויסנשאפט גיט אונז ניט די רעאליטעט (ווירקליכקייט), נאר דעם וועג צו איר. די דערגרייכונגען פון וויסנשאפט זיינען א סימבאל פון ווירקליכקייט [1].

אין דא וועט אפשר זיין אם פלאץ צו דערמאנען נאך עטליכע ווערטער פון באקאנטע וויסנשאפטס־לייט פון דער לעצטער צייט, מיט וועלכע אונזערע אפגעגעבענע רעכענען זיך אפשר מער ווי אנדערע...

דער בארימטער אסטראנאם־פיזיקער פראפ. פון אקספארד אוניווערזי־ טעט סיר א. עדינגטאן זאגט:

„די וויסנשאפט מעסט די פיזישע נמצאים. דאס וואס מיר ווייסן פון די פיזישע נמצאים — זיינען נאר צאלן, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די רעזולטאטן פון אונזערע מעסטונגן. אבער די וויסנשאפט דערציילט נאר ניט וועגן דער אינערליכער נאטור פון די פיזישע נמצאים. א פיזישער אטאם איז נאר א טאבעלע פון צאלן, וועלכע מיר באקומען דורך אונזערע מעסט־אינסטרו־ מענטן. די דאזיקע צאלן זיינען פארבונדן מיט אומבאקאנטער רעאליטעט. פארוואס זאל מען ניט אננעהמען, אז זיי זיינען פארבונדן מיט א גייסטיגער רעאליטעט? עס קען זיין, אז א געוויסע נאענטקייט צו דער גייסטיקייט איז פראן אין דער אינערליכקייט פון די אויסערליכע נמצאים״ [2]. *).

„אפשר איז נאך ניטא קיין רעכט צו באהויפטן, אז די פיזישע ווירקליכקייט איז גייסטיג, אבער מ׳קען שוין זאגן אז זי איז ניט מאטעריעל״ [3].

„מ׳קען זאגן (הגם דאס איז דערווייל נאר א היפאטעזע). אז די פיזישע ווירקליכקייט איז אין איר אמת׳ן מהות — פסיכיש״, [4].

---

*) אוי להם לבריות שרואות ואינן יודעות מה הן רואות. (חגיגה, י״ב).

---

1) הוגו בערגמאן, הוגי הדור, צד 79.

2) Sir Arthur Eddington „The Nature of the Physical World", Cambridge 1929 pp. 258—260. 3) ibid p. 275. 4) ibid p. 279.

„מיר ווייסן סוף כל סוף נאר ניט פון דעם אינערליכן מהות פון די פיזישע נמצאים. מיר קענען נאר זאגן, אז זיי זיינען ווירקונג, אקטיוויטעט" 1).

„די נייע טעאריען לייקענען אפ דעם דעטערמיניזם. ניטא קיין אבסאלוטע נויטינקייט בנוגע דער באוועגונג פון אנ'עלעקטראן אין קומענדיקן מאמענט. דער עלעקטראן האט מעגליכקייטן פון פארשיידענע באוועגונגן. (זעה אויך אויבן זייטע 85). אף אזא אופן איז פראן ניט נאר אין אונזער גייסטיגער וועלט, נייערט אויך אין דער פיזישער וועלט פלאץ פאר ניט געצוואונגנקייט, וואס מ'קען אנרופן פרייהייט (בחירה)" 2). *).

א דיאמעטראלער געגנזאץ צו יענער שיטה וואס נעגירט די בחירה אפילו ביי מענש;.

אונזערע אפאנענטן פון מיטעלער האנט, וועלכע זיינען, ווער ווייס פאר וואס, אזוי לייכט איינגנארטינע „ספעציאליסטן" אין רעליגיאנס־פראגן און בלייבן שטיין מיט אראפגעלאזטע הענט און יראת־הכבוד ווען קלינגעדיקע נעמען פון וועלט-אויטאריטעטן שטרייטן אונטער זיך אין פילאזאפישע פראגן — ווען דא אריינקומען אין א זאק-גאס (טופיק). נעם און געה צוריק... וואוהין און ביז וואנען ?

און אט טאקי נאר א וואונדערליכע איבערראשונג:

דער בארימטער ביאלאג, נאבל־פרייז־טרעגער ד"ר א. קארעל איז געקומען צום מערקווירדיקן אויספיר ווען מתפלל זיין פאר א חולה... 3).

אט זיינען בוכשטעבליך זיינע ווערטער:

„די אויסהיילונג פון קראנקייטן אפילו ארגאנישע, ווי וואונדן אדער קרעבס, איז מעגליך דורך תפלה. מ'קען ניט האבן קיין ספק ווען פאלן, וואס זיינען פארגעקומען אין לורד, ווען וועלכע די דארטיגע שטאטישע מעדיצינישע פארוואלטונג זאגט עדות... דאס באווייזט א אומבאקאנטע באציאונג צווישן פסיכישע און ארגאנישע דערשיינונגען" 4).

רעליגיעזע מענשן זוכן אנטשיידונג איבער אזעלכע ענינים אין גאנץ אנדערע מקורים. אונזערע אפאנענטן אבער האבן זיך איבער די ווערטער פון ד"ר קארעל — אומגעוואוינליכע אין מויל פון א ביאלאג — א. א. מער צו פארטראכטן און צוזעהן ווי ביי מאנכע גרעניצן קאפיטולירט פארלייפיג די וויכנ־שאפט. זאל זיך יעדער טראכטן איבער דעם ווי ער וויל. איינס אבער מוזן אונזערע

---

*) יש להעיר ממאמר תמוה בב"ר פכ"ו, דא"ר אלעזר אין לך שהוא מתחייב באדם הזה אלא אדם כיוצא בו [פי' שאם מזיקו ותובעים עליו בדיני שמים] כו' א"ר אחא אף אילני סרק עתידין ליתן דין וחשבון. ועיי' בס' חסידים סי' תשצ"ז מה שפי' בזה.

1) ibid p. 290. 2) ibid pp. 306 — 312, 332.

3) עיי' ב"ב, קמ"ז. 4) Alexis Carrel „Man the Unknown". p. 49.

אפאגעגטן ארויסדרינגען דערפון, געמליך: דאס באַרופן־זיך אף די וויסנשאפט איז פאר זיי ניט שטענדיק זיכער און אמאל אפשר גאר ריזיקאליש.

אויף אזא אופן — מיין איך — קען מען נאר זיין א שואל כענין, זוכן דער קלערונג, העכסטענס סקעפטיצירן, ניט אבער מיט געוויסהייט זיין א סותה, א ברעכער. און צו א סקעפטיקער קען מען זאגן: דו לאזט אפשר דורך אזעלכע זאכן, וואס דו וועסט צוריק ניט קענען כאפן... ביי אזא נעהיימניס־קאנסטרוקציע מוז מען זיין זעהר פארזיכטיג מיט באהויפטונגען.

דערצו נאך מוז מען צוערשט אפשאפן דעם באוואוסטן ארייגגעריסענעם ווידער־ווילן, איך וואלט זאגן: פאראורטיילן נעגן אומגערעכט געגאנטע „פאראורטייקן”. און צוגיין מיט א גוטן רצון און גוטע כוונה. ס'וואלט אפשר זיין גאנץ רעכט — אפילו מיט ליבע און פיעטעט צו די ווארצלען, צווייגן מיט די בלימעלאך צוזאמען. מיר האבן, דוכט זיך, דארויף גוטן גרונט און גוטעס רעכט באזונדערס איצט, ווען א שטיק קולטור־וועלט איז אונטער געווייטע ווינטן נאר פלוצים אוועק צו אפגעטער. וואס עס באווייזט אז די פריהערע אנגעהמונג פון נ־טליבע יכודיות איז ביי זיי געווען נאר אויבערפלעכליך, ניט איינגעווארצלט. ווערענד מיר — מיר אלע גלייך! — זיינען געבליבן טריי שטיין ביי אונזער ריינעם הויפט־קוואל, ווייל דאס איז איינגעקריצט אין אונזער נשמה און אין אונזער בלוט, אין אונזער גאנצן יעזן. און כחכמת דעם מעגן מיר איצט באזונדערס שטאלץ זיין און רעכענען זיך טאקי פאר א עם סגולה... איז אפשר איצט, אין אנגעזיכט פון „שמים הדשים און ארץ הדשה”, פון נייע האריזאנטן און נייע אטמאספערן, איצט ווען עס הערן זיך שוין „ווידויים” פון מאנכע זייטן, איז אפשר איצט שוין די צייט ערנסט צו רעווידירן יענע נעגירנדע אידייען צוזאמען מיט די שטארק אפגעבלאקעוועטע פארם און כגנון, וואס־זיינען אנטשטאנען ביים אידישיין פון גאנץ אנדערע באדינגונגן און שטימונגן?

באטראכט זיך!

אלע האבן אידישע הערצער, מ'דארף נאר עפענען מיט דעם ריכטיגן שליסל.

איינס מוזן מיר זאגן יעדערן, גאנץ ענאל אויב ער איז איבערצייגט פון דאס געזאגטע אדער ניט, אויב ער איז איינפארשטאנען אדער ניט:

דאס איזא צינל פון א גרויסן בנין, א רינגעלע פון א גרויסארטיגע קייט, א שרייפל פון א וואונדערבולע מאשינע. יעדער איינצל־טייל פון א מאשינע און אין פיר זיך האט זיין אנטשפרעכנדן ווערט. טויזנטער מאל גרעסער אבער איז זיין ווערט ווען ער איז ניט קיין אליין־שטייענדיקער טייל זונדערן אנ'אקטיווער גליד פון א פונקציאנירנדיקער מאשינע. מיט וועלכן אלע איבריגע גלידער זיינען פארבונדן. ברעכט ניט די טייל, רואינירט ניט דאדורך די גאנצע מאשינע!

איך וועל דא מיט די אפּאָנענטן ניט אריינלאָזן זיך אין א רעליגיאָנס־דיספוט. אין רעליגיאָן־פילאָזאָפיע. איך וויל נאר זאגן א פּאָר פּשוט'ע ווערטער:

די גלויביקע לעבן אָפּ א גליקליכן לעבן, די אומגלויביקע — פאַרקערט!

איינער א דייטשער דיינקער שרייבט. אז ניצשע *) האט געלעהרט: „די זינן" און צוועקלאָזיגקייט דעם דאַזיינס צו בעיאַהען אונד אין איינעם הערא־אישן פעסימיזמוס אויס דיזער בעיאהונג הערואוס צו לעבן, מאַכטווילליג דיעסזייטיג אונד זינגעבענד". אויף פּשוט אידיש: ניצשע לערנט מחליט צו זיין, אז דאס לעבן האט ניט קיין זינן און ניט קיין ציל. און פון דער דאזיקער החלטה ארויס צו לעבן אין א העראאישן פעסימיזמוס מאַכטוויליג און אריינ־בריינגנדיק א זינן.

וויפל מענשן קענען אבער באַזיצן אזא מין הערואיזם? ווער און וויפל קענען עס איז אנ'אבסאָלוטער צוועקלאָזיקייט און זינלאָזיקייט אריינגעבן א זינן?

דאָס יודנטום האט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער פראגע פון צוועק־לאָזיקייט און זינלאָזיקייט פון מענשענס לעבן אף ד ע ר וועלט. אף וואס ס' איז געקומען פאַרקערטע פאָלגענדיקע תשובה:

אז מיר זעהען די גאַנצע וועלט מיט איר וואונדערבארער קונסט און זעלטענער הארמאָניע. אז מיר זעהען דאס גרויסע וועלטאלל (אוניווערזום) מיט זיינע מיליארדן שטערן־וועלטן אין געוואַלטיקע מרחקים, פארשטייען מיר אז דא איז פאראן א אומבאגרייפבארער מייסטער, וואס האט אלץ באשאפן. „השמים מספרים כבוד קל" — „די הימלן (מיט זייער וואונדערליבקייט) דערציילן ג־טס כבוד". („כשם שהבגד מעיד על האורג והבנין על הבנאי, כך העולם מעיד על השי"ת 1) — ווי דאס קלייד זאָגט עדות אפן וועבער, די געביידע אפן בוי־מייסטער, אזוי זאגט די וועלט עדות אף השי"ת). אזא גרויסער מייסטער האט אין זיין שאפונג געוויס א הויכן צוועק. אבער וואס פאר א צוועק, וואס פאר א זינן זעהען מיר אף דער וועלט? איז עס דען א צוועק פאר אזא גרויסן מייסטער אין מענשענס לעבן עסן און טרינקן, שלאָפן און שטארבן? וואס איז דאס אזיינס?

אט געראדע אָ די געוואַלטיקע קשיא דינט אלס שליסל צו דער דערהאַ־בענסטער און באגליקנדער וועלט־אנשויאונג:

---

*) פרידריך ניצשע, א באריהמטער דייטשער פילאָזאָף פון לעצטן דור, וואָס איז געווען א כופר אין גייסט פון מענשן און אויפגעהויבן אלס אידעאל דעם קערפּערליכן כח. „ועל חרבך תחיה". געווען א שונא פון יודנטום און רעליגיע בכלל און טרויעריג געענדיקט זיין לעבן אלס גייסט־קראַנקער.

1) מדרש תמורה.

אונזער פלאַנעטע „ערד" איז ניט א זעלבשטענדיקע, אויסגעטיילטע פאר זיך פון דער גאנצער בריאה, זונדערן נאר א טייל פון איר און פאַרבונדן מיט די אנדערע און אויך מיט העכערע גייסטיגע וועלטן. „העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא" 1) — „ד י וועלט איז ווי א פאַרהאַלע צו י ע נ ע ר וועלט". דעם מענשענס אויפגאבע און עקסיזטענץ ענדיגט זיך ניט מיט דעם ערדישן „לעבן" — „לעבן" אין איינגן פון אונז פארשטאַנענעם זינן — זונדערן ער בלייבט אייביג אין די ווייטערדיקע עטאַפן, אין די העכערע גייסטעס-וועלטן. אלזא איז טאקי אמת, אז דאס עסן און טרינקן, שלאָפן און לאזן זיך וואוילגיין אף ד ע ר וועלט, אף דער פלאנעטע „ערד", איז ניט קיין צוועק, אבער דער צוועק איז ווייטער און העכער אף י ע נ ע וועלטן, וועלכע דינען אלס פאַרטזעצונג צו ד ע ר וועלט. „התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין" 2). „גרייט זיך צו אין פאַרהאַלע כדי דו זאלסט ווי געהעריג אריינקומען אין סאַלאָן". אָט דא עפינט זיך א ברייטער ליכטיגער האָריזאָנט פארן מענשן און די גאנצע בריאה באקומט גאר אַנ'אנדער גלאַנץ.

ווען איר אפשר פרעגן, ווי קענען עס מעשים פון דער נשמיות'דיקער וועלט זיין א פאַרברייטונג צו דער רוחניות'דיקער וועלט? וועל איך אייך ענטפערן: זעט איר דאך, אז אין מענשן זיינען פארקניפט צוזאמן דער קערפער מיטן גייסט. א זאך וואָס אלע וויסנשאפטס-לייט מאטערן זיך צו פארשטיין ווי און וואו קענען זיי זיין פארקניפט. עס איז דאך אבער א פאַקט. אזוי קען אייך די גשמיות'דיקע וועלט זיין פארקניפט מיט דער גייסטער-וועלט און די מעשים אף ד ע ר וועלט קענען דינען אלס פאַרברייטונג צו י ע נ ע ר וועלט. עס זיינען פראן זיכטבארע רעזולטאטן פון אונזערע מעשים, טאָן און דיינקן און אונזיכטבארע רעזולטאטן, און די דאזיקע אונזיכטבארע רעזולטאטן דערגרייכן עס ערגיץ וואו ווייט, ווייט....

אט פון ד ע ר באגליקענדער טעאָריע לייכטן שוין ארויס די גרויסע יסודות פון דת:

א) מציאות ה' אלס שעפער פון וועלט-אלל.

ב) השארת הנפש, די אייביקייט פון מענשענס נשמה, וועלכע זעצט פאָרט איר לעבן (גייסטיגן, נאטירליך) אין גייסטער-וועלט. („וחיי ע ו ל ם נטע בתוכנו" — אייבינעם לעבן האָט ער אין אונז איינגעפלאנציט).

ג) שכר ועונש (באלוינונג און באשטראפונג), לויט די פארשידענע שיטות הראשונים, פאר די מעשים און פאַרברייטונג אין עולם-פרוזדור (ווייל אויב ניט, אויב אלע גייען גלייך אין „טרקלין", האט דאך דער מענש איבערהויפט ניט גע־דארפט פריער קומען אין „פרוזדור", וועלכער האט אן און פיר זיך קיין צוועק ניט פאר אים, נאר גלייך קומען אין טרקלין).

ד) „ואהבת לרעך כמוך", נעכסטן-ליבע, ווי די חז"ל רופן עס אן: „זו היא כל התורה כולה" 3). (ווייל אויב „אב אחד לכולנו קל אחד בראנו" 4).

1) אבות פ"ד, מ"ז. 2) שם. 3) שבת, ל"א. 4) מלאכי, ב', י'.

אז איין בורא, איין פאטער, זיינען דאך אלע מענשן ברידער), און ממילא שוין פון דאזיקן יסוד דאס רוב דיני התורה פון צדק ויושר, צדקה וחסד, אלץ וואס איז שייך בין אדם לחברו.

ה) וויבאלד אז דער גוף מיטן נפש — הימלישעס און ערדישעס—זיינען באשאפן געווארן פארקניפט, האבן זיי געוויס די מעגליכקייט ניט צו זיין נעננעריש אדער פארטיקולירט (געטיילט), זונדערן קענען פילמער זיין האר-מאניש אלס איינס און אזוי דארפן זיי דורכגעלעבט און אויסגעאיבט ווערן דורכ׳ן מענשן. ער דארף ניט מיסברויכן מיט קיינעם פון ביידן. ער דארף זארגן פאר ביידן אין געהעריגער מאס. ניט טויטן דעם קערפער אסקעטיש צוליב דעם נפש. *) ניט בארויבן דעם נפש צוליב דעם קערפער. נייערט אלץ אין דער ריכטיגער מאס, ווי די חז"ל דריקן זיך אויס מיט זייער וואונדערבארן

---

הערה.

*) כתיב (דברים, ד׳, ט׳) השמר לך ושמור נפשך, ומזה אמרו ז"ל (שבועות ל"ו.) שהמקלל עצמו עובר בל"ת, והרמב"ם (פי"א מרוצח ה"ר) כתב שהסרת המכשולות בכלל מ"ע זו דשמור את נפשך. ועל האמור בפסוק ט"ו שם ונשמרתם מאד לנפשותיכם עיי׳ ברכות ל"ב. ובאמת פסוק ט׳ מיירי בר"ת כדכתיב בתרי׳ פן תשכח את הדברים האלה וגו׳ ופסוק ט"ו עיקרו בע"ז מיירי כדכתיב כי לא ראיתם כל תמונה וגו׳ פן תשחיתון ועשיתם לכם פסל וגו׳, והאיך הושאו לעניני הגוף? ולהאמור יש להמתיק, דהנפש מקושרה עם הגוף בקשר מהודק כ"כ עד שבחלות הנפש יחלה גם הגוף וסינוף הגוף יחליש גם הנפש, ואמרו ז"ל אלו הם יסורין של אהבה כל שאין בהם ביטול תורה (ברכות, ה׳). הרי דע"פ הרגיל יש ביטול תורה תקרא חוסא (תענית, י"א). ואמרו ז"ל (פסחים, ס"ח:) הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם מ"ט יום שניתנה בו תורה הוא. היינו דביום שניתנה בו תורה דוקא אינו יוצא ביושב ושונה כל היום כר"א בשאר יו"ט אלא בעינן גם עונג הגוף ושמחה הקשורה בו.

(אגב, קורטוב של הלכה מפרי הרגע. בתוס׳ שם (ד"ה הכל מודים) תימא לריב"א אם כן מאי קאמר ר"א מה ראיה רשות למצוה דנימא עצרת תוכיח שהיא מצוה עכ"ל. ולכאורה קשה על דבריהם. דז"פ דר"א לא סאמר בכלל מסברא דא"א דיגזרו שבות למניעת מצוה דא"כ הי׳ ר"י יכול להשיבו גם משופר דאין עושין בו דבר שהוא משום שבות (ר"ה ל"ב:). אלא דמשם אין תשובה משום דלא נדחה בשביל מצוה זו איסור תורה וה"נ מצו רבנן למיגזר. ור"א קאמר רק דהיכא דהתורה התירה איסור בשביל המצוה כמו בשחיטת פסח לא יבואו רבנן למיסר דלא דחיא שבות דידהו. וא"כ הרי אין לומר עצרת תוכיח, דהא גם בעצרת לא התירה התורה איסור מלאכה ב ש ב י ל ה מ צ ו ה , שהרי גם בשאר יו"ט הותרה מלאכה בשביל רשות ועצרת דמצוה לא גרע מינייהו. וצ"ע).

סיצור: „שני לוחות הערות" — כנגד שמים וארץ כו' כנגד העולם הזה והעולם הבא כו' א"ר חנינא לחת כתיב, לא זו גדולה מזו" 1) *) ד. ה. צוויי לוחות —

---

הערה.

*) ענין „העולם הזה והעולם הבא". מלבד מה שהתורה בכלל מקפת כל חיי האדם כבחייו הרוחניים כן בחייו החומריים. עוד נבלט יותר, שחמש דברות היו בלוח אחד וחמש בשני. חמש הראשונות במה שבין אדם למקום וחמש האחרונות במה שבין אדם לחבירו. ואמר ששניהם כאחד חשובים ואין זו גדולה מזו. וכן ראיתי שפירש היפה תואר. אמנם עוד יותר מזה לוטה כאן. בפירוש מהרז"ו הקשה, למ"ל לרב חנינא למידרש דשניהם שוים מרכתיב לחת חסר והרי ש נ י לוחות כתיב ובהרבה מקומות דרשינן מזה שיהו שניהם שוים, כמו גבי שני שעירי יוהכ"פ ועוד. עוד ק"ק הדרשא מלחת חסר, והרי לוח הוא לשון זכר ובע"כ אע"פ שכתוב חסר אתה יכול לקרוא רק לוחות ברבים ולא לוחת כיחידה נקבה. (ובתלמוד נמצא גם „לווחים", שבת מ"ז. לווחים של סקיבס).

ונראה לי דלוטה כאן עוד כוונה אחרת. ונקדים אמרם ז"ל: „יודוך ה' כל מלכי ארץ כי שמעו א מ ר י פיך" — מ א מ ר פיך לא נאמר אלא א מ ר י פיך. בשעה שאמר הקב"ה „אנכי" ו„לא יהיה לך" אמרו אומות העולם; לכבוד עצמו הוא דורש. כיון שאמר „כבד את אביך ואת אמך" חזרו והודו למאמרות הראשונות. רבא אמר מהכא: „ראש דברך אמת" — ראש דברך ולא סוף דברך? אלא מ ס ו ף דברך ניכר ש ר א ש דברך אמת 2). והמאמר מבקש ביאורו כמובן. וביאורו הפשוט לדעתי הוא, שמכיון שאמר דברות הראשונות חשבו אוה"ע שהקב"ה בא רק לסדר יחס האדם למקום, לעבודת ה', אבל לא בא גם לסדר חיי החברה האנושית ולחוקק חוקים שעל פיהם יחיו כקיבוץ מסודר ומאושר בעוה"ז. וכיון ששמעו דברות האחרונות שהן במה שבין אדם לחבירו חזרו והודו לדברות הראשונות. כלומר אז הבינו שגם „אנכי" ו„לא יהיה" מלבד היותם ע"פ עצמם דינים שבין אדם למקום הם משמשים גם הקדמה ויסוד למה שבין אדם לחבירו. דאי לאו הא לא קיימא הא. שאם אין יראת ה' בלבב אין בסים ויסוד לשמירת הדינים שבין אדם לחבירו. כמ"ש „ותשחת הארץ לפני ה' — ומיד — ותמלא הארץ חמס" 3). „רק אין יראת אלקים במקום הזה — כמילא — והרגוני על דבר אשתי" 4). (את"ז מצאתי בן בס' נרבות פז). וזוהי גם כוונת ר' חנינא „לחת כתיב" (חסר), דהיינו ששני הלוחות הם חטיבה אחת. ולא רק שני חלקים שוים בערכם (כמו שפי' היפ"ת). וזה א"א למידרש מ„שני" ששניהם שוים, דמזה היינו יודעין רק ששוין ולא שהם כ א ח ד. ואופן דרשת דבר זה מ„לחת" נ"ל לפי הצעה זו:

כתיב: „ביום ההוא יגלה ה' בתער ה ש כ י ר ה בעברי נהר במלך

---

1) ש"ר. פמ"א.
2) קידושין, ל"א. 3) בראשית, ו', י"א. 4) שם, כ', י"א.

א סימבאָל פון הימל און ערד, פון ד י וועלט און י ע נ ע וועלט, ניט צוויי נעזונדערטע נאר איין דאָפּל-שטיק, איינער ניט־נרעסער פ ו ן צווייטן.

---

אשור את הראש ושער הרגלים וגם את הזקן תספה" 1). ופירשו המפרשים למלת ש כ י ר ה — ג ד ו ל ה או שכורה, וזה רחוק דאיפוא מצינו ששכירה היא גדולה, ואם שכורה (מן שכר) הי' צ"ל שכורה בוא"ו, ועל כולם קשה שתער הוא בכל מקום באין יוצא לשון זכר והיה צ"ל „השכור" או „השכיר" ולא בלשון נקבה „השכירה"? לכן נ"ל לומר ע"פ שתי הקדמות אלו:

א) בשפות החדשות יש שם הקיבוץ (מיחידים רבים) הנבנה ע"י פרעפיקס ידוע בראש שם היחיד. (באשכנזית — „גע", ברוסית — „סא" וכו', כמו „האלץ" (יחיד) געהאעלץ (קיבוץ עצים), זוויעזדא (כוכב, יחיד) סאָזווייעזדיע (קבוצה של כוכבים)). בעברית לא נודע השימוש בשמות קיבוץ כאלה. ואולם מצאנוהו במאור עינינו רש"י ז"ל בירמי' ו', ו' „כרתו עצה" שפירש: לא מפיק ה"א כו' לשון הרבה עצים כמו דגה לשון דגים הרבה, והיינו דאין „עצה" בינוי לנקבה (עץ שלה) אלא שם הקיבוץ (עצים הרבה — געהילץ). וכן גם בישעי' כ"א, ב', „כל אנחתה השבתי" פירש רש"י ז"ל: לא מפיק ה"א לפי שהוא כמו כל אנחות שבעולם והוא לשון אנחה מרובה של אנשים רבים. והיינו שם הקיבוץ בבשפות הנ"ל ונבנה ע"י הוספות ה"א בסוף שם היחיד: „עץ" — יחיד, „עצה" — עצים הרבה, „אנחה" — יחידה, „אנחתה" (כמשפטה שהה"א הראשונה מתהפכת לתי"ו) — קבוצת אנחות (געזויפץ).

ב) ידוע בדברי הימים, שמושלי הקדם העריצים (דעספאטן) אשר רצו וירוצצו את עמי מדינותיהם, בפחדם מפני מרד המדוכאים בהכשל כח סבלם, לא יכלו לבטוח על חיל אשר יורם מתוך התושבים, כי ירעו לחשוש שבפרוץ מרד לא יעשו כפקודת המושל לשום ולהרוג את העם, עצמם ובשרם, אלא יחוסו על אחיהם ואף גם יתוספו עליהם. לכן כל תקפם ועוזם של המושלים הללו היה נשען על חיל שכור מעמי נכר אשר בבוא יום פקודה והרגה לא יחוסו על התושבים הזרים להם ויגזרו על ימין ועל שמאל, כמ"ש „גם ש כ י ר י ה בקרבה כעגלי מרבק כי גם הם הפנו נסו יחדיו לא עמדו" 2). כלומר גם החיל העז והחזק של ה ש כ י ר י ם נסו ולא עמדו ביום פקודה. (כך הוא לדעתי הפירוש הפשוט והנכון, וכן פירש הרד"ק שם). והנה שם „זאָלדאט" או „זעלדנער" הונח מתחלה על איש צבא שכור שבא על שכרו ונגזר ממלת „זאָלד" שפירושו שכר, ובהעתקה נאמנה לעברית יהי' „שכיר", נגזר מן „שכר", כמו שנקראו בירמי' בכתוב שהזכרנו „שכירים". וברצותנו לבנות ממלת „שכיר" (זאָלדאט) שם הקיבוץ, דהיינו חיל צבא שכור (נערוננענעם מיליטער) נוסיף, כאמור, ה"א בסופו ותצא לנו מלת „שכירה" שאינה תואר אלא שם קיבוץ. ולזה אמר הכתוב: ביום ההוא ינלח ה' בתער ה ש כ י ר ה, דהיינו בתער הנורא

1) ישעי', ז', כ'. 2) ירמי', מ"ו, כ"א.

דאָס אַלץ טאָר אַ מענש ניט פאַרגעסן, ניט נאָר ווייל מ'טאָר ניט, נאָר אויך דערפאַר ווייל אַז ניט איז מען קיין בעל־שכל ניט. *)

---

של תילה שכירים, את הראש כו'. וכן אפשר גם כאן באה הדרשה על יסוד זה: „לחת כתיב". חסר, כלומר דאפשר לקרוא לוחת, והיינו שהוא שם הקיבוץ בנפרד לוחה, נגזר מן לוח בהוספת ה"א לסימן שם הקיבוץ, דלוח (טאפעל) הוא אחד ולוחה הוא קיבוץ לוחות (געטאפל), ובנסמך בא בפת"ח לוחת במשפטו, והיינו ששני הלוחות מקובצים כאחד למובן אחד, והוא כמ"ש שהכל אחד ואי לאו הא לא קיימא הא.

*) אגב אזכיר כאן שיחה נאה ועמוקה של בעל כשרון אחד שפירש מעניני עוה"ז בדרך קיצונית. וכאשר אמרתי לו: הן צריך לבחור בשביל־הזהב ולמה אתה מתרחק כ"כ בדרך קיצונית? ענה: כשברא הקב"ה את עולמו היה עוה"ז (כלומר: עניני עוה"ז) מקצה מזה ועוה"ב מקצה מזה. מכיון שאני צריך לאחוז בשביל־הזהב מדותי את המרחק שבין עוה"ז ובין עוה"ב ועמדתי מכוון באמצע. מה עשו בני אדם? המשיכו את עניני העוה"ז הלאה על מרחק מאה מיל, כך שבכדי לאחוז בשביל־הזהב הוכרחתי לשנות מקומי ולהתקרב המשיב מיל לצד עוה"ז ונמצאתי שוב באמצע, בין עוה"ז לעוה"ב. כעבור זמן הרחיבו בני אדם שוב את גבולות עוה"ז — ואני נמשך שוב לצדם למחצה בכדי לשמור על שביל־הזהב. ככה ארכו מאות ואלפים שנה ואני הולך ומשנה תמיד את מקומי ונמשך אחריהם, עד שהבטתי פעם לצד עוה"ב ונבהלתי לראות שלאט לאט נתרחקתי כ"כ עד שרחוק אני ממנו אלפי אלפים מיל. אז אמרתי ללבי שטעות היא בידי. וכי בשביל שבני אדם הולכים ומרחיבים את גבולות עוה"ז משתנה שביל־הזהב ואני אלך ואתרחק כ"כ מעוה"ב? לא, לא זהו שביל הזהב ולא זוהי אמצע הדרך! שביל־הזהב הוא הקו שבין דרישות עוה"ב ודרישות הנאותות של עוה"ז, כמו שהיו טרם התחכמו (או הסכילו) בני אדם להרחיב את גבוליהן. חזרתי לאחורי, מדותי מרחק אחרון זה ועמדתי על מקומי הראשון בשביל־הזהב האמיתי ולא באותו המעושה ע"י בנ"א.

אם לא לחקות — הרבה יש ללמוד מזה!

(פון די אַרויסגעבערס:).

צוליב דעם גרויסן ווערט פון דער איבענשטייענדיקער אָנמערקונג און איר ציניינגליכקייט אויך פאַר'ן ברייטערן קרייז לעזער איבערזעצן מיר עס אין אידיש:

„אַגב ווייל איך דאָ דערמאָנען אַ טיפן וואָרט פון איינעם אַ גרויסן בעל כשרון, וואָס האָט זיך עקסטרעם דערווייטערט פון די ענינים פון עולם הזה, און ווען איך האָב איהם געזאָגט: מ'דאַרף גיין אין דעם „גאָלדענעם מיטל־וועג", פאַרוואָס זשע דערווייטערסטו זיך אַזוי עקסטרעם? האָט ער מיר געענטפערט פאָלגענדיקעס:

דער גלויביקער האָט אַליאַ אַ נעהויבענעם צוועק אין לעבן. אַ הויכע באַפרידיקונג, און עס איז אים ליכטיג אין דער ג־טהייט, וואָס איז ממלא כל חללין דעלמא. (ה׳ אורי 1), באורך נראה אור 2), והיה ה׳ לך לאור עולם 3), ה׳ אור לי 4) ועוד. ער האָט אין לעבן אַ גלייכנעוויכט. („אשרי אדם עוז לו בך מסלות בלבבם" 5) ואמרו חז"ל: „מסלות בלבבם" — אלו דשבילין דאורייתא כבישין בלבהון 6)) און ווייס אַז אין שטאַרבן ווערט ער ניט צו נישט, ניַיערט גייט איבער אין אַ בעסערן, העכערן לעבן. („יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה" 7) — „איין צופרידענער מאָמענט אויף יענער וועלט איז ווערט־פולער ווי דאָס גאַנצע לעבן אויף דער וועלט"). דער אומגלויביקער אבער

---

ווען הקב"ה האָט באַשאַפן די וועלט, איז געווען די עולם הזה (ד. ה. די ענינים פון עולם הזה) ביי איין ברעג און עולם הבא ביים צווייטן ברעג. ווִיסנדיק אַז איך דאַרף גיין אין דעם מיטל וועג, האָב איך אויסגעמאָסטן די דיסטאַנץ צווישן עולם הזה און עולם הבא און האָב זיך געשטעלט פונקט אין מיטען. וואָס האָבן אָבער געטאָן די מענשן? זיי האָבן אויסגעציינן די ענינים פון עולם הזה אויף נאָך הונדערט מייל. אַזוי אַז בכדי איך זאָל בלייבן שטיין אין דעם גאָלדענעם מיטען בין איך געווען געצוואונגן צו פאַרלאָזן מיין פריער פאַרנומענעם פּלאַץ און צורוקן זיך פופציג מייל צו עולם הזה און אַזוי אַרום בין איך ווייטער געבליבן אין דער מיטען צווישן עולם הזה און עולם הבא. אין אַ שטיק צייט אַרום האָבן די מענשן ווייטער פאַרברייטערט די גרעניצן פון עולם הזה — און איך רוק זיך ווייטער צו צו זייער זייט אויף אַ העלפט בכדי צו בלייבן אין דעם גאָלדענעם מיטען. אַזוי האָט עס געדויערט הונדערטער און טויזנטער יאָרן און איך פאַרלאָז אַלע מאָל מיין פּלאַץ און רוק זיך אַלץ צו אויף דער העלפט צו זיי. ביז איך האָב מיר איינמאָל אַ קוק געטאָן צו עולם הבא זייט און האָב מיך דערשראָקן. זעהענדיק אַז ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז האָב איך מיך אַזוי דערווייטערט פון עולם הבא אַז איך בין שוין פון אים ווייט מיליאָנען מייל. דאַן האָב איך מיך באַטראַכט, אַז איך האָב נאָר אין גאַנצן אַ טעות. צו דען ווייל די מענשן פאַרברייטערן אַלע מאָל די גרעניצן פון עולם הזה ווערט געענדערט דער „גאָלדענער מיטל וועג" און איך װעל מיר אַלץ מער גיין און דערווייטערן זיך פון עולם הבא? ניין, ניט דאָס איז דער גאָלדענער וועג. ניט דאָס איז דער מיטען! דער מיטל וועג איז די ליניע וואָס ווערט געצויגן צווישן די פאָדערונגן פון עולם הבא און די ריכטיגע פאָדערונגן פון עולם הזה ווי זיי זיינען געווען איידער די מענשן האָבן זיך אויסגעקלינט (אָדער באַנאַרישט) צו

---

1) תהלים, כ"ז, א. 2) שם, ל"ו, ו׳. 3) ישעי׳, ס׳, י"ט. 4) מיכה, ז׳, ח׳. 5) תהלים, פ"ד, ו׳. 6) ויק"ר פי"ז. 7) אבות, פ"ד, פי"ח.

טראגט אין ציל־לאָזיקייט און צוועק־לאָזיקייט אַ שטענדיקע לעערקייט אין הארצן, אַ אייביקע באַטריבטקייט אין מוח, זוכט שטענדיק באַפרידיגונג און געפינט קוים. *) (מיר ריידן, נאַטירליך, נאָר פון ערנסטע, דיינקענדע מענשן, ניט אבער פון פאַר'שיכור'טע פון לעבענס־רויש. וואס דיינקן איבערהויפט נאָר ניט).

„החיים והמות נתתי לפניך, הברכה והקללה.

ו ב ח ר ת ב ח י י ם

למען תחיה אתה וזרעך" ! 1).

ד. ה. לעבן און טויט האָב איך געגעבן פאַר דיר. זעגן און פלוך,

ק ל י י ב א ו י ס ד ע ם ל ע ב ן !

לעבן זאָלסטו און דיינע קינדער

ווייל אַ אויסשוויפנדער, אויסגעלאַסענער לעבן איז טויט. קלוגע נאַטירליכע איינשריינקונג איז לעבן !

* * *

צולעצט עטליכע ווערטער וועגן די פריער דערמאָנטע "יענע" פרויען וואס אנטציהען זיך פון מקיים צו זיין דעם גרויסן דין פון טהרת־המשפחה.

ביי דעם איבערוויגנדיקן טייל פון זיי איז די סבה — עם־הארצות, אומוויסנהייט. זיי ווייסן ניט די ה א ר ב ק י י ט און ו י י כ ט י ק י י ט פון דער זאַך און מיינען, אַז דאָס איז עפּיס נאָר אַ מנהג, פון וועלכן מ'קען זיך לייכט און אומבאַשטראָפט ענטזאָגן. און אנדערע פון זיי ווייסן שוין נאָר נאַרניט. אַ טייל מיינען צו זיין ג ע ג ן דעם דין אבער אין אמת'ן זיינען

פאַרברייטערן זייערע גרעניצן. איך האָב מיך אַלזאָ אומגעקערט צוריק, אָפּגעמאָסטן די ראַזיקע דיסטאַנץ און האָב מיר געשטעלט אָפּן מ י ט ע ן , אויף מיין פריערדיקן אָרט, אויף דעם א מ ת ' ן „גאָלדענעם מיטען" און ניט אויף ד ע ם פון מענשן אויסגעקינסטעלטן

אויב ניט נאָכטאָן — קען מען דאָך פיל לערנען פון דעם !

*) „תמים תהיה עם ה' אלקיך" 2) — כשאתה „עם ה' אלקיך" הנך „תמים", א ד ם ש ל ם , ולא מלא סתירות וניגודים, בלי שניות, בלי התפלגות ולבך לא ינוע כנור הקנה. וכן „התהלך לפני" — וממילא — „והיה תמים" 3).

1) דברים, ל', י"ט. 2) שם, י"ח, י"ג. 3) בראשית, י"ז, א'.

זיי נאָר פ א ר דער מ אָ ד ע זיי מיינען, אז דאס זאָל שוין זיין ניט־מאָדערן, ווייל די פ י ל ע, וואס זיינען עס י ע מקיים, טוען עס, ווי די שיינע אידישע מדה, „בצניעות". *) (גוט באַמערקט! נ י ט ב„בושה" נאָר ב„צניעות". **)) ווען נאָר ווייניגע ווייסן דערפון. דאַגעגן אבער די וואס זיינען עס נ י ט מקיים ריידן אָפן ווען רעם; און אויך דערפאר ווייל שוין אין א געוויסער פריערדיקער צייט האט א געוויסער טייל איבער ד ע ם געשפּאָט. (און שפּאָט איז, ווי באקאנט, א געפערליכער ניפּט, ווייט געפערליכער אלס שטרייט און קאמפף. באשטרייט מען א זאך מוז מען דאך דאצו ברייננן ל אָ נ י ש ע, ז א כ ל י כ ע ארגומענטן, דאן לאָזט זיך דאגעגן ברייננן זאכליכע לאגישע געגן-ארגומענטן. דאן איז עָס א שטרייט צווישן שכל און שכל, צווישן לאָגיס און לאָגיק, דאן איז עס מענשליך־אנשטענדיק. גאנץ אנדערש איז עס מיט באַשפּאָטונג, אויסלאכונג, חוזק־מאכונג. דאָ איז ניטא קיין לאָגיק, קיין שכל („בקש לץ חכמה ואין" 1), דער לץ וויל ווייזן חכמות — האט עס אבער ניט) און — גרעסטענטיילס — אויך קיין א נ ש ט ע נ ד י ־ ק י י ט . . . געגן וויסטע ליצנות און גראבע חוזק-מאכונג קען מען ניט געגן-שטעלן לאָגיק, שכל און זאכליכע ארגומענטן, אזוי ווי מ'קען ניט ווירקן מיט לאָגיק אפן הוילנדען ווינט ***). דעריבער איז אזעלכע שפּאט און ליצנות כמעט נאר ניט געפערליך פאר א מ ת ג ע ב י ל ד ע ט ע , פארנינפטיגע פרויען, וועלכע זיינען באקאנט מיט דער זאך און באזיצן אייגענעם שכל, לאָגיקע, אורטיילס-קראפט. עס איז אבער העכסט געפערליך פאר די א ו נ ־ געבילדעטע (אדער ק ו ו א ז י־געבילדעטע), א ו נ פארנינפטיגע, וועלכע זיינען נאר ווייניג אדער נארניט באקאנט מיט דער זאך און האבן ניט, קיין אייגענע אורטיילס־קראפט. דיזע לעצטע, ניט האבענדיק קיין לאָגישע קראפט און קיין פעסטן כאראקטער זיך געגן־צו־שטעלן געגן די שפּאָטער, פאלן לייכט־זיניג ארונטער אונטער פ ר ע מ ד ן איינפלוס. און דאס ערגסטע דאביי

---

*) יו"ד, סוס"י קצ"ח.

**) „צניעות" און „בושה" זיינען צוויי פארשידענע באגריפן. „צניעות" איז גייסט־אדעלינע באשיידנהייט, אין־זיך־געהאלטנקייט, אין געגנזאץ צו גראָבער ארויסרופנדיקער נאסן-שרייאינקייט. „בושה" הייסט, ווען מען פיהלט די נישטיקייט אדער פארברעכערישקייט פון א טאט און מ'שעמט זיך דארום.

***) קורא אני ע"ז: „כרו לי ז ד י ם שיחות (שיחות — שיחות) אשר לא כתורתך" 2). ו „ ז ד יהיר ל ץ שמו" 3). וכתיב: „לץ תכה... והוכיח לחכם" 4) — כי ללץ אין תועלת בהוכחות.

---

1) משלי, י"ד, ו'. 2) תהלים, קי"ט, פ"ה. 3) משלי, כ"א, כ"ד. 4) שם, י"ט, כ"ה.

איז, וואס זיי נארן זיך זעלבסט אפ און מיינען, אז דאס איז זייער א י י ־ ג ע נ ע מיינונג, אז זיי זיינען מאָדערן... זיי פארשטייען ניט, אז דאס איז נאר אָנגעוועהט (אָנגעבלאזן) פון דרויסנדיקן ליצנות־ווינט, וועלכן זיי האבן אלס שוועכלינגע אָן ווידערשטאנד איינגעאָטעמט... *) זאָלן זיי עס באטראכטן, זאלן זיי עס פארשטיין!). גריבעלט מען זיך אבער ווייטער אין דער היסטאָריע געפינט מען, אז דער הויפט־וואָרצל פון יענער באשפּאָטונג ליגט טיפער, אז דער הויפט־וואָרצל געפינט זיך אין א עפּאָכע, וואָס האט זיך געשעמט ניט מיט ד ע ם אָדער י ע נ ע ם אידישן דין, נאר מיטן עצם „איד“, מיט דער אידישער „א נ ד ע ר ש ק י י ט“ אלס די ארומיקע וועלט, און האט געוואָלט לייז ווערן דערפון. און ווי עס טרעפט שוין אָפט אין דער היסטאָריע, ווען דער וואָרצל איז שוין לייגנסט צופוילט עקסיסטירן נאָך זיינע „אויסוואוקסן“ אף דער אָבערפלעכע און געדייהען רייכליך. אזוי איז עס אויך דאָ דער פאַל.

דער הויפט־וואָרצל ליגט אין יענער עפּאָכע, ווען איינינע געהויבענע פערזענליכקייטן פון דער ארומיקער וועלט האבן אָנגעהויבן פריידיקן מענשן־גלייכהייט און רעכט־גלייכהייט פאר אלעמען, דארונטער אויך פאר אידן, און פילע האבן געמיינט, אז עס קומט שוין טאקע די גאנצע ישועה, — האבן מאנכע פון אונז ארויסגעלאזן אזעלכע לאזונגען, וואָס האבן שפּעטער געצייטיגט פאר אונז גיפטיקע פרוכט. ווען די פריידיקונג פון די געהויבענע פערזענליכקייטן פון „א ר ו ם“ האבן אין מאנכע לענדער, דורך פארשיידענע גינסטיקע אומשטענדן, געפונען א ברייטערן אָפּקלאַנג און ענדליך פארוואנדעלט געוואָרן אין א „ווירקליכקייט“ (ד. ה. אידן האבן באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג, ערטערווייז, אמת, נאַר אָפּן פּאַפּיר) און אין אנדערע לענדער האט מען ג ע ה א פ ט אף אזא ווירקליכקייט — האָט זיך אָנגעהויבן צייטיגן די דערמאָנטע פרוכט. האט זיך אָנגעהויבן די באהעלטעניש־שפּיל, די פארטושונג פון אידנטום, פארטושונג פון „אנדערשקייט“, דערגייענדיק אָפט ביז זעלבסט־פארלייקענונג... אלץ וואָס אידיש איז געוואָרן מיאוס, אלץ וואס ניט־אידיש — אידעעל־שיין...

די געהאָפטע „ווירקליכקייט“ איז אָבער, לייד'ער, ניט געקומען און די ג ע ק ו מ ע נ ע איז געווען נאָר א קוואזי־ווירקליכקייט. אז דאָס איז אזוי, אז די גלייכבארעכטיקונג איז נאָך ניט געווען קיין עכטע, האט מען דאן און דאָרט געזעהן שוין פון ד ע ם, וואָס צו דער שיינער „ווירקליכקייט“ האָט זיך צונעמישט א ביי־געשמאק פון חסד, ד. ה. די „בארעכטיקטע“ זיינען גע־

אָנמערקונג.

*) דאס איז א מין היפּנאָז. און ביי היפּנאָטיזם מערקט מען טאקי דיזע איינגשאפטן. היפּנאָטיזם ווירקט צום לייכסטן אף שוואכע תאראקטערן און וואס מער מ'אינטערגיט זיך דעם היפּנאָז אלץ שוואכער ווערט די ווידערשטאנדס־קראפט, אלץ לייכטער ווערט דעם היפּנאָטיזירער איינצווירקן 1).

1) Dr. A. Moll. „Der Hypnotismus“, 3-te Aufl. S. 45.

וואָרן כמעט ווי באַננעדינ׳טע. זאָגאַר מאַנכע פון די דערמאָנטע געהויבענע פערזענליכקייטן האָבן, דוכט מיר, זייערע פרעדיגטן געפיהלט אַלס גרויסמוט... אפשר אַלס „אַראָפּלאָזונג“. (אין די אידישע קרייזן, אין די באַקאַנטע סאלאָנען האָט מען עס געוויס אַזוי אויפגעפאַסט. צאַלנדיק דערפאַר מיט זעלבסט־אויפאָפּערונג, מיט ביטול־היש). דאָ ליגט שוין אין גרונט די טיפע סתירה צום עצם רעכט־גלייכהייטס־פרינציפּ. ווייל „רעכט“ איז ניט קיין גנאָדע און „גנאָדע“ איז נאָך ווייט ניט קיין רעכט. ביי אַזא אויפפאַסונג (אָדער אפילו נאר אינערליכן פיהלען) פון דעם „ארוב“ קען זיך בשום אופן ניט איינוואָרצלען דער אבסאָלוטער רעכטס־געפיהל פון מענשן־גלייכהייט. די דאזיקע צוויי באַנריפן אָדער געפיהלן זיינען זיך פון גרונט־אויס סותר. דאָס איז פיליכט דער מיין פון פסוק: „צדקה תרומם גוי וחסד לאומים חטאת“ 1). גערעכטיקייט דערהויבט א פאלק, די פעלקער גנאַדע איז א זינד“. ד. ה., ווי געזאָגט, גערעכטיקייט דערהויבט א פאלק, ווען אבער מ׳טוט עס נאר אלס גנאדע — איז עס אַ זינד, א פארגעהן געגן די גערעכטיקייט. ווייל דא איז שוין ניטא די גערעכטיקייט. פּראָפ. סימענסאָן ע"ה פון קאָפּענהאגן האט מיר דערציילט, אז ווען מ׳האט אים געפרעגט, פארוואס ער האט זיך ענטזאגט פון דער איס פארגעלייגטער קאפּעדרע אין א אוניווערזיטעט, האט ער געענטפערט: איך וועל אננעהמען אַזא קאפּעדרע דאַן, ווען א איד וועט דאָרט ווערן באַשטימט פאר פראפעסאָר און די צייטונגען זועלן וועגן דעם ניט שרייבן. (דאס מיינט, ווען עס וועט ניט זיין פאררעכנט פאר א געשעהעניש).

די צייטן האבן זיך שטארק געביטן, די זעלבסט־פארלייקענונג העלפט ניט, די „אנדערשקייט“ בלייבט זאָ ווי זאָ, ניטא שוין מער די באַוועג־גרונטן, דער גרונט־פרינציפּ איז שוין פארוואַנדעלט געוואָרן אין אַ אָפענעם טעות, אַבער די געוואוינהייט צו גרינגשעצן אַלעס אידישעס, צו שעמען זיך מיט דעם, איז נאָך ביי „יענע“ געבליבן... זיי פארשטייען נאָך אַלץ ניט, אז אונזער אָרט איז נאָר אין די אידישע ראַהמען, אין די אידישע גרעניצן, און אז האַלבע וועג איז קיין וועג....

זיי פארשטייען נאָר ניט וואוהין דער „גלגל החוזר“ פיהרט אונז, וואוהין דער שווינגענדער ראָד פון היסטאָריע דרייענט אונז... ניין, ניט דער ראָד פון היסטאריע נאר די גרויסע האנט וואס לייגקט אים, די האנט וואס איז לעצטענס פארוואנדעלט געוואָרן אין א „זרוע נטויה“. אין א מעכטיג דרויענדיקן אָרם, וואס צייגט אונז דרויענדיק דעם וועג: צוריק...! צוריק...! *) צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט, מ׳טרייבט אונז פון אויכן

---

*) והעולה על רוחכם היו לא תהיה אשר אתם אומרים נהיה כגוים במשפחות הארצות.... חי אני נאם ה׳ אלק׳ אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה אמלוך עליכם (יחזקאל, כ׳, ל"ב, ל"ג).

---

1) משלי, י"ד, ל"ד.

און פון אונטן צו זיין א „עם לבדד ישכון". צו זיין א פאלק פארזיך... צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט. פארשטיין און לערנען פון דעם מוזן מיר...!

---

וע"פ המעשים המתגלים לעינינו אני ממליץ סיפא דקרא: והוצאתי אתכם מן העמים וקבצתי אתכם מן הארצות וגו' וכן (שם, ל"ו, כ"ד) ולקחתי אתכם מן הגוים וקבצתי אתכם מכל הארצות והבאתי אתכם אל אדמתכם. והרי היינו הוצאה ולקיחה מן העמים והגוים היינו קביצה מתוך הארצות? ובעקב המעשים אנו מבינים — תחלה פליטה (שבע"כ) וגרוש מני הגוים שנבלעו ונתבוללו בקרבם ועדיין נשארו בארצותיהם, ואח"כ וקבצתי אתכם מן הארצות והבאתי אתכם אל אדמתכם בב"א.

מדברי חז"ל במק"א אנו רואים אחד מציורי היד החזקה, באמרם: ר"א אומר אם ישראל עושין תשובה נגאלין ואם לאו אין נגאלין, א"ל ר' יהושע אם אין עושין תשובה אין נגאלין? אלא הקב"ה מעמיד להן מלך שגזורותיו קשות כהמן וישראל עושין תשובה ומחזירן למוטב. 1) המאמר הזה, אף כי סגנונו כפשוטו מוציאים אותו מכלל המאמרים שהורגלו להסב אותם לדרך המליצה ופשטיותו מפרפרת „ודוקרת את העין". בכ"ז אחרי עבור עלינו דורות אחדים של שלוה — בערך — ואחרי השתרר בעולם דעות החופש, השויון ומשפט-האדם ונדמה שהם יסוד עולם כאזור מאיתני הטבע שאין להזיזו ולשנותו — אחרי כל זה נדמה לרבים שהתקיימותו (של המאמר) הנה רחוקה, רחוקה בזמן שהוא חוץ „לסדרי זמנים" ולא עמד נגד עיניהם בכל עירומו להרעיד את הלב ולפשט עקמימיותו. (גדולה חזקה (סטאטוס קווא) במושגי האדם ורעיוניו). ואם הוכנו במקומות ידועים צרות לעמנו, לא וזששו לסירכא ממקום למקום. (מה שאני מסמיך ע"ד המליצה למה שסיפרו רז"ל על טור מלכא דקטלו בה תלתא יומא ותלתא לילוותא ובהך ניסא הלולי וחנני ולא הוו ידעי הני כהני... (גיטין נ"ז)). אבל אוי לנו שעלתה בימינו להוכח עד כמה דבריהם ז"ל אמת וצדק בפשטות נוראה, כתובים באש שחורה אחורי כתלינו והמציאות משרטטת ביד אכזריה את סמל הבלהות על חרבות ההשכלה האנושית שהתאמרה לכלות את החיה שבארם ואמרה: בלעתיה... כי הנה פתאום כוסו השמים ענני צלמות ושודי שחת של ימי-הבינים קמו לתחיה אחרי מות מדומה. הכל צולל וטובע בים שגעון ומהפכה ואין מעמד, אין יתד ואין תלי... (מאריך רוחי' וגבי דידי' 2)). וה„תשובה", אפילו שלא לאנשי מעלה שאליהם באה הידיעה בדרך ההכרה הישרה וההוכחות, הכרה פנימית ועילאית, „וידעת היום ווהשבות אל לבבך וגו'" 3) — אלא אפילו לעומדים במדרגה נמוכה, ה„השובה" וה„שיבה" (אומקעהר) היא כל כך פשוטה, כל כך טבעית, מודרנת מלמטה למעלה. מגורשים מתוך סביבת השכנים „כתעובים ואין לקרב, כשנואים ואין לאהוב,

---

1) סנהדרין, צ"ח. 2) ירושלמי, שקלים, פ"ה, ה"א. 8) דברים, ד', ל"ט.

מ׳טרייבט אונז פון א ו י ב ן און פון א ו נ ט ן. מ׳טרייבט אונז צו זיין א „עם לבדד ישכון“. פון א ו נ ט ן מיינט מען אונז בייז טאָן, פון א ו י ב ן אָבער איז געצילט אונז גוטס טאָן, גרויסציהען. ווען ניט דאָס „עם לבדד ישכון“, ווען ניט די „ספלענדיד איזאָלאַציאָן“, די גלענצנד וויליגע אָפּגעזונדערטקייט און דאָס אינערליכע באַוואוסטזיין פון מאָראַלישער הויכ־ווערטיקייט; ווען ניט דער באַרעכטיגטער, א י י ג נ א ר ט י ק ע ר „אתה בחרתנו“ פון א פאָלק וואָס איז צוויי טויזנט יאָר אונאונטערבראָכן א נרדף און קיין מאָל ניט קיין רודף, צוויי טויזנט יאָר א געשלאָגענער און קיינמאָל ניט קיין שלאָגער, צוויי טויזנט יאָר געמאָרדעט און קיינמאָל ניט קיין מערדער — ווען ניט די דאָזיקע אייגנשאַפטן און דער גערעכטער אינערליכער שטאָלץ איבער זיי, וואָלט דאָס אידישע פאָלק בדרך הטבע מאָראַליש און ממילא אויך פיזיש אויפגעריבן געוואָרן אין משך פון די צוויי־טויזנט-יאָריקע צרות און דערנידערונגען. דאָס זיינען די חז״ל וואָס האָבן דעם אידישן פאָלק אַזוי וואונדערבאַר אויסגעשמידט, אויסגעהאַמערט און אויסגעשטאַטעט מיט אַזאַ געוואַלדיקן כח־הקיום. דאָס זיינען זיי די אמת׳ע שומרי ישראל, וועלכע ס׳האָט אונז געשיינקט דער ש ו מ ר י ש ר א ל ! און דער סוד פון דעם איז: די א ו מ ד ע ר ש י ט ע ר ט ע, גאַנצע געזאַמטהייט פון תורה ומצות, מנהגי ישראל און אייגנאַרטיקער אידישער לעבן ביי אַלע טיילן פון אידיש; פאָלק אין אַלע לענדער פון זיין צושטרייאונג. „צור תעודה ח ת ו ב ת ו ר ה בלמדי“ 1). דאָס איז די אונאויפלייזבאַרע פאַרקניפּטקייט, די דאַמבע (דאַמב) געגן צו־ברעקלונג־כוואַליעס.

ליידער פאַרשטייען עס אָבער ווייניג. ליידער פאַרשטייען ווייניג די גרויסקייט פון חז״ל אויך אָפּן דאָזיקן געביט. די גרויסקייט פון ד י וואָס לעבנדיק אין גרויזאַמסטע צייטן פון חורבן ה א ו מ ה. ווען ס׳איז געווען אַם געפערליכסטן באַדראָט די פאָלקס־עקסיסטענץ קערפּערליך ווי גייסטיג, האָבן זיי פאַרפונדעוועט זיין אייביקן קיום. ווען „כל הגולה כמדורת אש“, ווען דער גלות

---

כדלים ואין לחננם, כגרים ואין לקבל, כבזוים ואין לכבד, כאנוסים ואין מנוס״ 2), — שבים הם אל סביבת היהדות והיא הולכת ומתחבבת עליהם יותר ויותר. תחת ה„כלובים“ וכיבודיהם באו בתי־הכנסיות עם כותלי המזרח, תחת המכללה באה הישיבה וכו׳ וכו׳, כמ״ש חז״ל 3): „וירא אלקים“ — שעשו תשובה הבינונים וגם הרשעים הרהרו לעשות תשובה“... וידעו — אם לא היום, מחר ומחרתים ומחר לאחר זמן — איזהו מקומם ואיה מעוזם (כמו שכבר נשמעו פה ושם גם בקול רם וידויי ה„מתקנים“...), וידעו והכירו כי לא במקרה ולא מבלי דעת נטוו ונארגו חיי היהודים בדורות שלפנינו כך ולא אחרת, ולעג המלגלגים אל חיק חסרון־ידיעתם ישוב.

1) ישעיה, ח׳ ט״ז. 2) פיוט למוסף של יו״כ. 3) ש״ר, פ״א.

איז נעווען ווי איין פייער־בראנד, ארום און ארום געברענט, זיינען ז י י —

און מ י ט זיי גרויסע טיילן פון פאלק — געבליבן שטיין ווי א ברענענדיקער זייל, וואס ברענט און ברענט און ווערט ניט פארברענט. „והנה הסנה בוער באש והסנה איננו אכל" 1). ווי א אוד מוצל מאש. ליידער פארשטייען עס וויניג. זיי זעהען א וואונדערבארן רעזולטאט פון א צוויי־טויזנט־יאריקער עקסיסטענץ פון א געיאגט און געפלאגט, געהארגעט און געברענט פאלק, און זעהען נישט די אפענע סבות און מסבבים פון דעם. זיי מיינען צורייסן די גאלדענע קייט און זי וועט בלייבן גאנץ...

השי"ת זאל געבן, ס'זאל נעמען א סוף צו אלע שלעכץ און ס'זאלן טאקע ביי אונז אין גיכן מקוים ווערן די ווערטער פון דער תורה, וואס אפילו דער גרויסער שונא פון אידישן פאלק, בלעם, האט וועגן זיי פארויסגעזאגט: „הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב"... 2); השי"ת זאל געבן עס זאל ביי אונז אין גיכן אויך מקוים ווערן די ווערטער פון דער תורה, וואס דערזעלבער שונא האט אויך געמוזט מודה זיין אין זייערע מעלות:

„מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל. כ נ ח ל י ם נ ט י ו כגנות עלי נ ה ר, כאהלים אשר נטע ה' כארזים עלי מ י ם 3) (כארזים אשר נטע ה' עלי מ י ם) —

זאגן אף דעם די חז"ל: וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו 4) — מה ראה? ראה שאין פתחי אהליהם מכוונים זה כנגד זה, אמר ראויין הללו שתשרה שכינה עליהן" 5) ו„התחיל משבחן מה טובו אהליך יעקב" 6), ד. ה. „און בלעם האט אויפגעהויבן זיינע אויגן און געזעהן" — „וואס האט ער געזעהן? ער האט געזעהן, אז די טירן פון זייערע צעלטן זיינען ניט איינע קעגן די אנדערע" (בכדי ניט צו קוקן אין פרעמדע פאמיליען־צעלטן) „האט ער געזאגט: דיזע זיינען ווערט, די שכינה זאל אויף זיי רוהען און אנגעהויבן זאגן: מה טובו אהליך יעקב: ווי שיין זיינען דיינע צעלטן, יעקב, ווי שיין דיינע וואוינונגען, ישראל. ווי ט י י כ ן זיינען זיי אויסגעבעט, ווי גארטן־בייטן לעבן פ ל ו ס, ווי שמעקעדיקע בלומען, פון גאט געפלאנצט, ווי טאנען (טאנענבוימער) אויפן װ א ס ע ר"!

א ו י פ ן װ א ס ע ר ג ע פ ל א נ צ ט ! *), **).

---

*) ואמרו חז"ל: למה נסמכו אהלים לנחלים כו' לומר לך מה נחלים מעלין את האדם מ ט ו מ א ה ל ט ה ר ה כו' 7).

**) נאך איינעם נאגנבארן ווערטל מוזן מיר האטש קורץ בארירן, דאס איז דער ווערטל: די תורה איז געגן דעם לעבן.

1) שמות, ג', ב'. 2) במדבר, כ"ג, ט'. 3) שם כ"ד ה' ו'. 4) שם, ב"ב, ס'. 6) ילקוט, תשע"א. 7) ברכות, ט"ז.

* * *

חז"ל זאגן: „בשעה שהיו ישראל במצרים לא היו רואות דם כו' ואח כשישבו במדבר לא היו רואות דם נדה שהיתה שכינה עמהם והנשים קבלו

---

נאכריידן אנדערן איז לייכט, ווייל מען אבער אויך פארשטיין מוז מען אנאליזירן: מיינט מען דערמיט צו זאגן, אז די תורה איז געגן לעבן בכלל, אדער נאר געגן א געוויסן ארט „לעבן" אין א געוויסן פלאץ אין א געוויסער צייט?

מיינט מען זאגן, אז די תורה איז געגן לעבן בכלל — איז עס שקר לעבן און האבן געלעבט הונדערטער דורות מיט דער תורה זעהר גליקליך. מיינט מען זאגן, אז זי איז געגן א געוויסן ארט „לעבן" — איז עס אמת. די תורה שטעלט־אויס א אידעעל מענשליך־אנשטענדיקן געמעסיגטן לעבן, און ווען מ'לעבט זיך אויס אין אירע ראהמען איז זי ניט שווער, ניט באלעסטיגענד, נייערט פארקערט — גליקליך און זעליג מאכנדיק. (כי ישרים דרכי ה' וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם" 1) — רעכט זיינען ג־טס וועגן, צדיקים וואס ווילען דעם תורה־לעבן גייען אין זיי רוהיג און צופרידן, אונבאלעסטיגט, ורשעים וואס געניגט זיי ניט דער געמעסיגטער תורה־לעבן, וואס לבם כים נגרש, וואס זוכן און שטרעבן גרעניץ־לאז זיך אויסצולעבן און זיינען קיינמאל ניט זאט — ווערן אין זיי, אין די דרכי ה', גע־שטרויכעלט, פילנדיק זיי ווי א שווערע לאסט). זי, די תורה, איז אבער געוויס געגן א „לעבן" פון אויסשווייפונג, פון אויסגעלאסנקייט, פון הפקרות, פון גזילה און רציחה, פון ניאוף און ניוול, פון מענשן־האס און מענשן־פיינטזעליקייט. איז שוין א מאל געווען א מדינה, סדום, וואו אלע שלעכץ און בארבאריי זיינען געווארן סאנקציאנירט; זיינען שוין אמאל געווען מדינות, וואו מ'האט אידעאליזירט די העסליכסטע אויסשווייפונגען א. ז. וו. — צו אזעלכע „לעבענס" איז די תורה געוויס נעגן. אזעלכע „לעבנס" ווערן אויך שטענדיק קריטיקירט און באקעמפט פון די בעסערע טיילן פון דער מענשהייט.

מיינט מען זאגן, אז דער ארומיקער לעבן, וועלכן מיר קענען ניט ענדערן, דריקט די אויספילונג פון געוויסע דיני התורה, איז עס אויך ניט גאר פרעציז, ווייל דערזעלבער ארומיקער לעבן דריקט גלייכצייטיג אויך — און נאך פיל מער — די אידן וואס גייען ניט אין דרך התורה. דאס ליגט שוין נאר אין אנ'אנדער פלעכע. דאס איז שוין דער גלות און זיינע רעזולטאטן.

---

1) הושע, י"ד, י'.

את התורה תחלה, שנאמר כה תאמר לבית יעקב וגו', כה תאמר לבית יעקב — אלו הנשים, ואח"כ ותגד לבני ישראל — אלו האנשים 1). ד. ה. די אידישע פרויען — אין מדבר־צייט ר י י ן , ווייל די שכינה האט אין מחנה נערוהט — האבן אנגענומען די תורה פריער, נאכהער די מענער.

וואס הייסט עס „אנגענומען פריער"? איז דען געווען צוויי קבלות־התורה?

דער זין פון דעם איז פאלגענדער:

אין דער צייט פון מתן־תורה האבן אידן געזאגט: „כל אשר דבר ה' נ ע ש ה ו נ ש מ ע" 2). ד. ה. „אלץ וואס גאט האט געהייסן וועלן מיר טאן און הערן". פריער טאן און דערנאך הערן? ווי שיקט זיך עס? איז שוין טאקע געווען אמאל א צדוקי, וואס האט דערפאר די אידן באטיטעלט מיט'ן נאמען „עמא פזיזא". דקדמיתו פומייכו לאודנייכו... איבעיא לכו למשמע אי מציתו קבליתו ואי לא לא קבליתו" 3). ד. ה. „איבעראיילטע פאלק, וועמענס מויל פארשפרעכט איידער די אויערן הערן. איר האט געדארפט פריער הערן, אויב איר קענט וואלט איר אנגענומען, אויב ניט — ניט". אזוי האט גערעדט א צדוקי, אידן אבער האבן געקענט זיכער צוערשט זאגן „נעשה". „מיר וועלן טאן", ווייל זיי זיינען געווען פולשטענדיק זיכער אז אלץ וואס ג־ט זאגט איז גוט. עס פרעגט זיך נאך, אויב אזוי, צו וואס נאך אויספירן דעם „נשמע" „מיר וועלן הערן". דער עיקר איז דאך דער „נעשה" און אויב זיי טוען אויך אן הערן ניט דאך דאס „הערן" גאר ניט צו?

די דערקלערונג איז אבער ד י, וואס „נשמע" הייסט ניט בלויז „הערן" „נשמע" הייסט אויך „פארשטיין" און ד א ס איז דא געמיינט. עס זיינען דא צוויי טייל אין דער תורה: פראקטישע אויספירונג פון די מצות און טעאריע. אלזא הייסט עס „נעשה" — מיר וועלן פראקטיש אלץ מקיים זיין און „נשמע" — מיר וועלן אויך טעארעטיש לערנען און באמיהען זיך צו פארשטיין די דיני התורה, די טעמי התורה, די פרינציפן, ידיעת השם א. ז. וו. און דאס איז טאקע דער ריכטיגער וועג צו קיום התורה, ווי אידן האבן עס אויסגעקליבן: פריער פראקטיש אויספירן די מצות ה' (ווען מען פארשטייט נאך אפילו ניט די טעמים) און נאכער טעארעטיש פארשן, זאל אימיצער פארזוכן טאן פארקערט, פריער טעארעטיש דערפארשן די טעמים מיט ריכטיקייט און נאכהער ערשט אנהויבן פראקטיש מקיים זיין די מצות, וועט ביי אים אוועקגיין כמעט דער גאנצער לעבן אין טעארעטישן דיינקען און זוכן אן קיום המצות, און צו שפעט אדער קיינמאל וועט ער ניט דערגרייכן צום קיום המצות און גאנץ אפט אויך ניט טעארעטיש צום אמת. ריכטיגער איז, ווי די אידן האבן געזאגט, צוערשט מקיים זיין פראקטיש, וועט דאן זיין זה וזה נתקיימו בידם. ביידע זאכן וועט ער דערגרייכן: די ריכטיגע וועג פראקטיש געגאנגען, די געדעכטע זאכן דער־

1) תנחומא, ס"פ מצורע. ועיי' בפי' ע"י שם.
2) שמות, כ"ד, ז'. 3) שבת פ"ח.

פילט, און אויף ד ע ם וועג וועט זיך אים דער מ׳צארעטישער טייל אויך לייכטער איינגעבן. ווייל זיינע דורך תורה געמעסיגטע פירונג און געבונדענער יצר (נאטור־טריב) וועלן ניט רעוואלטירן און איבערק׳בײ׳גן דעם שכל. טוט ער אבער פארקערט, האט ער אין זיך זעלבסט אינערליכע שטערער פון טעא־רעטישן אמת.

און דאס, רעכן איך, איז דער מיין פון חז״ל ווען זיי זאגן: על מה אבדה הארץ כו׳ על עזבם את תורתי״—שלא ברכו בתורה ת ח ל ה״ 1), ד. ה. „ווי איז עס געקומען צום חורבן? — ווייל זיי האבן ניט געמאכט אויף דער תורה די ערשטע ברכה״. ס׳ווערט דערויף אלגעמיין געפרעגט: צוליב דער עבירה פון ברכה אזא גרויסע שטראף? ס׳איז נאך מער פראגליך דאס, וואס ס׳ווערט באזונדערס באטאנט „תחלה״, די ערשטע ברכה. מיט וואס איז די ערשטע ברכה (פאר דעם לערנען) וויכטיגער צום דאזיקן ענין פאר דער צווייטער (וואס נאכן לערנען)? *) קירצער האט געזאלט זיין געזאגט סתם: „שלא ברכו בתורה״. וואלט עס געהייסןביידע ברכות ניט? זאל עס אפשר זיין, אז די לעצטע ברכה האבן זיי יע געמאכט נאר די ערשטע ניט. דאן איז די פראגע: פארוואס האבן זיי טאקע אזוי געטאן? נאך מער: אין פסוק שטייט קלאר: „על מה אבדה הארץ כו׳ על עזבם את תורתי״, די לאנד איז צו גרונד געגאנגען צוליב דעם, וואס זיי האבן פארלאזן די תורה. ווען זיי האבן אבער ניט געמאכט די ברכה פארן לערנען, הייסט דאך אז זיי האבן די תורה י ע געלערנט נאר די ברכה ניט געזאגט. איז וואו איז דא דאס „עזבם את תורתי״?

דאס דערקלערט זיך דערמיט:

ווען מען עסט א פרי, וואס שאפט נאהרונג אדער הנאה, דארף מען פארהער מאכן א ברכה, דאס איז דער פאל ביי א באקאנטע פרי, וואס איך וויים פאראויס אז זי איז נאהרהאפט. געפין איך אבער א אונבאקאנטע פרי קען איך פארהער קיין ברכה ניט מאכן, טאמיר איז עס נאר ניט קיין נוצליכע. אדער איז זי אפשר גאר א שעדליכע. ערשט נאכ׳ן עסן, איבערצייגט פון איר נוצליכקייט, זאג איך די ברכה. אזוי, שיינט, איז געווען דער פאל מיט דער תורה אין דער ערב־חורבן־צייט. מ׳האט איר נאך געלערנט (מאס, צייט און ארט — נאך אומשטענדן...), אבער איר פריערדיקער אויטאריטעט איז שוין ניט געווען. אויטאריטעט פון תורה הייסט: זיין א לעהרער פארן מענשן, א מורה־דרך, וואס ער (דער מענש) זאל פאלגן אירע פארשריפטן, ווען זיין שכל

---

*) האומנם י״ל דשאני ברכה לפניה שהיא מן התורה כמבואר בברכות כ״א, אבל הרי איכא מרבוותא והרמב״ם מכללם .דסברי דגם לפניה הוי רק דרבנן. ועיי׳ בשאג״א סי׳ כ״ה ונשמ״א כלל ט׳ ועוד. ועיי׳ בספרי דבר אברהם ח״א סי׳ ט״ז ובכל אופן אין זה מכריע לגודל העונש כ״כ.

1) ב״מ. פ״ה.

איז יע מסכים אָדער ניט מסכים אויף דעם. דאס קומט נאר דאן, ווען מען איז אַ פריאָרי איבערצייגט אין איר אלס ת ו ר ה. אז אלץ אין איר איז גוט, ריכטיק און הייליג. דאן איז זי אַ תורה; דאן הייסט עס „נעשה". מיר וועלן זיך פירן לויט אירע פאָרשריפטן און נאכהער טאקי וועט עס קומען אויך צו „נשמע". צום פארשטיין; דאן קען מען, עפּענענדיק יעדע באליבינע פרשה (תורה-אָבשניט), מאכן אַ פריער אַ ברכה. ווייל מ'איז איבערצייגט אז אלץ איז גוט. ווען אבער די דאזיקע אויטאָריטעט פעהלט, איז מען שוין ניט מער איבערצייגט, אז אלע פרשיות זיינען גוט. דאַ לייענט מען שוין פ ר י ע ר אום זיך צו איבערצייגן אויב די פרשה געפעלט און דאן ערשט באַפאָלגט מען וואס זי שרייבט פאָר. דאן הייסט עס „נשמע" פריער פארשטיין און נאכהער ערשט „נעשה". (וואס ס'לאָזט זיך צום סוף כמעט שטענדיק אויס נעגאטיוו צוליב פריער-דערמאנטע סיבות). אלזא מאכט מען שוין דאן אַ פריער קיין ברכה ניט. און נאר נאכדעם ווי מען האט דורכגעלייענט און זי געפעלט י״ע קען מען מאכן אַ ברכה שלאחריה. דאן איז זי שוין אבער ניט קיין תורה. דאן לערנט זי שוין ניט דעם מענשן, נאר פארקערט, דער מענש ווערט איר רעצענזענט און ע ר טראגט ארויס זיין אורטייל איבער איה. און ווען די חז"ל זאָגן: „האומר שמועה זו נאה וזו אינה נאה מאבד הונה של תורה" 1), ד. ה. ווער עס זאגט: דיזע שטעלע געפעלט מיר און דיזע ניט, פארניכטעט דעם תורה-ווארט – הייסט עס ניט נאר, אז ער איז מאבד דעם תורה-ווארט פון דער שמועה, וועלכע געפעלט אים נ י ט, נייערט ער איז מאבד דעם תורה-ווארט אויך פון י ע נ ע ר שמועה, וועלכע געפעלט אים י ע, ווייל דאן איז עס שוין איבערהויפּט ביי אים ניט מער קיין תורה.

אלזא ווען „לא ברכו בתורה ת ח ל ה", הייסט עס, אז די תורה האט ביי זיי פארלארן דעם תורה-ווארט, האט שוין די תורה ניט מער קיין ווירקונג אויף זייער לעבן און פירונג, און דאן איז. עס „עוזבם את תורתי", עס איז שוין ניט קיין „נעשה" און וועט אויך ניט זיין קיין „נשמע".

אלזא ווען די אידן האבן געזאגט „נעשה ונשמע". ווען זיי האבן מקבל געווען אויף זיך ביידע חלקים פון דער תורה, דעם חלק „נעשה". די פראקטישע אויספירונג פון מצות המעשיות, און דעם חלק „נשמע", דעם טעארעטישן טייל צו פארשטיין און וויסן, („וידעת את ה' אלקיך"), איז די קבלה נאך ניט געווען אינגאנצן אַ פאָלטינגע; פארטיג איז די קבלה געווען מאָמענטאל נאר אין דעם חלק ה„נעשה". וואס די „קבלה" מאכט שוין אויס די זאך, אין דעם חלק ה„נשמע" אבער — נאך ניט, ווייל דאַ פאָדערט זיך פיל שטודיום, אַ גאנצן לעבן לערנען, דיינקן און זוכן, („והגית בו יומם ולילה"). די פרויען אבער, וועלכע האבן הויפּטזעכליך דעם פראקטישן טייל פון די מצות אבער פון תורה-שטודיום. אלס מצות תלמוד-תורה, זיינען זיי באפרייט. (אע"פ שהיא מ"ע שאין הזמן גרמא) ביי זיי איז די „קבלה" מאָמענטאל געווען אינגאנצן פארטיג. אלזא הייסט עס: „הנשים קבלו את

---

1) עירובין, ס"ד.

התורה תחלה". ביי זיי איז די קבלת התורה ענרגילטיג פארטיג געווארן פריער. און נאכהער און דורך זיי — ביי די מענער. ווייל די פרויען מיט זייער ריכטיגער אידישער פירונג אין הויז און פאמיליע העלפן זייערע מענער, דער־מעגליכן, פאראנלאסן און שפארנען זיי צום קיום המצות, צו לימוד התורה, צו קדושה און טהרה.

פיל, זעהר פיל ליגט אין די הענט פון דער אידישער פרוי איינצווווירקן אויף איר מאן און נאך מער אויף אירע קינדער צו גיין אין דעם רעכטן וועג, בדרך היהדות. זיי זיינען די ריכטיגע, פעסטע זיילן פון דער אידישער הויז, פון דער אידישער פאמיליע. זיי זיינען עס שטענדיג געווען און זיי מוזן עס שטענדיג בלייבן, צו זייער גליק און צום גליק פון גאנצן פאלק. *).

רעדצו איז די ערשטע באדינגונג פאר זיי:

פעסטקייט און אידישקייט, קדושה און ט ה ר ה!

נעשח . . . !

דעריבער איז:

„ב י ת י ע ק ב" ל כ ו ו נ ל כ ה ב א ו ר ה'! 1).

„בית יעקב" — איר פרויען, כשר'ע אידישע טעכטער. „לכו" — גייט איר פארויס אלס ערציערינס פון יונגן דור. וועלכער בילדעט די צוקונפט פון כמים לים מכסים" 3). ווען די וועלט וועט זיין אנגעפילט מיט ג־טליכע וויסנ־פאלס, און נאכהער „ונלכה" — וועלן מיר אלע צוזאמען גיין ב„אור ה'" — אין ג־טס ליכט!

מיר שליסן אונזערע ווערטער מתוך הענין מיט די ווערטער פון א וואונ־דערליכן מאמר חז"ל אין אונזער ענין, וואס זיי זאגן פארויס אין „אחרית הימים": בעולם הזה אדם הולך לשמש עם כו' אין מי מעכב בידו. אבל לעתיד לבוא אם רצה לעשות האבן זועקת ואומרת כו', שנאמר: „כי אבן מקיר תזעק" 2) **). ד. ה. איצטיגע צייטן גייט א מענש טאן די עבירה איז ער אומגעשטערט, לעתיד לבוא אבער ווען ס'וועט זיין „מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים" 3), ווען די וועלט וועט זיין אנגעפילט מיט ג־טליכע וויסנ־

---

*) אמרו ז"ל: מעשה בחסיד אחד שהי' נשוי לחסידה כו' עמדו וגרשו זא"ז, הלך זה ונשא רשעה אחת ועשתה אותו רשע, הלכה זאת ונשאת לרשע ועשתה אותו צדיק, הוי ש ה כ ל מ ן ה א ש ה 4).

**) המאמר הזה ביסודו נוטה ממ"ש במדרש שם (להלן קמ"ו) שלע"ל מתירה ומסתייע מכתוב מפורש בזכרי' „ואת רוח הטומאה אעביר" וכמו"כ אמרו בנדה (ס"א:) בטלות לע"ל. ויש מאמרים אחרים כנגדם. עיי' הגהות הגרצה"ח שם ועוד. ולביאור הענינים יש לי איזה דברים ולא זה מקומם ופה הטעמתים קצת כצורך ענייננו.

1) ישעיה, ב', ה'. 2) מדרש, תהלים, ע"ג. 3) ישעי' י"א ח'. 4) ב"ר, פ"ז.

שאַפט פון די הויכע ביז די נידעריגסטע שיכטן, ווי דאָס וואַסער באַדעקט דעם ים-באָדן, וואָס איז דער נידעריגסטער פּלאַץ אויף דער ערד. (אַז ס'וועט אויך האָבן אַ אויסווירקונג אפילו אויף די בעלי־חיים, ווי ס'איז געזאָגט: "ושעשע יונק על חר פתן ועל מאורת צפעוני גמול ידו הדה... כי מלאה הארץ דעה כו'" 1). ווייל די וועלט איז געוואָרן אָנגעפילט מיט ג. וויסנשאַפט), ווען אַלץ וועט ווערן לויטער און קלאָר, ווען די מענטשן וועלן זיין זיטליך און ריין — דאַן וועט די גרויסע עבירה זיין אַזוי ווייט פּיהלבּאַר און דורכזיכטיג, אַז אפילו שטיינער וועלן נעגן איר שרייען, די ווענט פון צימער וועלן שטורמען *).

און מיר רופן ניט נאָר צו „בית־יעקב" אין אַנפּיר־צייכן, נייערט צו כל בית יעקב, צום גאַנצן אידישן פאָלק:

ב י ת י ע ק ב ל כ ו ו נ ל כ ה ב א ו ר ה'!

---

*) בשנם שבעון בעליהם גם הם לוקין כמ"ש ז"ל לענין נגעי בתים בערכין (ט"ז).

1) ישעי', י"א, ח'.

# מלואים

אלס המשך צו דער אנמערקונג אף זייטע 31 געפינען מיר פאר זעהר נוציג מוסיף צו זיין פאלגענדעס:

מאנכע קראנקייטן פון אומנארמאלע מענסטרואציאן, ווי צו אפטע „רעגעל", פארלייגנערטע בלוטונג א. א., וועלכע זיינען אפט א סבה צו עובר זיין אף די דינים פון טהרת־המשפחה און פיהרן אפט צו קינדער־לאזיקייט — קענען היינט שנעל כמעט מיט זיכערקייט אויסגעהיילט ווערן דורך די נייסטענס דערפונדענע מיטלען פאליקולין, לוטעאין, היפאפיזיס. (Folliculin, Lutein, Hypophysis)

אויספיהרליכעס אין פאלגענדיקן ארטיקל פון ד"ר י. לעווי, ברלין.

בהמשך להערה שבצד 31 ולתועלת החולות ושמירת הדת אנו מוצאים-לנכון להכנים כאן (באיזה קיצורים) מאמר יקר של ד"ר י. לעווי, ברלין, שנדפס זה עתה בירחון „נחלת צבי" שנה שמינית, לחדשים תשרי - מרחשון - כסלו, תרצ"ח, וזהו:

## שינוי סדר הוסת ע"י סמי־מרפא.

סוד יצירת הולד הוא סוד כמוס ונעלם מבני אדם. לשוא ינעו חכמי לב בכל דור ודור לבא עד חקר הפליאה ולא עלתה בידם. גם כיום עוד טרם הצליח המדע להפיץ אור רב על המסתורין הללו הלוטים בערפל.

כמו כן סדר הוסת גם הוא סוד נוסף. זאת רק אנו יודעים כבר, שבכל חודש וחודש אחרי כלות ימי הנדה מתבכרת ביצה אחת באשכול־הביצים (אווריום) של האשה ובימי בכורה של הביצה נוצר שם מיץ ידוע (הורמון) הנקרא „פוליקולין", שיורד עם מרוץ הדם לבית הרחם ובונה שם את הקרום הפנימי שנשחת במשך ימי הנדות. כל זה מתהווה בשני שבועות הראשונים בערך אחר התחלת עונת הנדה.

אז בא הרגע הנפלא שהביצה שהגיעה בינתים לידי גמר בשולה בוקעת את קליפתה ונמלטת לתוך חלל הבטן ומשם תגיע לחלל בית הרחם. מיד אחר המלטת הביצה מנרתיקה מתחיל הנרתיק הריק לחולל מיץ אחר הנקרא בשם „לוטעין" ולהפליטו לתוך הדם. כשיגיע המיץ הזה עם מרוץ הדם לבית

הרחם יפעול שהקרום הפנימי הבנוי כבר ע"י הפוליקולין יתחיל לפלוט ריר וליחה. מטרת כל המעשה הנפלא הזה היא, להכשיר את הקרום לקבל לעת מצוא את הביצה המופראה ע"י זרע האיש שהפגעהו בדרכה מאשכול-הביצים עד בית הרחם.

אכן אם לא תופרה הביצה במשך זמן קצר, במהרה תש כחו של הלוטעין ועל ידי זה יבלה הקרום הפנימי ויתקלקל ולקץ י"ב יום אחרי המלטת הביצה יצאו רסיסיו לחוץ מעורבים בדם — וזהו דם הנדה. בעת ההיא מתחילה שוב ביצה חדשה להתבכר באשכול-הביצים, כאמור, וכן הוזר חלילה בחיי האשה עד שתתעבר או שיחדל להיות לה אורח כנשים.

עוד אחת זכינו להורע והיא: מאין בא הכח הנפלא שעל ידו מתבכרות הביצים מדי חודש בחדשו בקביעות. מושל יש לאשכול-הביצים שמושבו בתוך הגולגולת אצל המוח והוא שקד (דריזע) קטן הנקרא „ה י פ ו פ י ז י ז". השקד הזה ממציא מתוכו שני מיצים בסירוגין, שאחד מהם משפיע על ביכור הביצים החדשות מיד אחר כלות עונת הנדה והשני ממהר את סתירת הקרום הפנימי של בית הרחם וגורם ע"י זה ראית הדם. אולם גם המושל הזה אין בידו לעשות כרצונו בעבדיו שבאשכול-הביצים. גם הוא עצמו עבד הוא לעבדיו האלה. לדוגמא: כל זמן שהפוליקולין מתפשט בדם אין לאל ידו להמציא את המיץ השני שתפקידו למהר את דם הנדה, בעוד שבתנאים אחרים הוא מתהוה בפקודתו. הדברים האלה עדיין אינם ברורים למדי ועלינו להסתפק בידיעה זו שיש יחס פנימי בין המח ואברי ההולדה.

למרות שתוך תוכה של הפליאה נעלם מעין כל, כבר זכינו לידיעות אהדות בדבר המיצים המשפיעים על כל המתהווה בבית הרחם, וגם עלה בידינו להשיגם מתוך אברי בהמות ו ל ה ש ת מ ש ב ה ם ב ת ו ר ס מ י־ מ ר פ א וגם להמציא קצתם בדרך כימי. 1).

סמי-תרופה האלה נותנים לנו במדה ידועה את האפשרות להשפיע על מהלך הוסת ותקון אותם המאורעות בחיי האשה — רבוי ושנוי דמים — שבנקל מביאים לידי פגיעה בדת ישראל.

נתבונן איפוא באיזה מהמקרים יש ביד רופא חדיש לתקן את המעוות העומד לשטן בפני קיום הדת בחיי האשה.

יש שדמי אשה ממהרים לבא ואינם מסתלקים מהר ל ה י ו ת ם מ ר ו ב י ם מ א ו ד ואשה כזאת תהא אסורה לבעלה כמעט כל ימות השנה. למחלה זו אפשר להיות סבות שונות. הסבה היותר שכיחה היא, שהביצה אינה מתבכרת כל צרכה עד שיהא בה כח לבקע את נרתיקה. ע"ז יפלט תמיד המיץ האחר הפוליקולין ו י ה ס ר ה ש נ י, ה ל ו ט ע י ן, שתפקידו לעמוד במקום הפוליקולין אחר שני שבועות. נמצא שתחת שיתהוו בקרום הפנימי של בית הרחם ריר ולחה לבנה בימים הרב. הקרום עצמו יתעבה ויתנפח ויתחיל להזיב ריר בלול בדם. אבל לא הרי הזיבה הזאת כהרי זיבת דם הנדה. כי תחת

1) Butenandt, Zentr. Gynäk No. 2 1935 S 71.

שבימי הנדות הקרום נשחת ויוצא לחוץ כשרסיסיו מעורבים בדם, הנה לרגלי החלי הנזכר הוא נשאר במקומו בבית הרחם אלא שיתעבה ויתקלקל ויזיב דם. 1) המצב הרע הזה ימשך לפעמים כמה חדשים. אך כשהרופא יודע טיב המחלה בנקל יוכל לרפאותה בזמן מועט ע"י הסם „לוטעין" 2). עי"ז שפע הדם יחדל ואחר ד' או ה' ימים נקיים מדם יפתר (ימס) הקרום כראוי, ואז יבא דם הנדה כתקונו והאשה תהיה אח"כ נקיה מדמים.

זהו אחד מן הדרכים שינסה הרופא לבא לעזרת האשה החולנית וברוב המקרים יצליח.

יש שנוי וסת אחר שאפיו שונה מהנ"ל: וסת האשה אמנם קבוע, אלא שהוא מקדים לבא. תחת שעליו לבוא אחת לד' שבועות הוא בא א ח ת ל ש ל ש ה ש ב ו ע ו ת. גם שינוי זה נצב לשטן בדרך האשה החרדה לקיים את הדת, כי מיד אחר ליל טבילתה היא צריכה לדאוג לוסתה החדש הממשמש ובא, ובכן ראויה היא לבעלה רק ימים מועטים בחודש. המצב הזה הנהו עוד יותר רציני כשהאשה מוכת חלי אחר שלסבתו נשקפת לה סכנה אם תתעבר. בעוד שאם היה וסתה לכ"ח יום, כהוגן, היתה יכולה למנוע את ההריון ע"י פרישתה מבעלה כחמשה ימים אחר ליל טבילתה — כי קרוב לודאי הוא שלא תתעבר בימים האחרונים של ימי טהרה, כמו שהוכחתי במקום אחר 3) — הנה אם יהא וסתה לכ' יום ותשתדל להתרחק מבעלה באופן הנ"ל, נמצא שתהא אסורה לבעלה לעולם ממש.

אמנם יש תרופה גם לנשים מסוג הנ"ל ע"י סמי־מרפא החדשים. לשינוי המתואר אפשר שתהיינה ש ת י ס ב ו ת שונות זו מזו: אם שכל מה שמתרחש בחיי נשים אחרות במשך ד' שבועות מצטמצם ומתרכז אצלן בזמן קצר של ג' שבועות, ובכן גם המלטת הביצה מתקדמת אצלן ובאה כבר אחר ט' או י' ימים (במקום י"ג או י"ד יום), אם שהמלטת הביצה אמנם באה בזמנה — אחר ב' שבועות — אלא שדמי הנדה ממהרים לבא לרגלי חולשת ה„לוטעין". [כבר בארנו שהמיץ הזה גורם לקרום בית הרחם להזיב ריר ולחה לבנה ורק אחר שיזובו במה ימים ראוי לדם הנדה לבא, אולם כשיחלש כח הלוטעין יתקצר זמן הזיבה ההיא ודם הנדה ממהר לבא].

כדי לסלק את שתי הסבות האמורות ינסה הרופא ליתן או „פילוקולין"

---

1) אפשר שלמחלת זיבה זו כונה התורה (ויקרא ט"ו כ"ה) באמרה „ואשה כי יזוב זוב דמה ימים רבים בלא עת נדתה".

2) Kaufmann. Deutsche med. Wochenschrift. 1935 No, 22.

3) ע' במאמרי „אין אשה מתעברת אלא — " בירחון „נחלת צבי" מחברת אב־אלול משנת תרצ"ה. שם בארתי את דרך מניעת ההריון הנ"ל, שהוא טבעי בנגוד לדרכים אחרים שבהם משתמשים באמצעים בלתי טבעיים שלא כדת. בינתים הופיע מאמר של שני רופאים באמריקה שבו מודיעים על דבר הנסיונות שעשו עם יותר ממאה נשים בדרך שהצעתי אני והנסיונות עלו יפה.

(L. Latz a. Reiner. natural concept control, Journ. of Americ. med. Associat. 1935. Vol. 105 No. 13 p. 1241.)

בימים הראשונים של הוסת 1), או המיץ של ה„היפופיזית" 2). ע"י האמצעים האלה יעלה בידו לדחות את הוסת מג' לד' שבועות. וכפי שמצאו החוקרים אפשר שאחרי כלות ג' או ד' חדשים יסור הקלקול לגמרי והוסת יבוא מאליו אחר ד' שבועות כראוי גם בלי סמי־מרפא. ויש עוד דרך אחרת לתקן את המעוות, והיא להשתמש ב„לוטעין" עצמו מיום י"ט ואילך, שהלוטעין — כמו שידענו — מעכב בוא הדמים.

כיוצא בזה יכולים הרופאים להסיר גם מכשול אחר העלול לבא ביום החתונה. פעמים, כידוע, דמי הנדה ממהרים לבא ק ו ד ם י ו ם ה ח ו פ ה, ואין צריך להתעכב על המכשולים והקלקולים הנובעים ממקרה כזה. אמנם ע"י ה„לוטעין" יכול הרופא לעכב את בוא הנדות לכמה ימים 3). ולא עוד אלא שאפשרות בידו לדחות את הוסת לכמה חדשים ע"י „פוליקולין" — והוא שיזקת מיד אחר התחלת הראיה האחרונה 4).

באמת יש כח בסמי־מרפא הנ"ל לרפאות גם נשים עקרות במקרים ידועים, אבל אין זה מענינו. אולם כדאי להזכיר שישנן נשים ש א י נ ן י כ ו ל ו ת ל ה ת ע ב ר מפני שמוסרות עצמן על קיום הדת. לדוגמא: אשה שזמן המלטת הביצים יחול אצלה בתוך ז' ימי נקיים אינה יכולה להתעבר עוד לאחר שתטבול מפני שאז כבר תש כחה של הביצה. זהו חלי וענין רע לנשים האומללות האלה המצפות לעיבור מחודש לחודש ומשנה ושנה ותחת זה יבוא וסתן בכל חודש ותוחלתן נכזבה. בצרת לבן זו הן פונות אל הרופאים והללו יועצים להן לשמש עם בעליהן בתוך ז' ימי נקיים מיד אחר סילוק הדמים ובעוד נדתן עליהן. רופא אחר 5), למשל, הודיע שפנתה אליו לעזרה אשה אחת שעברו עליה שבע שנים ולא נתעברה. הרופא בחשבו שאי אפשר היה לה להתעבר מפני שהיתה למודה לשמש רק אחר ליל טבילתה, כדת, — אין כאן מקום להאריך ולחקור אם באמת היה הדבר כן ואם בהחלט היתה נשארת עקרה בגלל הסבה הזאת 6) — יעץ לה לעבור על דת ולשמש בלילה הראשון של ז' ימי נקיים.

הדרך הרע הזה נשנה כמה פעמים בין הרופאים. הנה גם הרב שפירא שליט"א דקאונס מספר בספרו היקר על „טהרת־המשפחה 7), שב' רופאים יעצו לנשים כאלו ל ש מ ש ב ת ו ך י מ י נ ד ת ן שאז לפי דעתם נוח להתעבר. הנה מלבד שהתשמיש באותם הימים הוא איסור כרת, גם כברת הרופאים שעלולה האשה להתעבר בתוך הימים הראשונים של וסתה

---

1) Tietzte, Münch, med, Wochenschrift 1935 № 13
2) Veil, „ „ „ „ № 1
3) Markolous, Praktiky lékar, 1935 № 21
4) B, Zondek-Jeruzalem, Wiener Klin, Wochenschrift 15-17. 1936.
5) Max Flesch, Archiv fur Frauenkunde Bd, 12 p, 122,
6) Jacob Levi, Deütch med, Wochenschrift №, 44. 1932.

7) פארטראג איבער טהרת־המשפחה, קאונס 1936.

היא טעות גמורה. ולא גם צדקו בהשערתם אין הם רשאים לנסות רפוי הגוף ע"י קלקול הנפש.

אבל באמת רופא החרד לא יעשה כמוהם. אלא ישתדל למצא הסבה למה לא הרה האשה. אם מפני שהמלטת הביצים [העת שבה היא נוחה להתעבר] אינה חלה אצלה בתוך ימי טהרה מתוך שארכו לה ימי נדתה — כגון לט' או י'. ימים במקום ה' ימים —, אם מפני שהמלטת הביצים מקדמת אצלה תמיד עד שתחול בתוך ז' ימי נקיים שלה, כמו שבארנו, או שעקרה היא מסבה אחרת. ועכשיו שנמצאים בידינו סמי־מרפא הנזכרים, כל רופא בעל הכרה ינסה לשנות את סדר וסת האשה החולנית כדי שתוכל להתעבר מבלי שתעבור על דת ישראל. וברוב המקרים תושענה הנשים על ידי הסמים האלה.

אין מגמתי בזה לכתוב ספר רפואה. ובכן יהיה די לנו ברמזים האלו, וכוונתי היא רק לעורר שימת לב חכמי התורה לסמי־מרפא החדישים, כדי שתהא היכולת בידם להורות לבנות ישראל את הדרך בו תלכנה מבלי שתעבורנה ח"ו על דת ישראל וכדי שתהיינה הזקות ושלמות בתורה ובאמונה.

דר. יעקב הלוי בערלין.

# השמטה.

**צו זייטע 82 סוף שורה 27**

אנמערקונג:

*) אונזער השערה איז פולשטענדיק באשטעטיגט דורכ'ן באריהמטן אמעריקאנער אסטראנאם הארלען סטאטסאן, וועלכער האט ניט לאנג ארויס־געזאגן, א בוך וועגן די זונ־פלעקן און זייער איינפלוס אויפן מענשן. אין ראזיקן בוך דערקלערט ער אז מיט דער פארמעהרונג פון די זונ־פלעקן באקומט דער מענש מער אקטיוויטעט. די טעטיקייט פון זיין נערוון־סיסטעם הויבט זיך באדייטענד עס האט א גינסטיגע ווירקונג אפן מענשענס שטימונג און זיין ארבעטזאמקייט שטייגט. די געוויקסן ווערן אויך אינטענסיווער אויסצוארבעטן מער דעם וויטאמין „D" וועלכער איז אזוי וויכטיג פארן מענשן. דער פערפאטער גייט אוועק אזוי ווייט, צוצושרייבן די „פראספעריטי" פון די יארן תרפ"ח—פ"ט דעם פאקט, וואס דיזע צייט איז צוזאמען־געפאלן מיט דער מאקסימום־צייט פון די זונ־פלעקן און זייער גוטער איינווירקונג אפן מענשן. דאגעגן די דעפרעסיע פון יאר תרצ"ב איז גראדע פארגעקומען אין דער מינימום־צייט.